STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

NO. 05709

HEYMLOZE

I. B. Alterman

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

הײמלאָזע ✱ י. ב. אַלטערמאַן

י. ב. אַלטערמאַן

היימלאָזע

ד. פּ. יידן אין דייטשלאַנד

אַרויסגעגעבן: „אורלי", תל־אביב

י. ב. אַלטערמאַן / היימלאָזע
פּליטים — יהודי ד. פּ. בגרמניה
אַרויסגעגעבן: „אורלי״, תל־אביב

הוצאה ראשונה תשי״ט — 1959
הוצאה שניה תש״מ — 1980

I. B. ALTERMAN / Hajmloze
D. P. idin in Dajtszland

©

איבערדרוקן אָדער איבערזעצן אָן אַ דערלויבעניש פונעם מחבר פאַרבאָטן

נדפס במדינת ישראל
Printed in Israel

דפוס „אורלי״, ת״א

געווידמעט דעם אָנדענק פון מיין מאַמען: חיה שרה, טאַטן: ירחמיאל יוסף, ברודער: איטשעלע, שוועסטער: חנה דינה, מרים רחל, הנה זיסל און לאה אסתר — אַלע אומגעקומען דורך די דייטשישע מערדער.

ויאמר יהוה אל משה: כתב זאת
זכרון בספר ושים באזני יהושע,
כי מחה אמחה את זכר עמלק
מתחת השמים.
(שמות י״ז — 14)

היימקערער

א. ארנאלד שולץ פארט אהיים

ב. דער אוצר

ג. ארנאלד שולץ פארשפעטיקט

ד. ברוך דיין אמת

א

אַרנאָלד שולץ פאָרט אַהיים

דער האַרבסט־באַגינען איז געווען פאַרנעפּלט און קאַלט.

אויף דער אויגסבורגער באַן־סטאַציע זענען הונדערטער פּאַסאַ־זשירן געשטאַנען פאַר די באַן־רעלסן און אַ מגעדולדיק אָפּגעוואַרט דעם פאַרשפּעטיקטן שנעל־צוג: מינכן — פראַנקפורט. דאָס לאַנגע וואַרטן האָט די דייטשן אַרויסגעבראַכט פון גלייכגעוויכט, דענערווירט. אַ סך פון זיי האָבן באַשולדיקט די אַמעריקאַנער אָקופּאַציע־מאַכט אין ספּעציעל וועלן צעשטערן די אַלטע, גוטע דייטשישע אָרדענונג אויף אַלע לעבנס־געביטן.

צוליבן געדיכטן נעפּל, האָט זיך דער פרימאָרגן לאַנגזאַם געליכטיקט. אויך די צייט איז פאַר די וואַרטנדיקע פּאַמעלעך פאַרביי. מ׳האָט געוואַרט אַ שעה און נאָך אַ שעה און די באַן איז אַלץ נישט אָנגעקומען. עטלעכע מינוט פאַר ניין האָט מען ענדלעך דערהערט אויס־רופן דורך די מעגאַפאָן־הילכער, אַז דער שנעל־צוג מינכן—פראַנקפורט קומט אָן און מ׳זאָל זיך אָפּרוקן פון די רעלסן.

די מעלדונג האָט עטוואָס באַרויקט. אייניקע סקעפּטיקער האָבן אָבער נישט געפאָלגט די אָנווייזונג, זיך אָפּצורוקן פון די רעלסן. פון זייערע כעסיקע רייד האָט מען געהערט, אַז זיי גלייבן נישט מער די נייע, נאָכמלחמהדיקע באַן־באַאַמטע, וואָס האָבן זיך שוין אין עטלעכע פאַלן טועה געווען, בעטנדיק דערנאָך אַנטשולדיקונג, וואָס „צוליב אַזאַ און אַזאַ סיבה האָט זיך דער צוג געמוזט פאַרהאַלטן פאַר דער סטאַציע״.

זיי האָבן נאָך מער געשפּאָט פון דער אַמעריקאַנער מיסווירטשאַפט. ווען ס׳האָט זיך אָבער דערהערט אַ סיגנאַל פון דער באַן, האָבן זיך אַלע דערוווייטערט פון די רעלסן. מ׳האָט נייגעריק געקוקט אויף דער זייט, פונוואַנען דער צוג דאַרף אָנקומען. פון דער נעפּלדיקער טונקלקייט האָט זיך אָנגעהויבן מערקן אַ קליין פייער־פּינטעלע, וואָס האָט זיך לאַנגזאַם פאַרגרעסערט, געוואָרן ליכטיקער, פלאַמיקער און אויסגעזען ווי אַן אונ־טערגייענדיקע זון צווישן וואָלקנס. מיטאַמאָל האָט זיך דער פייערדיקער קיילעך צעהאַלבט אויף צוויי ברענענדע לעמפּ, וואָס האָבן זיך שנעל דער־נענטערט. און רעשיק, מיט האָסטיקער געסאַפּעריי, איז אָנגעלאָפן אַ לאָקאָמאָטיוו מיט הינטער זיך נאָכשלעפּנדיקע פּאַסאַזשיר־וואַגאָנען.

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ בהלהדיק געלויפעריי. אַלע צעעפנטע וואַגאָן־טירן זענען געוואָרן באַלאַגערט פון די פּאַסאַזשירן, וואָס האָבן, אַלע מיטאַמאָל, געוואָלט זיך אַריינשטופּן אין די וואַגאָנען, אָנגעשטאָפּטע מיט רייזנדע. דער געדראַנג איז געווען גאָר גרויס. ווער ס׳האָט דעמאָלט באַמערקט די צעווילדעוועטע מענער און פרויען, זייערע צעפלאַמטע פּנימער, האָט גאָר נישט געגלויבט, אַז דאָס זענען די אַמאָליקע רויקע, „קולטורעלע״ און דיסציפּלינירטע דייטשן, וואָס פלעגן, אין די גוטע, פּאַר מלחמה יאָרן, איינשטייגן אין די באַנען פלעגמאַטיש־רויק, מיט אַזאַ סטאָישער האַלטונג, זעלבסט־זיכערקייט, גלייך ווי עלעקטרישע אויטאָ־מאַטן וואָלטן זיי געהויבן פון דער ערד, אַריינגערוקט אין די וואַגאָנען און באַזעצט אויף די פּלעצער. גאַנץ אַנדערש האָבן זיי אויסגעזען דאָס מאָל. מ׳האָט זיך ווילד געשטופּט, קעגנזייטיק געזידלט מיט ווולגאַרע ווערטער, באַגלייט מיט כעסיקע „סאַקראַמענטי״־אויסגעשרייען. נאָך אַ פּאָר מינוטיקן געראַנגל, האָבן זיך אַלע וואַגאָן־טירן געשלאָסן. אינדרויסן זענען איבערגעבליבן די מערסטע פּאַסאַזשירן. אין די וואַגאָנען האָבן זיך בלויז אַריינגעריסן די יינגע און שטאַרקע. אַ סך פּאַסאַזשירן האָבן זיך אַריינגעכאַפּט אין דעם לעצטן וואַגאַנדל, וואָס איז געווען אַן קופּעס און האָט אויסגעזען ווי אַ פּראָווינצער וואָקזאַלעכל. אין דעם אַ וואַגאַנדל, אָנגעפּאַקט מיט רייזנדע, איז געווען הייס, טומלדיק. אַלע דייטשן, סיי די זיצנדיקע אויף די דריי לאַנגע בענק, אויסגעשטעלטע לענגאויס דעם

וואַגאַנדל און סיי די שטייענדיקע, זענען געווען בייז אויף די צוגעקו־מענע פּאַסאַזשירן. מ׳האָט זיך קעגנזייטיק אָנגעקוקט מיט שנאה. ס׳האָט אויסגעזען ווי זיי וואָלטן אַלע געווען נאָך אַ געשלעג.

אַ פּיף און די באַן האָט זיך גערירט פון אָרט. אינאַנהויב האָט זיך געדאַכט, אַז די פון באַמבעס צעשטערטע הייזער מיט די קופּעס אָנגעשיטן ברוכוואַרג הויבן זיך אַן באַוועגן, רוקן זיך אויף צוריק. ביסלעכווייז זענען די אַלטע און די נייע פּאַסאַזשירן צווישן זיך היימיש געוואָרן. אַ טייל אַריינגעקומענע האָט צעעפנט די רוק־זעק, טשעמאָדאַ־נעס, אַרויסגענומען שטיקער קוכן, געבעקסן, שניצלען, וווּרשט־שניטקעס, הייסע קאַווע פון וואַרעם־פלעשער, קאַלטע געטראַנקען און פאַרשידענע פּרוכטן. ווערנדיק צווישן זיך מער היימישער, האָבןביידע צדדים אָנגעהויבן צוביסלעך פאַרפירן שמועסן. גערעדט האָט מען וועגן איין טעמע: ווער עס איז דער הויפּט־שולדיקער אין דער נויט אין דייטשלאַנד

כמעט אַלע שמועסער האָבן פעסטגעשטעלט, אַז שולדיק זענען די רוסן, אַמעריקאַנער און דער עיקר — די יידן, וואָס האָבן אַן אומגעהוירע השפּעה אויפן קאָמוניזם און קאַפּיטאַליזם, זענען פאַראינטערעסירט אין דייטשלאַנדס כסדרדיקע עקאָנאָמישע נידערלאַגן און אין אויסהונגערן דאָס דייטשישע פאָלק.

צווישן די רייזנדע האָבן זיך אויך געפונען גאָר אָרעמע. מ׳האָט זיי דערקענט אין די פאַרלאַטעטע מלבושים און אין זייערע קאַרגע פרישטיקס: דין־געשניטן, שוואַרץ־ברויט, באַשמירט מיט שטינקנדיקן ערזאַץ־קעז, און צוגעטרונקען אַ טונקעלע פליסיקייט פון מאַנאַשקעס. זיי זענען כסדר געשטאַנען שווייגנדיקע, כמעט נישט אָנטייל גענומען אין די געשפּרעכן. אויב ווער פון זיי האָט זיך שוין, ווען עס איז, עפּעס אָנגעע־רופן, איז עס, אין מערסטנטייל, געווען אַ חניפהדיקע באַשטעטיקונג צו אַ „פּאָליטישער אויספירונג״ פון אַן עלעגאַנט־געקליידערטער דאַמע אָדער אַ דיקן הער, וואָס האָט „טעאָרעטיש״ באַגרינדעט דעם אָרגאַניזירטן קאַמף פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן יידישן קאַפּיטאַל קעגן יעדן פּרוּוו פון ווידעראויפלעבונג פון דער דייטשער נאָך־מלחמה־ווירטשאַפט.

ספּעציעל האָט זיך אַרויסגעמערקט אַ מיטליאַריקע, הויכע, גרוי־האָריקע, עלעגאַנט דאַמעלע מיט אַ געל, צעקנייטשט פּנימל. שנעל און הויך האָט זי גערעדט מיט אַ יונג, בלאָנד דייטשקעלע, וואָס איז געשטאַנען שטייף, גלייך, ווי אַ מאַנעקין. ביידע האָבן געשמועסט וועגן די שלעכטע פּאַרדינסטן און די כסדרדיקע פּרייזן־שטייגערונגען אויפן שוואַרצן מאַרק. לויט זייערע מיינונגען זענען אין דעם שולדיק נאָר די אויסלענדישע ד. פּ.־יידן, וואָס באַהאַלטן, ספּעציעל, די לעבנס־מיטל־פּראָדוקטן, אַלערליי סחורות ווי אויך גאָלד און דאָלאַרן, בכדי צו מאַכן אַ קינסטלעכע האָסע. די יינגע האָט שמייכלענדיק באַשטעטיקט דער אַלטערס רייד און איר איינגערוימט אַ סוד, אַז לעצטנס האַנדלט זי מיט גאָלד און וואַליוטע און אויך אין דעם איז שווער צו פּאַרדינען. „יאַ־וואָל, עס איז אונדז אָבער נאָך אַלץ בעסער ווי די הונגעריקע „היימקערער", האָט די עלטערע, זיפּצנדיק, זיך אָנגערופן, אָנווייזנדיק, מיט אויגן־צייכנס, אויף אייניקע דייטשישע געפאַנגענע, וואָס זענען באַפרייט געוואָרן פון די רוסישע אינטערנירונגס־לאַגערן און זענען אַ היים געפאָרן. הערנדיק דער אַלטערס לעצטע ווערטער, האָבן אייניקע פּאַסאַזשירן אָבסערווירט די באַפרייטע געפאַנגענע, וואָס האָבן אויסטערליש אויסגעזען. ס'איז באמת געווען אַ וווּנדער, ווי אַזוי באַדינגונגען פאַרענדערן שנעל מענטשן. די זעלבע, אַמאָליקע אַזוי שטאָלץ־מאַרשירנדע, 'פיין־אויסגעפּוצטע סאָלדאַטן פונעם דריטן רייך, וואָס זענען אַ קורצע צייט געווען אין רוסישער געפאַנגעשאַפט, האָבן געהאַלטן געבויגן זייערע קעפּ, געזעסן אין אַ וואַגאָן־ווינקל, אומבאַמערקטע, איינגעקאָרטשעטע אין צעריסענע קליידער און אין אַלטע רוסישע שינעלן. עס איז אויך געווען מאָדנע זייער האַלטונג. די אַ זעלבע מיילער, וואָס האָבן, מן הסתם, אַמאָל אַזוי הויך געשריגן אויף זייערע קרבנות, געיאָגטע אויף קאַטאָרגע־אַרבעט, אין גאַז־קאַמערן און אין ברודער־קברים — האָבן איצט גערעדט געמיטלעך, שטיל און צו זייערע מיטשמועסער האַרציק געשמייכלט. אַ טייל פון זיי האָבן דערציילט מעשיות פון דעם לעבן אין רוסלאַנד; וואָס זיי זענען אַלץ אויסגעשטאַנען אין די סיבירער לאַגערן; וויפיל צרות זיי האָבן געליטן פון דעם יידיש־באָלשעוויסטישן רעזשים. אַלע צוהערער האָבן,

שטוינענדיק, איינס דאָס אַנדערע זיך אָנגעקוקט, אויסגעדריקט מיטגעפיל און באַדויערט די אומגליקלעכע דייטשן, וואָס זענען נאָך נישט באַפרייט געוואָרן. איין פּאַסאַזשיר האָט מיט כעס און פּאַטאָס אויסגערופן, אַז „דאָס דייטשישע פאָלק וועט פאַר אַלעם נעמען נקמה."

נעבן די „היימקערער" איז אין דעם וואַגאָנדל אויך אַ היים געפאָרן דער אַמאָליקער אייגנטימער פון דריי גרויסע וווּרשט־געשעפטן אין לייפּ־ציג — דער דייטשישער ייד אַרנאָלד שולץ, וועמען די ס. ס־לייט האָבן, אין יאָר 1937, צעשיידט פון זיין יינגער, אַרישער פרוי מאַריאַ און איינציאָריק קינד, האַנס.

צוויי יאָר זענען שוין פאַרביי זינט אַרנאָלד איז אַרויסגעפאָרן פון רוסלאַנד, צוזאַמען מיט יידישע און פוילישע פּליטים. אַלס „פוילישער רעפּאַטריאַנט". במשך פון דער צייט איז ער געווען אין דריי לענדער: פוילן, טשעכאָסלאָוואַקיע און עסטרייך. אומעטום האָט ער געלעבט צוזאַ־מען מיט די משפחה־רעשטלעך פון דער יידישער שארית הפליטה, מיט וועלכער ער איז געקומען קיין דייטשלאַנד. טרעפנדיק זיין וווינונג אין לייפּציק פאַרשלאָסן, איז ער אַרומגעפאָרן אין אַלע פיר אָקופּירטע זאָנעס, אַרומגעזוכט זיין פרוי מאַריאַ מיטן זון האַנס. נאָך אַ קנאַפּ יאָר אינטענ־סיוו זוכן, האָט ער זיך דערוווּסט דעם נייעם אַדרעס פון זיין משפחה און איז מיט דער אַ באַן אַהין געפאָרן.

אַ פאַרטראַכטער איז אַרנאָלד שולץ געזעסן ביי אַ וואַגאָן פענצטערל און אַרויסגעקוקט. פאַר זיינע אויגן האָבן פאַרביי געשוועבט ביימער, טעלע־פאָן־סלופּעס און סהאָבן זיך פאַרביי גערוקט געל־פאַרטריקנטע, אָפּגע־שניטענע פעלדער. זיינע וויעס האָבן זיך עטוואָס פאַרמאַכט — ער האָט זיך פאַרטראַכט, געזען בילדער פון זיין פאַרגאַנגענהייט, זינט די היטלער־דייטשן האָבן אים אַרויסגעטריבן פון זיין היים אין לייפּציג.

פייפנדיק און סאַפּנדיק איז דער מיט שוויס־באַגאָסענער לאָקאָמאָ־טיוו געלאָפן מיט זיינע פיס־רעדער אויף די גלאַנציקע, אייזערנע רעלסן. שלעפנדיק מיט זיך די צוגעטשעפּעטע וואַגאָנען, האָט ער זיך געיאָגט פאָרויס, פאָרויס אין דעם פאַרנאַכטיקן מערב־טייל פונעם דיי־טשישן לאַנד.

אויך אין אַרנאָלדס קאָפּ האָבן געיאָגט די געדאַנקען. אָבער אַנשטאָט צו טראַכטן וועגן זיין פאַרנעפּלטער צוקונפט, האָט ער זיך דערמאָנט עפּי־זאָדן פון זיין טראַגישן עבר:

— — — צוזאַמען מיט פוילישע יידן וואַנדערט ער איבער באַרגיקע און וואַלדיקע גרענעצן. ער איז מוטיק, פריידיק, פול מיט האָפענונג צוריק צו קומען אין זיין דייטשיש „היימלאַנד”, ווו ער וועט אָנהויבן אַ ניי, נאָרמאַל לעבן מיט זיין משפחה.

— — — ער שלעפּט זיך אין די אוראַלער וועלדער. אָן אומבאַהאָלפענער, פיזיש־אויסגעמאַטערטער, טאָפּטשעט ער אין די טיפע שנייען. צוקומענדיק צו זיין דילאַנקע (וואַלד־טייל) הויבט ער אָן, מיט זיינע לעצטע כוחות, אונטערצוהאַקן און אונטערזעגן ריזיקע ביימער.

אים דערמאָנט זיך פאַרשידענע מאָמענטן פון זיין בזיונדיק נע־ונד־לעבן אין וואַרשע אין די יאָרן 1937—1939. גאָר טרויעריק איז ער געוואָרן, דערמאָנדיק זיך ווי אַזוי די דייטשישע ס.ס־לייט האָבן אים בלוט־טיק צעשלאָגן אין לייפּציקער קאָמיסאַריאַט, בעת מ׳האָט אים אַרעסטירט, אַלס פוילישן ייד און נאָכער אַרויסגעשיקט פון דייטשלאַנד.

וויטיקדיקער פון אַלע זכרונות איז פאַר אים דער עפּיזאָד, ווען די פּאָליציי איז ביינאַכט אים געקומען אַרעסטירן. פאַרנדיק איצט צו זיין געפּור־נענער פרוי, האָט ער זיך גענוי דערמאָנט די לעצטע געזעגענונגס־סצענע מיט מאַריאַן און זיין דעמאָלט נאָך קליינטשיקן האַנס. איבער זיין פערציק יעריק פּנים, וואָס דאָס שווערע מלחמה־לעבן האָט צעקנייטשט, זענען געריי־נען טרערן, בעת אַרנאָלד האָט זיך דערמאָנט מאַריאַס ספּאַזמאַטיש וויינען, ווען די היטלער־סאָלדאַטן האָבן אים געפּאַטשט, געקאָפּעט, געזידלט און אַרויסגעוואָרפן פון זיין שטוב. ער האָט זיך אויך דערמאָנט גליקלעכע מאָמענטן פון זיין צוזאַמענלעבן מיט מאַריאַן, אָנהייבנדיק פון דער ערשטער באַקאַנטשאַפט אויף אַ סימפאָנישן קאָנצערט אין דער מינכער פילהאַרמאָ־ניע, זייער גאָר לוסטיקע חתונה אין לייפּציג און שפּעטער דאָס גוטע פאַר־ברענגען אין דער פיינער האַנדלס־געזעלשאַפט, ווי מאַריאַ האָט אים אַריינגע־פירט. טראַכטנדיק פון מאַריאַן האָט זיך אים אויך דערמאָנט דאָס ברוגז ווערן

פון זיין מוטער, וואָס טראָגט איר אויפגעקלערטקייט און אירע באַרימערייען, אַז זי איז אַנטי־רעליגיעז, איז זי דאָך געווען קעגן אַרנאָלדס ליבע מיטן דייטשישן מיידל. זיין מוטער האָט זיך טאַקע מיט אים צעקריגט אין טאָג פון דער חתונה, אים געוואָרנט: „געדענק, אַרנאָלד, עס וועט דיך טייער קאָסטן" — — —

— — — „אייער פאַר־קאַרטן!" — האָט אים דער קאָנדוקטאָר אויפגעוועקט פון זיינע מחשבות. אַרנאָלד האָט זיך אויפגעכאַפּט ווי פון שלאָף. נעבן אים האָט ער דערזען זיצן אַנדערע רייזע־שכנים:

אַנטקעגן אים זענען געזעסן צוויי פּערזאָנען, אָנגעטון אין צעקנייטשטע, גרינע, דייטשע מיליטער־רעקלעך און אויף די קעפּ — איבערגעלייגטע וואַטענע רוסישע היטן.

„יאַוואָל, איך פאָר אַהיים", האָט איינער זיך פאַרקלאָגט, „אָבער מיט וואָס וועל איך זיך באַשעפטיקן? אַרבעט, האָב איך געהערט, איז נישטאָ. די לעבנס־מיטלען זענען זייער טייער. די אַמעריקאַנער זאָרגן דאָך נאָר פאַר די אויסלענדישע יידן און האָבן ספּעציעל געמאַכט אַ הונגער אין לאַנד"

„וויסן זי", האָט באַשטעטיקט דער צווייטער, כ'האָב אויך געהערט, אַז אין דער נויט זענען שולדיק די יידן. זיי האָבן אַלץ אָפּגעקויפט און פאַרקויפן עס אויף שוואַרץ. „יאַ־וואָל ווי וואַר איך לעבע דאָס איסט זאָ".

אויסהערנדיק דעם שמועס איז אַרנאָלדן געוואָרן קאַלעמוטנע. ער האָט זיך געפילט באַליידיקט, נידערגעשלאָגן. ער האָט זיך אויפסניי פאַרטראַכט וועגן זיין משפחה. „אַך ווי ענלעך איז זי צו מיין מאַריאַ" האָט ער צו זיך שטיל געריידט, דערזעענדיק אַ בלאָנדע, בלוי־אויגיקע פרוי, וואָס האָט געשמועסט מיט צוויי יינגע, עלעגאַנט־געקליידעטע דאַמעלעך, אָנגעטון אין טיף־דעקאָלטירטע, קורצע קליידלעך, פון וואַנען מ'האָט אַרויסגעזען זייערע ברוסטן, אָפּגעברענטע הענט און פיס ביז איבער די קניען. איינע פון די יינגע מיט רויטלעכע, געלאָקטע האָר און אַ רונדיק, קליין, שוואַרץ, חן־פינטעלע, צוגעקלעבט אויף דער רעכטער באַק און לאַנגע, זילבער־קאָלירטע אויערינגלעך האָט, שטיל און דיסקרעט, דערציילט דער בלאָנדער פרוי, אַז שוין עטלעכע חדשים איז זי אַרבעטסלאָז,

צוליב איר באַלעבאָסטע, וואָס האָט זי באַזייטיקט פון איר צימערל, ווייל די שכנים זענען כלומערשט דאַקעגן, אַז עס זאָל אין זייער הויז זיין אַ באָרדעל. זי האָט זיך הילכיק צעלאַכט און שטיל דערציילט, אַז די באַלעבאָסטע אַליין לעבט היינט פון פאַרבעטן צו זיך פרעמדע מענער. אויך דאָס צווייטע, ברונעטע מיידל מיט אַ צלמל אויפן האַלדז האָט זיך באַקלאָגט אויף איר שווערער מאַטעריעלער לאַגע, צוליב דער גרויסער קאָנקורענץ. אין אויגסבורג, האָט זי איר איבערגעגעבן, זענען טויזנטער פרויען באַשעפטיקט מיט פראָסטיטוציע, פאָרט זי איצט קיין פראַנקפורט אין אַ ניי „געשעפט", נעבן באַן־הויף.

אַרנאָלד האָט נייגעריק אויסגעהערט דעם געשפּרעך און נאָך מער נייגעריקער אָבסערווירט די בלוי־אויגיקע, בלאָנדע פרוי, וואָס איז ענלעך געווען צו זיין ווייב. נעבן די פרויען איז געזעסן אַ „היימקערער", אָנגעטון אין אַ רוסיש קופייקאָלע און געפלירטעוועט מיט דער בלאָנדער פרוי. טראָץ דעם וואָס אַרנאָלד איז שוין געווען איבערצייגט אין זיין טעות, איז אים אָבער געווען גאָר אָנגענעם צו קוקן אויף דער בלאָנדער. ער האָט אויך נישט אַראָפּגעלאָזט די אויגן פון דעם „היימקערער", וואָס איז ענלעך געווען צו זיינס אַ באַקאַנטן, וועמענס נאָמען עס איז אים שווער געווען זיך צו דערמאָנען.

נישט ווייט פון די שמועסנדיקע פרויען איז געזעסן אַ דיקער פּאַסטאָר. ער האָט אַריינגעקוקט אין אַ שוואַרץ געבונדן בוך און טיילמאָל געכאַפּט אַ דיסקרעטן בליק אויף די רייצפולע מיידלעך. זייערע פלוידערייען, באַגלייט מיט וווּלגאַרע אויסדרוקן, האָבן אים, ווייזט אויס, געשטערט אין לייענען די הייליקע שריפט. ער האָט פאַרמאַכט דאָס בוך און געעפנט זיין טשעמאָדאַן.

אַרנאָלד מיט עטלעכע „היימקערער"־לייט האָבן זשעדנע געקוקט אויף די געשמאַקע עסנס, פרוכטן און כל מיני געטראַנקן, וואָס דער גלח האָט אַרויסגענומען פון זיין טשעמאָדאַן. נאָכן עסן האָט ער זיך געוואָנדן צו די „היימקערער", זיי זאָלן אים דערציילן וועגן זייער לעבן אין סאָוויעט־רוסלאַנד. אויסהערנדיק זייערע כעסיקע רייד קעגן יידיש־קאָמוניסטישן־רעזשים און קעגן די יידישע גאָט־לעסטערער, וואָס זענען געקומען קיין

דייטשלאַנד, האָט דער פּאָסטאָר פאַרצויגן דעם שטערן, פאַרמאַכט די אויגן, גלייך ער וואָלט זיך פאַרטראַכט איבער אַ וויכטיקן ענין. „זאָ—אַ אַ!” האָט ער לאַנג־ציענדיק געזאָגט, „מיינע הערן, זי מעגן רויק זיין. נאָך נישט אַלע אומגלויביקע האָט דער היימלאַנד באַשטראָפט. די צייט אָבער איז נישט ווייט”. זאָגנדיק די לעצטע ווערטער האָט ער בייזלעך אָנגעקוקט אַרנאָלדן. נאָך דעם גלחס רייד האָט זיך אויפסניי אַנטוויקלט אַ דיסקוסיע וועגן דער יידן־פראַגע. אָבער די אַנטיילנעמער האָבן מער נישט גערעדט אַזוי רויק ווי פריער. מ׳האָט זיך געקאָכט, דענערווירט און מ׳איז, מיטן גלחס צושטי־מונג, געקומען צו אויספירן, אַז נאָר אַ דריטער וועלט־קריג וואָלט יעצט געראַטעוועט דאָס דייטשישע פאָלק און מ׳וואָלט פּטור געוואָרן פון די רעשט לעבנגעבליבענע יידן.

אַרנאָלד שולץ האָט זיך פון די דיסקוטאַנטן אויסגעדרייט אין אַ זייט. גלייך אים אינטערעסירן גאָר נישט די אַלע רייד. אין האַרץ אָבער האָט אים געגאָגט אַ פּיין, ער האָט זיך געפילט דערנידעריקט, באַליידיקט.

„הולם!”, האָט אַ באַן־באַאַמטער אויספּעשריגען. אַרנאָלד האָט אָפּגע־זיפצט און פאַרלאָזט דעם וואַגאָן.

אויפן פּעראָן האָט ער זיך דערוווּסט ווי עס איז די ב—גאַס און זיך געלאָזט גיין צו זיין מאַריאַ.

דער טאָג האָט זיך געטונקלט.

אין דעם שמאָלן געסל איז אַרנאָלד איינער אַליין געגאַנגען צווישן צוויי שורות ענגע, נידעריקע הייזלעך. דערנענטערנדיק זיך צו מאַריאַס הייזל, זענען זיינע טריט געוואָרן לאַנגזאַמער. זיין האַרץ האָט אָנגעהויבן שטאַרקער צו קלאַפּן. ער האָט געטראַכט וויאַזוי מאַריאַ וועט אים אויפנע־מען; וועט זי אים דערקענען? וועט ער דערקענען האַנסן? און צו וועט? ——— שווערע טריט האָבן איבערגעריסן זיינע געדאַנקען. ער האָט זיך אַ דערשראָקענער אומגעקוקט, באַמערקט אַ הויכן פאַרשוין, אָנגעטון אין אַ שוואַרצער קופּייקע און אין אַ פּאָר שמאָלע, צייגענע הויזן. דאָס פּנים פון דעם מאַן האָט אַרנאָלד נישט גוט געזען. בעת יענער איז פאַר אים פאַרביי געגאַנגען, האָט ער אויסגערופן: „אַרנאָלד!”

אַביסל צעטומלט האָט זיך אַרנאָלד אָפּגעשטעלט, און אַן איבעראַש־טער אויסגערופן: „ראָ—בערט!, קוים איך דערקענט. אַך, מיין גאָט, וואָס שלעכטע קליידער און צייט מאַכן פון מענטשן. ווי דענקט איר, העך ראָבערט, זע איך אויך אַזוי אויס פאַרעלטערט?"

ראָבערט האָט זיך הילכיק צעלאַכט, באַטראַכט אַרנאָלדן מיט שנאַה־דיקע בליקן און אָפּגעענטפערט:

„דו, אַרנאָלד, זעסט אויס ווי אַן עכטער געטאָ־יודע. ווו ביסטו דאָס געווען די גאַנצע צייט? דו לעבסט גאָר?". ראָבערט האָט זיך נאָך הילכי־קער צעלאַכט און ווידער גערעדט: „דו גייסט זיכער צו דיין מאַריאַ. אָבער הער מאָל, הער אַרנאָלד שולץ, מאַריאַ איז שוין מער נישט דיין פרוי. באַלד נאָך דיין אַרעסט, האָט זי חתונה געהאַט מיטן ד"ר הערמאַן, דעם באַוווסטן פרויען־יעגער. פון אים האָט זי געבוירן אַ קינד. איך ראָט דיך: פאָר בעסער וואָס שנעלער אַוועק. אין מאַריאַס הויז וועט דיך קיינער נישט אַריינלאָזן. דיין געוועזענע פרוי איז אַוועקגעפאָרן און דאָס הויז־מיידל לאָזט נישט קיינעם אַריין אין שטוב. אויך איך האָב זיך געוואָלט זעען מיט מיין געווע־זענער שעפין מאַריאַ. כ'בין שוין דאָ געווען עטלעכע מאָל און ווען איך קום צו צום הויז, זאָגט מען מיר: „די פרוי מאַריאַ איז אָפּגעפאָרן".

נאָכן אויסהערן די „גוטע בשורה" פון זיין געוועזענעם בוכהאַלטער, ראָבערט, וואָס האָט אין זיין הולך אויסגעזען, ווי אַ וואַגאַבונד, האָט ער אים שנעל אָפּגעזעגנט און איז אַוועק.

אַרנאָלד האָט מיט ראָבערטן נישט געוואָלט צופיל שמועסן. ער האָט אים גוט געקענט, אַלס שונא־ישראל, ליגנער און אינטריגאַנט. אין אָנהויב האָט אַרנאָלד וויניק־וואָס אַכט געלייגט אויף זיינע רייד. נאָך ראָבערטס אַוועקגיין האָט ער זיך אָבער פאַרטראַכט און געפרעגט: „צי קען דאָס זיין? איז דאָס אמת?" ס'האָבן אים אָנגעהויבן מאַטערן נאָך אַזעלכע ענלעכע פראַגן, וועלכע עס איז אים שווער געווען צו פאַרענטפערן. צוקומענדיק נאָענט צו מאַריאַס הויז, איז ער פלוצים געבליבן שטיין, ווי אַ צוגעשמידעטער צום אָרט. ער האָט אָנגעהויבן דערפילן ראָבערטס פיילן, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן אַריינשפּיזלען אין זיין צעוויייטיקט האַרץ. פּאַמעלעך איז ער צו־געגאַנגען צום הויז, ווו ס'האָבן געוווינט זיין פרוי און קינד.

אַלע פראַגן, וואָס האָבן מיט אייניקע מינוט פריער געמאַטערט זיין מוח, זענען מיטאַמאָל פאַרשוווּנדן. צו זיין גרויס פאַרוווּנדערונג, האָט ער, אויפן אייזערנעם טירל פונעם נידעריקן פאַרקנדל, וואָס האָט אַרומגעצוימט דאָס איינשטאָקיקע הייזל מיט אַ קליין בלומען־גערטנדל, דערזען אַ גלעזערן שילדל מיט אַן אויפשריפט: „מאַריאַ הערמאַן". ער איז געבליבן שטיין ווי פאַרגליווערט. ער האָט אויפגעהערט טראַכטן, אַ דרוק געגעבן אין גלעקל און „רויק" אָפּגעוואַרט די באַגעגעניש, מעגלעך נאָך רויקער ווי ווען ער וואָלט דאָס שילדל נישט געזען און מיט ראַבערטן נישט גערעדט.

פון אַ געעפנט פענצטערל אין דעם פּאַרטער־הייזל האָט אַ בלאָנד מיידל אַרויסגעשטעקט איר קעפּל און שמייכלענדיק געפרעגט:

„וואָס ווינטשן זי מיין הער?"

„איסט מאַריאַ שולץ... איך מיינע — די פראַו הערמאַן צו האוזע?" האָט ער מיט אַ ציטערדיקער שטימע געפרעגט.

„ניין, מיין הער, די פרוי הערמאַן איז ניכט צו האָוזע".

הערנדיק דאָס וואָרט „פרוי הערמאַן" איז ער געבליבן ווי צעמישט, פאַרלוירן דעם גלייכגעוויכט. ער האָט זיך אָבער עטוואָס געשטאַרקט און שטאַמלענדיק זיך געבעטן:

„פרויליין, איסט פּיליכט מעגלעך צו וואַרטן ביז מיין... ביז די פראַו מאַריאַ שול... דאָס הייסט... די פרוי.. הערמאַן וועט צוריקקומען?"

דאָס מיידל האָט זיך העפלעך פאַרנייגט, אַנטשולדיקט און אים אינ־פאָרמירט, אַז די פרוי הערמאַן איז אַוועקגעפאָרן און, צום באַדויערן, איז איר נישט דערלויבט, אַריינצולאָזן קיין פרעמדע מענטשן.

אַרנאָלד האָט איר געוואָלט דערציילן, אַז ער איז מאַריאַס מאַן, דער פאָטער פון האַנס. ער האָט אָבער שוין נישט געהאַט מיט וועמען צו רעדן — דאָס מיידל, דערזעענדיק אַרנאָלדס משונהדיק אויסזען, האָט שנעל פאַר־מאַכט דאָס פענצטער.

אַרנאָלד איז שטיין געבליבן פאַרן אייזערנעם גאָרטן־טירל און נישט געוווּסט וואָס צו טון. ער האָט כסדר געקוקט אויף דעם שילדל מיט דער

פאַר אים רעטענישפולער אויפשריפט: „מאַריאַ הערמאַן". אַ סך געדאַנקען האָבן אים אַנגעהויבן מאַטערן, צעטרייסלט זיין גאַנץ וועזן. וואָס לענגער ער האָט געקוקט אויף דער אויפשריפט, אַלץ טונקעלער איז אים געוואָרן פאַר די אויגן. אומקוקנדיק זיך אין דעם ליידיקן, שטילן ב—ר געסל איז אים באַפאַלן אַן אימה: „מ'קען מיך נאָך דאָ ערגעץ פאַרשלעפּן און צום טויט פאַרפייניקן", האָט ער צו זיך געזאָגט און איז אַוועק.

„יאָ—יאָ, ראָבערט האָט מיך, דאָס מאָל, גאָר נישט אָפּגענאַרט" דאָס איז געווען דער ערשטער, לאָגישסטער געדאַנק, וואָס עס איז אים געקומען אויפן זינען, נאָכן דערזען דאָס שילדל. עס האָט אים טאַקע פאַרדראָסן, פאַרוואָס ער האָט ראָבערטן אַזוי שנעל אָפּגעזעגנט. הלמאי וואָלט ער זיך פון אים דערוויסט נאָך מער איינצלהייטן פון מאַריאַס לעבן אין דער צייט פון זיין אָפּוועזנהייט אין לייפּציג.

אַזוי האָט געטראַכט אַרנאָלד.

עס איז אָבער צווייפלהאַפט צו דער אויסגעשולטער און ראַפּי־נירטער נאַצי־אַגענט, ראָבערט, וואָלט אים אויך אַלץ דערציילט. זיכער וואָלט ער אים נישט דערציילט וועגן זיינע באַגעגענישן מיט מאַריאַן, וועלכער ער דראָט, טאָג־טעגלעך, אין פאַל ווען זי וועט זיך אַנטקעגנשטעלן זיין הייראַטס־פאָרשלאַג, וועט ער זי איבערגעבן צו דעם ענטנאַציפיצירונגס־קאָמיסאַריאַט". ביי אַרנאָלדס שטאַרקסטע אָנשטרענגונגען, וואָלט ראָבערט אים זיכער נישט אויסגעזאָגט, אַז ער דראָט מאַריאַן צו דערציילן פאַר דער ס. אי. ס. אַלע אירע מעשים, בעת זי האָט געדינט אין דער עס—עס, ווי זי האָט זיך באַפריינדעט נאָכער מיטן ביוראָ־שעף, דעם ד"ר הערמאַן, מיט וועמען זי האָט שפּעטער אומלעגאַל געלעבט און פון אים געבוירן אַן אומגעזעצלעך קינד. אַרנאָלד האָט, נאָך אַמאָל, באַטראַכט יעדן פּרט, וואָס ער האָט געהערט פון ראָבערטן. טראָץ דעם שילדל, וואָס האָט אים איבערצייגט אַז מאַריאַס פּאַראַט און באַשטעטיקט ראָבערטס רייד, איז אים שווער געווען צו פאַרשטיין די חוצפּהדיקע און פיינטלעכע האַלטונג פון זיין געוועזענעם בוכהאַלטער ראָבערט, וואָס האָט גוט געוווּסט מיט וועמען מאַריאַ האָט געלעבט. דאָס האָט אין אים אויפגעלעבט אַן אַלטן חשד, אַז ראָבערט, זיין אַמאָליקער ריוואַל, האָט אויך היינט מיט מאַריאַן

נאָענטע באַציאונגען. טראַכטנדיק וועגן זייערע אַמאָליקע צוזאַמענטרע־פונגען, האָט זיך אים דערמאָנט מאַריאַס אָפטע באַרימערייען, אַז ראָבערט באַלעסטיקט זי מיט איבערגעטריבענע קאָמפּלימענטן און אָפטע ליבע־דערקלערונגען. אין יענער נאָך גוטער צייט, ווען אין דער לייפּציגער האַנדלס־געזעלשאַפט איז אַרנאָלדס נאָמען געווען גוט באַקאַנט, געהאַט דערפאָלג אין אַלע זיינע געשעפטס־אונטערנעמונגען, האָט ער ווייניק אַכט געלייגט אויף דער ווייבערישער, כיטרער ליבע־סטראַטעגיע. ער איז אפילו דעמאָלט געווען נישט ווייניק אייפערזיכטיק, יעדער קלענסטער פלירט האָט אים ווי געטון. אָבער זיין איינבילדונג אין מאַריאַס געטריישאַפט האָט אים געטרייסט און תמיד באַרויקט. עס האָבן אים אויך באַרויקט זיינע אויספירונגען, אַז זיינע פערזענלעכע מעלות שטייגן פילפאַכיק אַרי־בער דעם אָרעמען, מיאוסן און ווייניק־געבילדעטן ראָבערט. דאָס מאָל אָבער, גייענדיק אויף דעם טונקעלן ב—ר־געסל, האָט ער זיך געפילט געפאַלן, נידערגעשלאָגן און האָפענונגסלאָז.

אַרנאָלד האָט אַ סך נאָכגעטראַכט וועגן מאַריאַס פאַראַט, ראָבערטס באַגעגעניש און דער עיקר וואָס פאַר אַ מיטלען אָנצונעמען קעגן איר און אויך קעגן ראָבערטן. עס איז אים אויגנבליקלעך שווער געווען צו פאַסן אַ באַשלוס. די אַלע זיך דערוווסטע פרטים און דערהויפּט פאַקט — דאָס שילדל — האָבן פאַרפלאָנטערט זיינע מטושטשעשע געדאַנקען. טראָץ זיין באַמיאונג צו מאַכן אַ לאָגישן אויספיר וועגן זיין מצב, איז ער גאָר נישט אומשטאַנד געווען תופס צו זיין די פשוטע דערשיינונג פון מאַריאַס פאַראַט, בעת זיין אָפּוועזנהייט אין שטוב. עס האָט אים ווי געטון דער פאַקט און נאָך מער האָט אים געמאַטערט ראָבערטס באַגעגעניש. אַרנאָלד האָט דערפילט אַ שטעכעדיקן וויטיק אין האַרץ. עס האָט אים פאַרפעלט אָטעם, אין קאָפּ האָט געשווינדלט. קוים, קוים האָט ער זיך צוגעשלעפּט צו אַ הויז, זיך אָנגעלענט אין דער מויער. שטייענדיק אַזוי אַ ווילע, איז אים עטוואָס געוואָרן לייכטער, דער האַרבסט־ווינט האָט געקילט זיין צעהיצט לייב און צעפלאַמט פנים. פילנדיק זיך עטוואָס בעסער, האָט ער ווידער אָנגעהויבן קלערן: בלייבן נעכטיקן אין שטעטל אָדער צוריקפאָרן קיין אויגסבורג? צום סוף האָט ער באַשלאָסן צו בלייבן אין שטעטל. ער איז

צוריק געגאַנגען צו מאַריאַס הויז, שנעל אָנגעשריבן אַ קורץ בריוול און עס דערלאַנגט דעם הויז־מיידל.

אַרנאָלד איז אַוועק אין שטאָט, אָפּזוכן אַ נאַכט־לעגער.

דער אָוונט האָט שוין פון לאַנג געהאַט פאַרלאָשן דאָס פאַרנאַכט־ליכט. איינער אַליין איז ער געגאַנגען אין דעם קנאַפּ־באַלויכטענעם געסל און איז אַלעמאָל אויפגעציטערט געוואָרן פון יעדן מינדעסטן שאָרך און קלאַפּן פון די אַראָפּגעלאָזטע פענצטער־לאָדנס.

ב

דער אוצר

אַן אויפגערעגטע איז מאַריאַ אַריינגעקומען אין קיך־צימער. „זאָ איין פעך! געמוזט אָפּלייגן די רייזע. מאַטילדע, שטעלן זי, ביטע, אַוועק דעם רייזע־קאָפער", האָט זי געזאָגט צו דעם דינסט־מיידל.

נעמענדיק דעם טשעמאָדאַן האָט מאַטילדאַ באַמערקט: „שאַדע. עס וואָר היר איין גאַנץ הויכער, פעשער יודע, ער האָט זיך געפרעגט אויף פרוי מאַריאַ. איך האָב אים געהייסן קומען אין צוויי טעג אַרום".

„וואָס האָט דער יודע געוואָלט? קויפן? פאַרקויפן?" האָט מאַריאַ עטוואָס שפּאָטיש געפרעגט. זי האָט זיך אַוועקגעשטעלט ביים קאָרידאָר־שפּיגעלע און אָנהייבנדיק זינגען אַ שלאַגער־מאָטיוו, האָט זי זיך פאַריכט די לאָקן איבערן שטערן און צוגעפּאַרבט מיט שטיפטן די ליפּן און ברעמען.

„פראַו מאַריאַ, דער יודע האָט פאַר אינען איין בריוו געלאַסן", האָט מאַטילדע געזאָגט און איר שעפּין דערלאַנגט אַ פאַרקלעפּטן קאָנווערט.

ווי נאָר מאַריאַ האָט אַ בליק געגעבן אויף דער האַנטשריפט, האָט

זי ספּאָזמאָטיש אויסגעשריגן: „אָ, מיין היילאַנד!“ פון איבעראַשונג איז איר באַמאַלעוועט, שיין פּנימל פּלוצים געוואָרן בלאַס. זי איז שנעל אַריין אין עס־צימער, מיט נערוועאיש־ציטערנדיקע פינגער, האָט זי אויפגעריסן דעם קאָנווערט און אַרויסגענומען אַרנאַלדס בריוול. אירע אויגן זענען מאָדנע גרויס געוואָרן בשעתן לייענען די איר גוט באַקאַנטע שריפט פון איר מאַן. וואָס מער זי האָט זיך באַמיט צו באַרויקן, איינצוהאַלטן אין אירע ווי קאָנוולסיוו־ציטערנדיקע פינגער דאָס קליינטשיקע און גאָר ווייניק־באַשריבענע בריוול, אַלץ שנעלער האָט דאָס בריוול זיך געוואָרפן אין אירע הענט. נאָכן אַדורכלייענען די עטלעכע שורות, האָט מאַריאַ אַראָפּגעלאָזט אירע הענט. אָנמעכטיק, מיט שלעפּנדיקע טריט, איז זי צוגעגאַנגען צו דער סאָפע, זיך דאָרט אַרויפגעשליידערט און איינגע־גראָבן דאָס פּנים אין די קישעלעך. דער אומרו האָט איר צעשטורעמט, זי האָט נישט געקענט איינליגן, זיך אויפגעשטעלט, געלאָפן איבערן צי־מערל, ווי אַ חסר־דעהניצע. די ידיעה, אַז אַרנאַלד, איר ערשטער מאַן און פאָטער פון האַנס, לעבט און איז צוריקגעקומען, האָט אין איר דערוועקט פריייד־געפילן, וואָס זענען אָבער באַלד פאַרלאָשן געוואָרן. איר אומאויפ־הערלעכער פחד, וואָס מאָטערט זי שוין יאָרן, אַז די אַמעריקאַנער פּאָליציי זאָל איר דאָ נישט פּאַקן, האָט יעצט נאָך שטאַרקער איר אָנגעהויבן פּאַר־פּאָלגן, אויפגעשטורעמט איר צוגעלייגט געמיט, וואָס זי האָט קינסטלעך פאַרמאַסקירט פאַר מענטשן. אין איר קאָפּ האָבן זיך געמישט קעגנזעצלעכע געדאַנקען: ענדלעך האָט האַנס זיין פאָטער — זי וועט אָנהייבן אויפסניי נאָרמאַל צו לעבן — די האָפענונג האָט איר באַרויקט אַ ווײַלע. זי האָט אָבער מורא געהאַט, אַז אַרנאַלד געוויזער־ווערנדיק פון דעם צווייטן, אומ־געזעצלעכן קינד, קאַרל, וועט ער מאַכן סקאַנדאַלן, אָנהייבן אויספאָרשן אירע מעשים, וואָס זי האָט אַזוי מורא געהאַט אַז עס זאָל זיך ווער דער־פון דערוויסן. מער פון אַלץ, האָט זי מורא געהאַט פאַר ראָבערטן, וואָס האָפט מיט איר חתונה צו האָבן און דערזעענדיק אַרנאַלדן, וועמען ער האָסט שוין פון יאָרן, צוליב אייפערזיכט, וועט ער באַנייען זיינע דראָונגען און וועט אַפילו זיך נוקם זיין און איר: מסרן פאַר דער פּאָליציי. אין אַרנאַלדס קומען האָט זי געזען די הויפּט סיבה פון איר אומגליק.

„יעצט וועט אַלץ אַנטדעקט ווערן. מ'וועט מיך שטעלן פאַר אַ געריכט און איך וועל פאַר אַלעם באַצאָלן". מאַריאַ האָט זיך געפילט פאַרצווייפלט, נישט געוווּסט וואָס צו מאַכן מיט זיך, וואָס די מלחמה־באַדינגונגען האָבן זי אַזוי מיאוס פאַרפּלאָנטערט. עס האָט איר געדריקט ביים האַרץ. אַ געוויין האָט געשטיקט אין האַלדז. עס איז איר שווער געווען צו באַגרייפן דאָס גרויסע אומגליק: דאָס קומען מיטאַמאָל פוןביידע מענער פון וועלכע זי האָט שוין פון לאַנג נישט געטראַכט, זייענדיק זיכער, אַז זיי לעבן שוין נישט. זי האָט שטאַרק מורא געהאַט פאַר אַרנאָלדס אויספאָרשונג פון וועלכן מאַן זי האָט געבוירן אַ צווייט קינד און פאַר ראָבערטס אייפער־זוכט. זי איז געווען זיכער, אַז ס'איז געקומען די צייט, מ'זאָל זיך דער־וויסן פון איר הולטייסקע לעבן מיטן ד"ר הערמאַן, דעם גרויסן נאַצי־פאַרברעכער, וואָס האָט אַזויפיל מענטשלעכע קרבנות אומגעבראַכט. דער קאַמף פון ביידע מענער, איז זי געווען זיכער, וועט צעדריוולען דאָס בלוטיקע געוועב, וואָס זי האָט, אין דער מלחמה־צייט, אויסגעשפּינט מיט איר קערפּער. די גרעסטע געפאַר, האָט זי מורא געהאַט, דראָט איר פון ראָבערטן, ווייל ער איז דערוויל, דער איינציקער לעבעדיקער עדות, וואָס ווייסט גענוי פון איר גאַנצער טעטיקייט, בשעת איר דינסט אין דער עס־עס. איין ווּנטש האָט געהאַט מאַריאַ: פּטור צו ווערן פון ראָבערטן, וועמען זי האָט געקענט אַלס אַוואַנטוריסט און שאַנטאַזשיסט. מיט אַרנאָלדן, האָט זי זיך געטרייסט, וועט זי שוין ווי עס איז אַדורכקומען.

דער געפּילדער פון אירע ביידע קינדער, האַנס און קאַרל, וואָס זענען אַריינגעלאָפן אין עס־צימער, האָבן מאַריאַן געשטערט צו קאָמבינירן, ווי אַזוי אָפּצונאַרן ראָבערטן, בכדי, איינמאָל פאַר אַלע מאָל, פון אים פּטור צו ווערן, זיך פון אים באַפרייען. זי האָט טאַקע דעמאָלט נישט גערן פאַר־ברענגט מיט ביידע פריילעכע קינדער. הגם זי איז פון זייער לוסטיקן שפּיל מיטגעריסן געוואָרן.

„מאַמאַ!" האָט אויסגערופן האַנס „וואָס האָט דאָ היינט געוואָלט דער אָרימאַן?"

„איך ווייס נישט, מיין ליבער, מעגלעך ער האָט וועמען געזוכט", האָט זי געענטפערט און געגעבן אים אַ קוש אין שטערן.

„ווייסט מאַמאַ, ווען מאַטילדאַ האָט פאַרמאַכט דאָס קיך־פענצטער, איז דער מאַן נאָך לאַנג געשטאַנען און געוואַרט אויף דער גאַס. ער האָט אַזוי אַריינגעקוקט אין הויף, ווי ער וואָלט וועמען געזוכט.“

„האַנס, מאַטער מיך נישט. גיי שוין אַ וועק. שפּיל זיך ווייטער מיט קאַראָלן“ האָט מאַריאַ נערוועאיש געזאָגט.

„און איך האָב געדענקט“ האָט זיך אָנגערופן קאַרל, וואָס איז טאַנצנדיק צוגעשפּרונגען צו זיין מוטער, „אַז דער הויכער מאַן מיט די הילצערנע שוך איז שוין ווידער געקומען“.

„אַ קאַרל“, האָט געזאָגט אַרנאָלדס קינד, האַנס, „ניכט וואָר, דער הויכער איז אַ זייער ביי̈זער מאַן? איך האָב פאַר אים מורא“.

„מאַטילדע!“ האָט מאַריאַ אויסגערופן און באַפוילן שנעל צוצונע־מען די קינדער.

בלייבנדיק ווידער אַליין, האָט זי זיך אָנגעלענט אויף דער סאָפע און אויפסניי אָנגעהויבן טראַכטן פון אַרנאָלדס צוריקקומען און ראָבערטס דראָונגען.

אַ לייכט קלאַפּן אין טיר האָט איבערגעריסן אירע געדאַנקען, וואָס האָבן זיך געטוישט אין איר קאָפּ, פונקט ווי זי האָט געטוישט מענער און איבערצייגונגען נאָך אַרנאָלדס אַרעסט.

נאָך איר אָפּענטפערן „ביטע“, האָט זיך אין דער פאַמעלעך־צע־עפנטער טיר באַוויזן דער הויכער, עטוואָס איינגעבויגענער ראָבערט. אַ נישט דרייסטער האָט ער אָפּגעמורמלט דעם „גריס־גאָט“. נאָך ווייניקער דרייסט האָט ער זיך דערנענטערט צו מאַריאַן. נעבן אַ טיש־עק איז ער געבליבן שטיין, נישט געהאַט קיין מוט צו איר צוצוגיין. ער האָט איר אָנגע־קוקט מיט פאַרשנדיקע אויגן. מאַריאַס צעשויבערטע האָר, די צעשמירטע ליפּן־פאַסטע אויף איר גאָמבע און אויבערשטע ליפּ און די שרעק אין אירע אויגן, האָבן אים איבערצייגט, אַז מאַריאַ ווייסט שוין פון אַרנאָלדס קומען. ראָבערט האָט אָבער באַשלאָסן וועגן דעם נישט אָנצוהויבן רעדן. אַ ווײַלע איז ער געשטאַנען אומבאַוועגלעך, מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן. ער האָט זיך שלעכט געפילט: זיין לייב האָט געשוויצט און גלייכצייטיק גע־שוידערט פאַר קעלט. נישט וואַרטנדיק אויף מאַריאַס „ביטע זיצן“, האָט ער

אויסגעטון דאָס קופּייקעלע און זיך אַוועקגעזעצט נעבן טיש. מאַריאַ און ראָ־בערט האָבן זיך איינער דעם צווייטן נישט אָנגעקוקט. ביידע האָבן גע־האַלטן די אויגן אַראָפּגעלאָזט אויפן דיל.

ראָבערט האָט דער ערשטער איבערגעריסן די שטילקייט. ער האָט אַרויסגענומען אַ „נויע צייטונג״, עס דערלאַנגט מאַריאַן און געפרעגט:

„לייענסטו די פאַרהאַנדלונגען פון די פּראָצעסן אין נירנבערג?״

„פאַרשטייט זיך״, האָט זי אומרויק געענטפערט. זי האָט זיך אַרומ־געקוקט. אירע באַקן האָבן זיך צעפלאַמט און מיט אַ פאַרענדערט קול האָט זי פאַרענדיקט דעם זאַץ: „איך האָב געהערט, אַז די פּראָצעסן דאַרפן פאַרקומען אומעטום״.

„אָ, גאַנץ באַשטימט. אַזוי פלוידערן אַלע לייט. מאַריאַ, מיין פאַרגעפּיל דיקטירט מיר, פון דאַנען וואָס שנעלער אַוועקצופאָרן. עס איז אָבער מיין ווינטש און חברישער ראַט, אַז אויך דו זאָלסט מיטפאָרן. דער צוועק פון מיין יעצטיקן באַזוך איז אויסצואַרבעטן אַ פּלאַן, ווען און וואַהין מיר זאָלן פאָרן.

אויסהערנדיק זיין פאָרשלאַג האָט זי אַנטשלאָסן געענפערט:

„איך פאָר נישט מער. וואַהין נאָך פאָרן? קיין שום מענטש קען נישט אויסמיידן זיין גורל״.

„זיי נישט אַזוי זיכער מאַריאַ. איך ווייס פון פאַרטרוילעכע חברים, אַז דו דווקא מוזט די ערשטע פאַרלאָזן דאָס שטעטל. די אַמעריקאַנער געהיים־פּאָליציי פאָרשט אַלע דיינע יעצטיקע טאַטן״.

„אַך, דיינע פאַרטרוילעכע חברים״, האָט זי פון אים געשפּאָט מיט אַ קינסטלעכען שמייכל.

„מאַריאַ, ווּעסט זיך אין דעם איבערצייגן. מיר האָט מען דאָס ספּע־ציעל מיטגעטיילט פון געהיימע פּאַרטיי־קוועלן. אַלס קאַמעראַד און אַלטער פריינד, איז מיין מענטשלעכע פליכט דאָס דיר איבערצוגעבן. מאַריאַ דיין יעצטיקער באַשלוס וועט דעצידירן וועגן דיין צוקונפטיקן לעבן״.

„אַך, הייליקע מאַריאַ״, האָט זי טיף אָפּגעזיפצט און מיט אַ טאַשן־טיכל פאַרשטעלט זיך די באַטרערטע אויגן. ענערגיש האָט זי זיך אויפגע־שטעלט פון דער סאָפע. אָנגעהויבן נערוועז זיך דרייען איבערן צימערל.

איר צעשטרייטקייט האָט אים דערמוטיקט. דרייסט איז ער צו

איר צו גאַנץ נאָענט. ער האָט זי אָנגענומען בייביידע אַקסלען, אַוועקגענו־מען אירע הענט פון די אויגן און וועלכע ער האָט פאַרשנדיק אַריינגע־קוקט. „מאַריאַ", האָט ער געזאָגט דעצידירט, „מיין גאַנצע פאַרערונג צו דיר, איז דיין שטאַנדהאַפטיקייט, דער גרונט־פּרינציפּ פון אונדזער גענייאַלן, אומשטערבלעכן פירער, אַדאָלף היטלער."

„אַך דער לומפּ" האָט זי היסטעריש אויסגעשריגן, „רעד בעסער נישט פון אים. זיין גאַנץ וועזן איז איין אומגליק פאַרן דייטשישן פאָלק".

„מאַריאַ", האָט איר ראָבערט באַרויקט. „איך האָף און בין פעסט איבערצייגט, אַז אין אייניקע חדשים אַרום וועסטו אַנדערש טראַכטן און אויך רעדן. די מיינונגען ביי אַ מענטש טוישן זיך, גלייכצייטיק, מיט דער ענדערונג פון דער פּאָליטישער לאַגע. איך געדענק. נאָך דיין קעגנערשאַפט צו דער אוטאָפּישער אידעע פון סאָציאַליזם, דיין שפּעטערדיקע אָנגע־העריקייט צו דער ס. פּ. ד.־פּאַרטיי און שפּעטער וואָס פאַר אַ איבערגע־געבענע, אַקטיווע מיטגלידערין דו ביסט דאָס געווען אין אונדזער נאַציאָ־נאַל־סאָציאַליסטישן קלוב. אָבער דאָס זענען פאַרגאַנגענע. נישט וויכטיקע מאָמענטן."

„ראָבערט, איך געדענק גאָר נישט די אַלע אויסגערעכנטע, נישט וויכטיקע, פאַרגאַנגענע מאָמענטן, איין זאַך איז פאַר מיר קלאָר: מיין אַקטיוו באַטייליקן זיך אין אייניקע פּאַרטיי־אויפגאַבן איז געווען מיין גרעסטער פעלער. איך בין געוואָרן היפּנאָטיזירט פון דעם ד"ר... ווען דו ביסט אַ פרוי וואָלסטו דאָס פאַרשטאַנען".

„איך פאַרשטיי שוין גאַנץ גוט. עראָטיק איז דער פאַקטישער הער־שער ביי דער פרוי. אַלץ איז ביי אייך פאַרבונדן מיטן סעקס, אפילו דיין יעצטיקע קעגנערשאַפט צו מיינע אַזוי רעאַלע און נויטווענדיקע פאַרשלאַגן, דיך אָפּצוראַטעווען פון אַ זיכערן אַרעסט".

„ראַטעווען" האָט מאַריאַ געשפּאָט. „אויך יענער האָט מיך געוואָלט ראַטעווען. פאַרוואָס האָסטו נישט קיין מוט צו זאָגן, וואָס דו מיינסט פאַקטיש מיט אונדזער אַוועקפאָרן."

„אַך סאַראַ מאָדנע ברואים איר פרויען זענט, אַמאָל זייט איר סקעפּטיש, גלויבט אין גאָרנישט און אין טייל פאַלן גלויבט איר אין אַלע

נאַרישקייטן. איך חזר איבער נאָכאַמאָל: אַלץ איז ביי איך פאַרבונדן מיטן סעקסועלן געפיל. עס ווענדעט זיך בלויז צו וועמען איר האָט סימפּאַ־טיע, נישט ריכטיק מאַריאַ?"

„ראָבערט, איך זאָג דיר דעם אמת. איך בין דיר זייער דאַנקבאַר פאַרן שמועס וועגן די ווייבלעכע געפילן. דו קענסט גוט פאַרעדן. דיינע רייד ווירקן אויף מיר, איך זאָל עטוואָס פאַרגעסן פון מיין לאַגע."

„עס איז מיין ציל דיך אינגאַנצן אָפּצוראַטעווען פון דיין באַדראָטער לאַגע", האָט ראָבערט איר געזאָגט מיט אַ זיכערן טאָן, הערנדיק אירע לעצטע ווערטער.

„ראַטעווע קודם זיך, ראָבערט, זע ווי דו זעסט אויס. אָן אַ היים, אָן געלט, אָן אַרבעט און יעצט דיין פחד. אַך מיין גאָט, די שלעכסטע זאַך איז פחד נישט זיכערקייט. נישט אמת ראָבערט?"

„מאַריאַ, מיר זענען נישט אַליין. אונדזער פאַרטיי איז יעצט אומלע־גאַל. די אידעע אָבער פון דעם נאַציאָנאַל סאָציאַליזמוס לעבט אין די הערצער פון אונדזערע מיליאָנען פאָלקס־גענאָסן. מיר, דייטשישע פאַטריאָטן, וואַרטן בלויז אויף אַ פּאַסיקן מאָמענט און דער מאָמענט איז גאָר נישט ווייט. נענטער ווי דו דענקסט. דאָס דייטשישע פאָלק מוז און וועט זיגן! די הויפּט־זאַך פון יעדן טרייען פאַרטיי־חבר איז געדולדיק אָפּוואַרטן. אָבער נישט אין דעם שטעטל. איך האָב דערפאַרן, אַז דאָ איז פאַר אונדז ביידע געפערלעך צו פאַרבלייבן. אַלס געטרייער, אַלטער פריינט און פאַר־טיי־חבר איז מיין מענטשלעכע פליכט, דאָס דיר מיטצוטיילן. מאַריאַ, דו מוזט דעצידירן. אויך איך וועל ווי אַמשנעלסטן מוזן אַוועק. וועגן מיין שלעכטער לאַגע זאָרג נישט". ער איז צו איר צו נאָך נענטער און געזאָגט: „מאַריאַ, מיין ליבע מאַריאַ, איך מוז דיר יעצט פאַרטרויען אַ סוד. איך בעט דיך אָבער, זאָלסט מיר געבן דיין חבריש וואָרט, קיינעם און קיינ־מאָל דאָס נישט צו דערציילן. דער סוד קען דיך מאַכן גליקלעך".

מאַריאַ האָט צעעפנט די אויגן, אויף אים געקוקט איראָניש־סקעפּ־טיש און גלייכצייטיק כיטרע־נייגעריק. זי האָט אים געפרעגט: „וואָס קאָנ־סטו מיר דאָס פאַרטרויען אַזעלכע סודות, וואָס וועלן מיך נאָך קאָנען גליק־לעך מאַכן?".

ראָבערט האָט זיך אומגעקוקט אין אַלע זייטן, ווי קאָנטראָלירנדיק צי עס הערט נישט ווער. ער האָט זיין דאַר, בלאַס און שלעכט ראַזירט פּנים צוגעבויגן צו אירן און שטילערהייט דערציילט, אַז דינענדיק אין אוישוויץ, אין דער ס.א.־קאָמאַנדע, האָט ער, ווי אַ סך סאָלדאַטן, אָנגעזאַמלט אַ סך גאָלד, בריליאַנטן און פיר טעפּ רוסישע גאָלד־שטיקלעך. דאָס אַלץ האָט ער דעמאָלט באַהאַלטן אין אוישוויץ. ווען מ׳האָט אים פון דאָרט אַפּגעשיקט קיין בייערן, האָט ער דאָס פאַרמעגן מיט זיך מיטגעשלעפּט. שפּעטער, אַז ער איז באַשטימט געוואָרן אַפּצופּאָרן אויפן פּוילישן פראָנט, האָט ער דעם אוצר באַגראָבן אין דער ערד, נעבן דער קאַסערנע. „ביינאַכט״, האָט ער איר קוים שעפּטשענדיק דערציילט, „האָב איך דאָרט אויסגעגראָבן אַ גריבל, נעבן אַ ביימל, וואָס איך האָב פאַרצייכנט מיט אַ „כ״־סימן און דאָרט באַהאַלטן דעם גאַנצן אוצר. די גאַנצע צייט, מיין ליבע, האָב איך געטראַכט אַז מ׳האָט דאָס אַלעס אַרויסגענומען. און שטעל זיך פאָר מיין גליק: ווי נאָר כ׳בין צוריקגעקומען פון דעם רוסישן געפאַנגען־לאַגער, האָב איך זיך דערוווּסט צוויי פריילעכע סורפּריזן: דו, מאַריע, לעבסט און מיין אוצר ליגט אויפן זעלבן אָרט, פּונקט ווי כ׳האָב אים איינגעגראָבן״.

מאַריאַ, אויסהערנדיק די גאַנצע מעשה, האָט אים סקעפּטיש אָנגע־קוקט, געפרעגט, פאַרוואָס ער האָט איר וועגן דעם גליק נישט דערציילט די גאַנצע צייט און פאַרוואָס איז ער אַזוי אָפּגעריסן און האָט קיינמאָל נישט קיין געלט ביי זיך.

„ווי נאַיוו דו פרעגסט״, האָט ראָבערט אָפּגעענטפערט. „מיין ליבע, האָב איך עס דען ווו אַוועקצולייגן? זעסט״, האָט ער איר געוויזן אַ גרויסן, פינקלענדיקן בריליאַנט און זיך גערימט, אַז דאָס חפץ טראָגט ער שוין מיט זיך אייניקע וואָכן. פאַרקויפן קען ער דאָס נישט, האָט ער איר דערקלערט, ווייל ער איז אין דעם שטעטל אומבאַקאַנט און די היינטיקע צייטן דאַרף מען זיין גוט פאָרזיכטיק, יענעם פאַרצושלאָגן, ער זאָל קויפן גאָלד אָדער פרעמדע וואַלוטע. ראָבערט האָט איר נאָך אינפאָרמירט, אַז דעם אוצר מוז ער וואָס שנעלער אַרויסנעמען. אַליין איז אָבער אים אוממעגלעך דאָס אויס־צופירן, ווייל גאָר אַ סך ווערטפולע זאַכן זענען דאָרט באַהאַלטן. ער האָט זיך ביי איר געבעטן: „מאַריאַ, ווי וואָר איך לעב. אַ חוץ צו דיר

האָב איך צו קיינעם נישט קיין צוטרוי. כ׳בעט דיך: זאָג דיין „יאָ״, אַקצעפּטיר און מיר פאָרן אַרויסנעמען דעם גרויסן אוצר. מיט דעם פאַרמעגן וועלן מיר ביידע ווערן גליקלעך. דאָס וועט מיך און דיך ראַטעווען פון אַרעסט, אונדז געבן די מעגלעכקייט פון דאַנען אַוועקצופאָרן. געדענק, מאַריאַ, געלט איז גליק. לויט מיין מיינונג דאַרפן מיר נאָך היינט אַוועקפאָרן. דאָס אָרט איז נישט ווייט: 70—80 מינוט רייזע. מיר קענען נאָך היינט צוריקקומען״.

„ראָבערט״, האָט זיך מאַריאַ ביי אים געבעטן, נאָכן אויסהערן די גאַנצע מעשה, אין וועלכע זי האָט געצווייפלט. „דו מאַטערסט מיך. מיין געמיט איז אַזוי צעשטערייט. נישטאָ שוין מער פאַר מיר קיין שום גליק. איך האָב פאַרלוירן דעם גלויבן אין אַלעם, בפרט אין געלט. אָ, מיין היי־לאַנד״, האָט זי וויינענדיק אויסגערופן, באַהאַלטנדיק דאָס פּנים אין אירע שמאָלע דלאָניעס. שטייענדיק אַזוי אַ ווילע, איז זי אַוועק פון ראָבערטן און אויפגערעגט זיך געדרייט איבערן צימער. זי איז נאָכאַמאָל צוגעגאַנגען צו ראָבערטן און אים געבעטן: „ראָבערט, לאָז מיך צו רו. איך בויטיק זיך נישט אין קיין געלט. איך בין היינט אַזוי קראַנק, צעבראָכן. איך דאַרף האָבן רו. ראָבערט, לאָז מיך צו רו. דאָס פאָדערט מיין קערפּער און נאָכמער מיין נשמה. היינט קען איך, ליידער, נישט פאָרן.״

„גוט״, האָט ראָבערט מיט אַ ווילד קול אויסגעשריגן. „געדענק מאַריאַ, דיין צווייפל וועט דיר ברענגען גרויס אומגליק. אַפילו דיין שפּעטערדיקע חרטה וועט דיר נישט העלפן. עס וועט זיין צו שפּעט. איך קען דיך גוט. שטענדיק ענטפערסטו אויף אלע מיינע פאָרשלאָגן „היינט נישט״, מאַריאַ, דיין שפּיל גייט צו ענדע. דאָס מאָל וועל איך האַנדלען ווי אַ מאַן, ווי אַ רייכס־סאָלדאַט און ווי אַ דיסציפּלינירטער פּאַרטיי־חבר.״ ער האָט שנעל אָנגעטאָן דאָס רוסישע קופּייקעלע, זיך געגרייט אַרויסצוגיין. מיט נערוועזיש־ציטערנדיקע הענט האָט ער זיך קרום פאַרקנעפּלט אין די נישט געהעריקע לעכלעך און נישט געזעגנענדיק זיך מיט מאַריאַן, וואָס האָט פון אים אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ, איז ער אַרויס פון שטוב. ווען ראָבערט איז שוין געשטאַנען ביים גאָרטן־טירל, האָט זי אים צוריק־גערופן.

מיט אַ געבויגענעם קאָפּ און האַלב־פאַרמאַכטע אויגן איז זי פאַר אים געשטאַנען ווי אַ באַזיגטע, ווי אַ שקלאַפין. „גוט״, האָט זי געזאָגט און זיך געווישט די טרערן פון די אויגן, „איך האָב באַשלאָסן מיט דיר מיטצופאָרן. איך האָב אָבער צו דיר אַ ביטע: לייג אָפּ די רייזע. זיי זיכער, אַז איך וועל פאָרן. זאָוואַר איך לעב, איך פאָר. אָבער — — — —״. מאַריאַ האָט מער נישט געקענט רעדן. זי האָט זיך ספּאַזמאַטיש צעוויינט, אויפסניי זיך אַרויפגעוואָרפן אויפן קאָזעטקעלע און פאַרטוליעט איר פאַרוויינט פּנים אין די באַבלימלטע קישעלעך.

„אַך דאָס זינד דאָך שמאָנצעס!״, האָט ער בייז אויסגעשריגן און ווידער געוואָלט אַוועקגיין.

מאַריאַ האָט אים צום צווייטן מאָל צוריקגערופן. — — —

* * *

ראָבערט און מאַריאַ האָבן זיך צוגעגרייט אַוועקצופאָרן.

״מיר דאַרפן אַריינלייגן אין די רוק־זעק אַביסל וועש, אַלטע קליידער און זאָפּאַרט אַוועקפאָרן. מאַריאַ עס ווערט שפּעט. אייל זיך צו. גיב מיר שנעל די אַלטע קליידלעך. דאָס דאַרפן מיר, כדי צו פאַרדעקן די אַרויס־גענומענע זאַכן. דו ווייסט דאָך, וויפל געהיים־פּאָליציאַנטן עס דרייען זיך אַרום אומעטום.

נאָכן איינפּאַקן עטלעכע אַלטע קליידער, צעריסענע וועש און צוויי צעריסענע ווינטער־מאַנטלען, האָט ראָבערט איר געזאָגט:

„מאַריאַ, דעם גאַנצן וועג מוזטו שפּילן די ראָל פון אַ „היימקערערין״.

„גוט״, האָט מאַריאַ געזאָגט, „כ׳וועל זיין געהאָרכזאַם צו אַלע דיינע אָנווייזונגען. אַך, מיין גאָט״, האָט זי טיף אָפּגעזיפצט. אָנגעטון אַן אַלטן רעגן־מאַנטל, אַ פּאָר מענער־שטיוול, זיך פאַרבונדן דעם קאָפּ מיט אַ טונקל־לייוונטן טיכל און גוט אָפּגעוואַשן די אַרויפגעשמירטע קאָסמעטיק פון איר פּנים.

„ביסט גרייט, מאַריאַ?״

„יאַ־וואָל״, האָט זי קורץ געענטפערט. געוואָרפן אַ בליק אויף די קינדער און איז אַרויס פון שטוב.

מיט אַרויפגעצויגענע רוק־זעק האָט דאָס „היימקערער״־פּאָרל געײַלט איבער די הינטער־געסלעך צו דער באַן, צו פאָרן אַהין ווו דער אוצר איז באַגראָבן.

* * *

דורך טונקל־באַלויכטענע, האַלב חרובע גאַסן פון דער ווירטנבערגער שטאָט זענען געגאַנגען מאַריאַ און ראָבערט. די צעבויגענע, אײַזערנע שטאַנגען, וואָס האָבן אַרויסגעשטעקט פון די צעוואָרפענע הײַזער, האָבן אויסגעזען ווי אַרויסשטעקנדיקע האַרמאַטן־לופעס און געשראָקן מאַריאַן. זי האָט זיך אַלע ווײַלע געצלמט, געבעטן גאָט, עס זאָל זיי נישט געשען קיין שום שלעכטס. זי איז נאָך קיינמאָל נישט געווען באַהערשט פון אַזאַ פּחד ווי איצט. איר האַרץ האָט ממש געצאַפּלט פאַר שרעק. זי איז אָבער געגאַנגען, ווי אַ בלינדע, געפירט פון ראָבערטן, צו וועמען זי האָט געהאַט ווייניק צוטרוי. בלויז איר פרויען־נײַגיר, לײַדנשאַפטלעכע תאווה צו גאָלד, רײַכטום — טראָץ אירע רייד, אַז זי נ״יטיקט זיך נישט אין געלט — און אויך די אומבאַגרענעצטע מורא פאַר ראָבערטס דראָאונגען, האָבן איר געצוווּנגען מיטצופאָרן, אַרויסנעמען די פון יידן אָנגערויבטע לעצטע שטיקלעך גאָלד און ווערטפולע חפצים.

ראָבערט איז דווקא געגאַנגען שטאָלץ, פריידיק, צופרידן, וואָס אים איז געלונגען מאַריאַן צו פאַנגען אויף דער גאָלדענער ווענטקע. באַזונדערס איז ער געווען מלא שמחה, וואָס מאַכנדיק איר מיטפאַראַנטוואָרטלעך און אַ שותף צו דעם געגזלטן פאַרמעגן, איז ער זיכער מיט מאַריאַן, וואָס וועט זיך שוין קיינמאָל נישט אַרויסדרייען פון אים ווי ביז איצט. ער האָט אָבער געהאַט איין זאָרג: וואָס צו מאַכן מיט זײַן געוועזענעם שעף, מאַריאַס מאַן, וואָס איז געבליבן לעבן און געפינט זיך שוין אין הולם.

דורך פינצטערע הינטערגעסלעך זענען ביידע געגאַנגען שטיל, נישט גערעדט צווישן זיך. יעדער איז געווען פאַרזונקען אין זײַנע געדאַנקען און נישט געוווּסט דעם צווייטנס פּלענער, נאָכן אַרויסנעמען דעם אוצר. צוויי מענטשן — צוויי וועלטן.

ראָבערט האָט איבערגעריסן די שטילקייט:

„מאַריאַ, וויפל יידן רעכנסטו זענען נאָך געבליבן לעבן נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה ?"

„איך ווייס נישט. ביי אונדז אין שטאָט וווינען נאָך אַ סך יידן — אַזוי הער איך דערציילן. איך זע זיי אָבער נישט", האָט זי שעפּטשענדיק געזאָגט.

„מאַריאַ, האָסט אַן אַנונג וויפל מיר האָבן זיי פאַרגאַזט און פאַר־ברענט אין אוישוויץ ? אַך, ליבער גאָט, איך בין געווען זיכער, אַז קיינמאָל וועט מיר שוין נישט אויסקומען צו זען די שוויינע. צום סוף זענען זיי, די ווערים, נאָך אַזויפיל פאַרבליבן. ווי דענקסטו, מאַריאַ, זענען טאַקע די יידן אַזוי קלוג און כיטרע ווי מ'האַלט זיי ? איך צום ביישפּיל, האָב זיך אין קאַצעט איבערצייגט דאָס פאַרקערטע. אויך יעצט, אַז איך זע ווי זיי קריכן נאָך צו אונדז און ווילן מיט אונדז ווייטער לעבן צוזאַמען, באַשטעטיק איך נאָכאַמאָל זייער דומהייט. וואָס טראַכטן זיי, מיינסטו, מאַריאַ, אַז מיר האָבן אַזויפיל יידן פאַרניכטעט, וועלן מיר שאַנעווען די איבערגע־בליבענע ?"

„איך קען דיר, לײדער, אויף דער פראַגע נישט ענטפערן. מיר אינטערעסירן ווייניק די יידן. איך בעט בלויז גאָט, ער זאָל מיך אין פרידן צוריק ברענגען אין מיין שטוב."

אַזוי גייענדיק און פּלוידערנדיק, האָבן זיי זיך דערווייל היפּש דער־ווייטערט פון דער שטאָט.

„זעסט ?" האָט ראָבערט איר געוויזן אַ ברוינלעך ליכט־פינטעלע, וואָס האָט זיך אַרויסגעפינקלט פון דער נאַכטישער שוואַרצקייט, „דאָרט איז אונדזער אַמאַליקע ס. ס.־קאַסערנע. היינט וווינען דאָרט אַזויפיל יידן! דער טייוול ווייסט זיי וויפל! האָרך אויס: צוקומענדיק צו דעם אָרט, מוזטו שטיין אויף דער וואַך — דאָס איז דיין אויפגאַבע. אין פאַל ווען דו וועסט באַמערקן אַ פערזאָן, זאָלסטו צו מיר לייכטן מיט דעם לעמפּל, וואָס איך וועל דיר געבן. אָבער דו דאַרפסט זיך נישט שרעקן. אויב עס וועט עפּעס פּאַסירן, זאָלסטו אויך נישט שרייען."

כאָטש ראָבערט האָט געלערנט מאַריאַן צו זיין שטאַנדהאַפטיק, האָט פונדעסטוועגן זיין האַרץ אָנגעהויבן צאַפּלען פאַר פּחד, ווי נאָר זיי האָבן

זיך דערנענטערט צו דער געוועזענער ס. ס.־קאַסערנע, ווי די אַמעריקאַנער מיליטער־מאַכט האָט איינגעאָרדנט אַ יידישן ד. פּ.־לאַגער. זיין לייב איז באַגאָסן געוואָרן מיט שווייס. ער האָט אָנגעהויבן פיבערן און ציטערן, פונקט ווי די מענטשן, ביי וועמען ער האָט פאַר זייער מאַרטירער־טויט, אָוועקגערויבט זייערע באַהאַלטענע חפצים, פאַר וועלכע ער גייט זיך איצט קויפן מאַריאַס לייב, צו וועלכן ער גלוסט שוין צענטליקער יאָרן.

זיי זענען צוגעקומען צו דעם יידישן ד. פּ.־לאַגער.

מיט צוויי כמעט ליידיקע רוק־זעק און הערצער פולע מיט שרעק און רויב־לוסט, האָט זיך דאָס „היימקערער"־פּאָרל געשאַרט נעבן דעם אייזערנעם פּאַרקן פון דעם לאַגער און פאָרזיכטיק צוגעקראָכן צו דעם באַשטימטן פלאַץ.

נאַכט.

אין דעם יידישן ד. פּ.־לאַגער זענען שוין אַלע היימלאָזע געשלאָפן. ס'איז דאָרט געווען פינצטער און שטיל. מ'האָט בלויז געהערט דעם וואָיענדיקן האַרבסט־ווינט, וואָס האָט פייפנדיק צעבלאָזן די שאָרכנדיקע בלעטער פון די ברייט־צעצווייגטע קאַשטן־ביימער אויפן לאַגער־הויף. דעם ווינטס פייפן און זיפצן האָט נאָך מער איבערגעשראָקן דאָס גאָלד־גיריקע „היימקערער"־פּאָרל, וואָס האָט זיך גנביש און פאָרזיכטיק געשאַרט נעבן פּאַרקן פון דעם קעמפּ.

ראָבערט איז געגאַנגען פאָרויס. מיט אַ לייכטנדיק קליין, עלעקטריש לעמפּעלע, פאַרמאַסקירט מיט אַ ספּעציעל געמאַכט קעסטעלע, האָט ער געזוכט דעם בוים, אונטער וועמענס וואָרצלען ס'איז געווען באַהאַלטן דאָס ביסל לעצטע פאַרמעגן פון די מענטשן, וועמענס לעבנס ער האָט מיט זיינע אייגענע הענט פאַרפייניקט און דערמאָרדעט.

ראָבערט האָט מאַריאַן געהייסן בלייבן שטיין. לויט זיין באַפעל האָט זי געמוזט אַכטונג געבן אויף דעם באַלויכטענעם וואַך־בודקעלע, וווּ עס האָט אַמטירט אַ יידישער לאַגער־פּאָליציסט. אין איר קאָפּ האָבן זיך, בליצאַרטיק, געטוישט די געדאַנקען. זי האָט זיך קאָנוווּלסיוו געשליידערט פאַר פּחד. ווי פאָרזיכטיק און שטיל ראָבערט האָט מיט אַ קליין לאָפּאַטקעלע געגראָבן און אָוועקגעשיט די ערד, האָט זי דעם דומפּן גערויש דאָך געהערט.

יעדער מינדעסטער שאָרך פון זיין אַריינשטעקן די לאַפּאַטע אין דעם באָדן, האָט איר לייב צעפּיבערט. ביי יעדן לייכטן פאַלן פון דער אָוועקגעוואָר־פענער ערד, האָט זי אויפגעשוידערט. זי איז געווען זיכער, אַז דאָ פּאַקט מען זיי. „קיינמאָל", האָט זי צו זיך געזאָגט, „וועל איך שוין מער נישט זען מיין היים, מיינע קינדער". מאַריאַ האָט געהאַט פּאַרדרוס און חרטה, פּאַרוואָס פונקט דאָס מאָל, האָט זי זיך געלאָזט איבעררעדן פון דעם ראָבערטן און איז מיט אים מיטגעפאָרן, אַרויסנעמען געראַבעטע זאַכן, וואָס וועלן איר אומגליקלעך מאַכן אויפן גאַנצן לעבן.

די וואַיענדיקע ווינטן האָבן, אָפּטמאָל, איר געשטערט צו הערן, וואָס עס קומט פאָר ביי ראָבערטן און גלייכצייטיק האָבן זיי איר עטוואָס באַרויקט, אַז דער וויכער שטערט דעם יידישן פּאָליציסט צו הערן ראָבערטס אַרבעט. זי איז אָבער, דייטשיש געהאָרכזאַם, געשטאַנען אויף דער וואַך און נישט אַראָפּגעלאָזט, אויף קיין איין רגע, אירע אויגן פון דעם וואַך־בודקעלע — דער איינציקער אָביעקט, פאַר וועלכן זי האָט מער מורא געהאַט ווי פאַרן טויט. באַרויקנדיק זיך אַביסל, האָט זי אָנגעהויבן שעפּטשען תּפילות, געבעטן ביי גאָט, ער זאָל זיי ביידן, מיטן אוצר, צוריקפירן אין שטוב אָן אַ מכשול.

ווען די ווינטן האָבן זיך באַרויקט, האָט מאַריאַ ווידער אָנגעהויבן צאַפּלען פאַר שרעק, אַז מ׳וועט דערהערן זיין מלאכה און זיי כאַפּן. אין דער נאַכטישער שטילקייט, האָט זי גענוי געהערט ראָבערטס אַרבעט. ווי פאַר־זיכטיק דער פּראָפעסיאָנעלער גאַזי־אַגענט האָט זיך באַמיט שטיל אַרויס־צונעמען די טייערע חפצים פון גרוב, האָט מאַריאַ דאָך געהערט יעדן מינ־דעסטן קלאַפּ און קלאַנג פון די אַריינגעלייגטע גאָלד־שטיקלעך און צירונג אין קליינע טאָרבעלעך און קאָנסערוון־פּושקעס. דאָס האָט נאָך מער גע־שטייגערט איר שרעק. אַלע אירע געדאַנקען, וואָס האָבן איר געמאַ־טערט חדשים, צוגערויבט די רו, זענען מיטאַמאָל פאַרשוווּנדן. אין דעם מאָמענט האָט זי אין אַלץ פאַרגעסן: אין דער שטוב, קינדער, איר פאַרטעטעריש לעבן, אירע פאַרברעכנס אין דער דינסט־צייט ביי די עס־עס. מאַריאַ האָט בלויז געטראַכט, ווי אַזוי זי וועט דאָס מיטן אוצר צוריקקומען אַהיים. מאַריאַ האָט אַ בליק געגעבן אויף ראָבערטן, וואָס איז געווען

שטאַרק פאַרנומען, פלייסיק אַריינגעלייגט אין קליינע טאָרבעלעך און אין פושקעס דאָס אָנגערויבטע יידישע האָב און גוטס: גאָלדענע רינגען, רוסישע גאָלד־שטיקלעך, גימענס מיט גאָלדענע ציין, פערל־בענדער, בראַנזילעטן מיט ברילאַנטן און גאַנצע הויפנס מענער־ און פרויען־זייגער־לעך. ראָבערט איז אַזוי שטאַרק פאַרטאָן געווען אין דער אַרבעט, אַז ער האָט קיין איין מאָל נישט געקוקט אויף מאַריאַן, ווי ער וואָלט אינגאַנצן פאַרגעסן ווו ער געפינט זיך און וואָס ער טוט. זיינע פייערדיקע אויגן האָבן פון דער נאַכטישער השכות ווילד אַרויסגעגלאַנצט, ווי ביי אַ חיה ביים פאַרצוקן איר רויב. ער איז געווען שטאַרק דענערווירט, רציחהדיק, פונקט ווי בשעתן אַרויסרייסן פון די יידנס מיילער די ציין־גימענס, אָפּ־שניידן זייערע פינגער מיט די זעלבע סיגנעטן און קדושין־רינגלעך און אַראָפּרייסן די פערל־בענדער פון די נאַקעטע פרויען איידער ער האָט זיי אַרייַנגעיאָגט אין גאַז־קאַמער.

נאָכן פאַרטיק ווערן מיט דער אַרבעט, איז ער צוגעגאַנגען צו מאַריאַן, אויף אירע אַקסלען אָנגעהאָנגען אַ רוק־זאַק און דעם צווייטן רוק־זאַק אַרויפגעצויגן אויף זיך.

געשיצט פון דער נאַכטישער פינצטערניש איז דאָס „היימקערער"־פּאָרל געגאַנגען צו דער באַן־סטאַציע.

אויפן קליינעם האַלב־באַלויכטענעם וואָקזאַלעכל, האָבן אַ סך „היימקערער" געוואַרט אויף פאַרשידענע צוגן, אַהיימצופאָרן צו זייערע משפחות. כמעט אַלע זענען געווען אָנגעטון אין אַלטע, פאַרלאַטעטע קליידער און נעבן זיך אָנגעפילטע רוק־זעק, פונקט ווי מאַריאַ און ראָבערט, וועלכע האָבן זיך צו דער מלאכה ספּעציעל איבערגעטון.

מאַריאַ און ראָבערט האָבן זיך באַקענט מיט „היימקערער"־לייט און אַנדערע פּאַסאַזשירן, וועמען זיי האָבן דערציילט גרוילעכע מעשיות פון זייער נויט־לעבן און גאָר שווערער אַרבעט אין די סיבירער לאַגערן, ווו זיי זענען געוואָרן קראַנק און זעליש צעבראָכן. מאַריאַ האָט נאָך צוגע־געבן, אַז אין דעם געפאַנגען־לאַגער ווו זי איז געווען, זענען נאָך פאַרבליבן 972 מעדכענס פון 4753 פּאַרטיי־חברים, וואָס זענען אַרעסטירט געוואָרן אין בערלין דורך די רוסן. די איבערגעבליבענע מאַטערן זיך נאָך אויף

פאַרשידענע קאַטאָרגע־אַרבעטן און „דער ליבער הער־גאָט ווייסט, ווען מ׳וועט זיי באַפרייען״.

באַרמהערציקע פּאַסאַזשירן, וואָס האָבן נייגעריק אויסגעהערט זייערע איבערלעבונגען, האָבן זיי געשענקט שטיקלעך ברויט, מטבעות און סיגאַרעטן.

„דו ביסט אַ העלדישער מאַן, ראָבערט!״ האָט מאַריאַ אויסגערופן אַ באַגייסטערטע.

„דיין גרעסטע דומהייט איז געווען דאָס חתונה האָבן מיט אַ יודע, וועמענס לעבן איז קיינמאָל און אין קיין שום לאַנד נישט זיכער, האָט מיט גרויס צופרידנקייט זיך אָנגערופן ראָבערט, „איך ווייס, דו לעבסט איבער שרעקלעכע טעג. כ׳פיל דיין פּיין. אַלע דיינע פאַרפלאָנטערטע קאָשמאַר־געדאַנקען פאַרשטיי איך, ווייל, מיין ליבע מאַריאַ, אויך איך... אָבער זיי וויסן: דאָס לעבן, האָב איך דערפאַרן, לערנט און פאָדערט פון מענטשן צו זיין ברוטאַל, האָבן אַ פעסטן ווילן. אַלע שוואַכע ווערן פון די שטאַרקע באַזיגט. יאַ־וואָל מאַריאַ, מען מוז זיין שטאַרק. לעבן הייסט — זיין שטאַרק.

אויסהערנדיק אויפמערקזאַם ראָבערטס „פילאָזאָפיע״, האָט מאַריאַ באַוואונדערט זיין לעבנס־דערפאַרונג. זי האָט זיך צו אים צוגעטוליעט, ווי אַ קליין, דערשראָקן קינד צו דער מוטער. דאָס ערשטע מאָל האָט ראָבערט דערפילט די אָנגענעמע וואַרעמקייט פון איר קערפּער, צו וועלכן ער גאַרט שוין צענדליקער יאָרן. אים איז געווען ווונדערלעך, פאַרוואָס זי ציטערט און איר באַרואיקט: „מאַריאַ, אַלע געפאַרן וועלן פאַרביי, זיי זיכער. מיר זענען איצט רייכער ווי די גרעסטע יידישע קאַפּיטאַליסטן. איך האָב דיר געזאָגט, אַז מען דאַרף זיין שטאַרק. ריכטיק. אָבער די גרעסטע קראַפט איז קאַפּיטאַל. מיט געלט איז אָפן די וועלט״.

„אָבער״, האָט מאַריאַ אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און שטילערהייט אים דערציילט אַז אַרנאָלד, איר מאַן, לעבט און „היינט איז ער ביי מיר געווען. ראָבערט, אַלע דיינע ווערטער זענען ריכטיקע אָבער פאַר מיר איז מער נישטאָ קיין גליק. אָן רו איז אוממעגלעך צו לעבן. אַלץ קאָנסטו מיר איצט געבן מיט דיין געלט, אָבער נישטאָ קיין טרייסט און הייל־מיטל צו מיינע שרעקלעכע ליידן.״

הערנדיק די ווערטער האָבן זיך זיינע איינגעפאַלענע בלאַסע באַקן געראָיטלט. די גרינע אייגעלעך האָבן צאַרנדיק געקוקט. ער האָט זיך פון איר אָפּגערוקט, אויפגעהויבן די רעכטע, פויסטנדיקע האַנט, זי צוגע־שטעקט צו איר פּנים און שטיל אָבער רציחותדיק געזאָגט: „מאַריאַ, איך וועל דיך פון אַלע פּיינען באַפרייען. אין אַ קורצע צייט וועלן מיר זיין אין אויסלאַנד. ביז אונזער פּאַרטיי וועט ווידער באַקומען די מאַכט, האָבן מיר מער נישט וואָס צו טון אין אונזער פאָטערלאַנד. דערצייל נישט קיינעם. מיר פאָרן קיין מצרים. די גרעסטע צאָל אונזערע חברים פון לייפּציג פאָרן דאָרט אַהין. מיר האָבן דאָרט אַ סך פריינט. אָבער איך וועל פריער פאַרטיק ווערן מיט דעם יידן... זיי אין דעם זיכער״.

„ניין!״ האָט מאַריאַ אויסגערופן. דו קענסט מיך ליבערשט שלאָגן צום טויט. אַרנאָלד איז דער פאָטער פון מיין קינד״. זי האָט מער נישט גע־קאָנט רעדן און זיך צעוויינט.

„נו, זיי נישט זאָ דום, דו נאַריש קינד מיינס״, האָט ער איר באַרויקט און געגעבן אַ פענעצל שוואַרץ ברויט, וואָס אַ יונג, עלעגאַנט דאַמעלע האָט זיי געשענקט.

„ראָבערט, מיין האַרץ איז פול מיט שרעק״ האָט זי צו אים געזאָגט, בייסנדיק נערוועז און נישט גערן, דאָס פּיצל אויסגעבעטלטע ברויט, וואָס איז געוואָרן באַנעצט מיט אירע טרערן.

ג

אַרנאָלד שולץ פאַרשפעטיקט

שבת אָוונט.

אַרנאָלד שולץ האָט דעם מידן קאָפּ אויפגעהויבן פון די אונטער־געשפּאַרטע הענט אויף אַ טישל אין וואָקזאַל. ער האָט זיך אַרומ־

געקוקט אויף דעם אויסטערלישן געטומל, זיך אויפגעשטעלט. אַ וואָקלדיקער, ווי אַ שכור, איז ער געקראָכן צווישן די ענג־צוזאַמענגע־שטעלטע טישלעך און איז אַרויסגעגאַנגען. אויף דער שוועל פון דעם נישט באַלויכטענעם קאָרידאָרל איז ער אַ ווײַלע שטיין געבליבן. דער האַרבסטי־קער אָוונט־ווינט האָט מחיהדיק געבלאָזן אויף זײַן הייסן קאָפּ, אים אָפּגע־פרישט. אַלע קאָשמאַרן, וואָס האָבן אים געמאַטערט, זינט ער וואַרט דאָ אויף זײַן מאַריאַס צוריקקומען, האָבן אים עטוואָס באַפרײַט, אויפגעהערט פּײַניקן. ער האָט זיך דערפילט עטוואָס אַנטשפּאַנט, באַרואיקט. זײַן שטיין אויף דער שוועל האָט אָבער געשטערט דאָס אַרײַן און אַרויסגיין פון די פּאַסאַזשירן, וואָס האָבן דעם דײַטשישן ייִד, אַרנאָלד, אַלעמאָל אַוועקגע־שטופּט מיט זייערע טשעמאָדאַנען און פּעק. זעענדיק, אַז ער שטערט די באַוועגונג, איז ער אַרויס אויפן קנאַפּ־באַלויכטענעם וואָקזאַל־הייפל.

דער דרויסן איז געווען טונקל און קיל. מיטן דינעם אויבערמאַנטל, האָט ער פעסטער אַרומגעהילט זײַן מידן קערפּער, וואָס האָט געציטערט פון קאַלטן נאָוועמבער־ווינט. אַ געפרוירענער איז ער צוריק אַרײַן אין וואָקזאַל. נישט האָבנדיק מער קיין זיץ־פּלאַץ, איז ער נאָכאַמאָל אַרויסגע־גאַנגען, צוגעאײַלט צו דעם „שנעל־בופעטל", אַ קליין רעסטאָראַנטל — גע־מיינט, אַז דאָרט וועט ער האָבן וווּ צו זיצן.

אויפן וואָקזאַל־הייפל האָט אים אָפּגעשטעלט אַ יונג, שיין מיידל, אָנגעטון אין אַ העלן, צעקנעפּלטן זומער־מאַנטל. זי האָט קאָקעטיש־שמייכלענדיק, געפרעגט: „ליבער, האָסטו סיגאַרעטן?"

איר דרייסטע פראַגע, דאָס ווענדן זיך צו אים אויף „דו" און דאָס וואָרט „ליבער" האָט אים צעטומלט. דאָס מיידל, זעענדיק זײַן צעטומלט־קייט איז צו אים צו גאָר נאָענט. זי האָט צוגעשטעקט אירע אַרויסגע־שפּיצטע ברוסטלעך צו זײַן קערפּער און צוגעבויגן איר באַמאַלעוועט־שמעקעוודיק פּנימל צו זײַן פּנים. אַביסל דערשראָקן און צעטומלט האָט אַרנאָלד אַרײַנגעקוקט אין אירע גלאַנציקע אייגעלעך, וואָס האָבן שמייכלענ־דיק־פאַרפירעריש אַרויסגעגלאַנצט פון איר יונג, באַמאַלעוועט פּנימל.

„וואָס ציטערסטו?" האָט זי אים געפרעגט און הילכיק זיך צעלאַכט. איר קלינגעדיק פרויען־קולכל, דער שטאַרקער פּאַרפום־ריח האָבן אין אים

אויפגעוועקט די דרימלענדיקע מענער־לוסט. ער האָט געפילט ווי איבער זיין קערפּער צעגיסט זיך אַן אָנגענעמע וואַרעמקייט. העפלעך און שמייכלענדיק האָט ער געשטאַמלט:

„אַנטשולדיקט, ליבע פרוילײן. איך האַנדל נישט מיט קיין סיגאַרעטן".

דאָס מיידל האָט זיך הילכיק צעלאַכט, געווינקן מיט די אויגן און אים אַ גלעט געטון איבערן קאַלטן שטערן. מיט דעם ווייז־פינגער פון איר צווייטער האַנט האָט זי שנעל געדרייט אַ שליסל און שטיל צו אים געשעפּטשעט:

„איך דענק נישט צו קויפן, מיין ליבלינג, ווילסט קום מיט מיר. איך האָב אַ פריי צימער. נישט ווייט פון דאַנען. אינגאַנצן הונדערט מעטער פון דעם וואָקזאַל. קום, ליבער".

איר פּראָפּאָזיציע האָט אים דערשראָקן. אַנטשולדיקנדיק זיך איז ער פון איר אַוועק, אַריין אין דעם טומלענדיקן שנעל־בופעטל.

דאָס רעסטאָראַנטל איז געווען שוואַך באַלויכטן מיט צוויי קליינע, עלעקטרישע לעמפּלעך, וואָס זענען אַראָפּגעהאָנגען פון אַ געל־טאָוולענעם, בידעריקן סופיטל. אַרנאָלד האָט זיך אַרומגעדרייט, געזוכט אַ ליידיקע שטול. אָבער אומזיסט. אומעטום זענען געזעסן פּאַסאַזשירן, וואָס האָבן אָפּגעוואָרט אָפּצופאָרן אין זייערע היימען, בכדי צו פייערן דעם מאָרגנדיקן חגא־טאָג.

אַרומדרייענדיק זיך צווישן די טישלעך, ביי וועלכע עס זענען געזעסן אויסגעפּוצטע פרויען מיט מענער, אָנגעטון אין עלעגאַנטע קאָסטיומען און קליינע קאַפּעלושלעך מיט געפאַרבטע פעדערן, אַריינגשטעקט אין די טאַשמעס, האָט ער מיט קנאה אָבסערווירט די זיצנדיקע און געקוקט אויף די דערלאַנגטע מאַלציייטן: פאַרשידענע געמיזן, געפּרעגלטע און געקאָכטע פליישן. די פריילעכע עסער האָבן דעם מאָדנע־אויסזעענדיקן ייד, מיטן צעריסענעם מאַנטל און נישט ראַזירט פּנים, באַטראַכט. אַרנאָלד האָט זיך דאָ געפילט גאָר נישט אָנגענעם. וואָס לענגער ער האָט געקוקט אין די טעלער, אַלץ מער האָבן זיין הונגעריקן מאָגן געריצט די ריחות פון די מאכלים. ער האָט אַרויסגענומען זיין שפּייז־קאַרטע, וואָס איז געווען כמעט שוין אינגאַנצן אַרומגעשוירן, אויסגענוצט, געזוכט אַ טאַלאָנדל, פאַר וועלכן צו קויפן עפּעס אַ מאָלצייט. שטייענדיק אַזוי פאַרדמיונט וועגן זיינע טאַ־

לאַנדלעך און די פּאָר מאַרק אין בײטעלע, האָבן אים אַלעמאָל אָפּגעשטופּט אין אַ זײַט די גראַציעז זיך בײגעוודיקע קעלנער, וואָס האָבן קונציק גע־טראָגן אין אײן האַנט טאַצן מיט באַשטעלטע שפּײַזן און געטראַנקען און אין דער צווײטער — ווײַסע סערוועטקעלעך.

עס איז פּלוצים געוואָרן אַ טומל. אַלע פּאַסאַזשירן האָבן אויפמערק־זאַם אויסגעהערט די מעלדונג פון אַ באַן־באַאַמטן, אַז דער „פּערזאָנען־צוג" קײַן גערמאַזש, וואָס האָט זיך פאַרשפּעטיקט מיט 94 מינוט, קומט אָן 4.52 און פאָרט אָפּ פּינקטלעך 5 מיט 3 מינוט.

אַ סך פּאַסאַזשירן האָבן זיך אויפגעשטעלט פון די שטולן, געאײלט צו דער אַרויסגאַנג־טיר. די פרײַ־געוואָרענע זיץ־פּלעצער זענען, מניה וביה, געוואָרן באַזעצט. אויך אַרנאָלד האָט געוואָלט אויסנוצן די געלעגנהײט, געזוכט אַ לײדיקע שטול. ווי צו להכעיס, איז אים נישט געלונגען צו פאַר־כאַפּן אַ פּלאַץ. ווי נאָר ער האָט דערזען ווי עמעץ הײבט זיך אויף, איז ער באַלד צוגעלאָפן. נאָר ביז ער איז צוגעקומען, איז דער פּלאַץ שוין געווע־ פאַרנומען. „זאָ אײן פּעך", האָט ער צו זיך גערעדט. ס'האָט אים פאַרדראָסן, וואָס אַפילו צו אַזאַ קלײניקײט האָט ער אויך נישט קײן מזל. נאָך אַרומ־זוכן אַ לענגערע צײַט, האָט ער באַמערקט נעבן דער אַרויסגאַנג־טיר אַן אָרט אויף אַ לאַנגער באַנק, וואָס איז געשטאַנען נעבן אַ נישט־באַדעקטן טיש. נישט גערן איז ער צוגעגאַנגען און זיך געזעצט, צווישן עטלעכע אײַנהעגטיקע און אײַנפּיסיקע אינוואַלידן, אויף וועמענס אַקסלען ס'האָבן געדרימלט פרויען. די מענער און די פרויען זענען געווען אָנגעטון אין צעריסענע, רוסישע סאָלדאַטסקע שינעלן און אויסגעזען ווי „היימקערער" ווי נאָר אַרנאָלד האָט זיך צוגעזעצט נעבן זײ, האָבן זײ אָנגעהויבן שמועסן.

„ווי דענקסטו, אַדאָלף?", האָט זיך אײנער אָנגערופן, „וועט טאַקע אײַנקורצן זײַן דער דריטער וועלט־קריג?"

„מ'שמועסט, אַז אַ מלחמה איז אומפאַרמײַדלעך. אָבער, הענרי, פאַר מיר איז דאָס ווײַניק וויכטיק", האָט געענטפערט אַדאָלף און זיך באַקלאָגט, אַז סיווי האָט ער נישט ווו צו פאָרן. „אין מײַן הײם־שטאָט", האָט ער אים אויפגעקלערט, „זענען דאָ רוסן און וואָס וועל איך, דענקסטו, טון אין דער אַמעריקאַנער זאָנע? זאָ וואַר איך לעבע, אין מיליטער איז אויך נישט

גוט, אָבער אַלץ בעסער ווי אין ציוויל. הענרי, ווו האָסטו געדינט?"

"די גאַנצע צייט אין פּרייסן".

"מיין גאָט", האָט אַדאָלף זיך אָפּגערופן, "דו ווייסט דאָך גאָר נישט. איך וואָר אין וואַרשע, מינסק און אין אָדעס. אומעטום האָבן מיר געהאַט יידן. וואָס ווייסטו, מענטש, ווי פריילעך עס וואָר מיט די קערלס! יאַ־וואָל, הענרי, דאָס וואָר נאָר איינע, איינמאַליגע געלעגנהייט!"

"דו ביסט דום, אַדאָלף, נאָך אַ סך זענען זיי פאַרבליבן. אומעטום זענען זיי פאַראַן, די יודן. עס וועט נאָך סטייען אויפן דריטן וועלט־קריג".

אַרנאָלד האָט גאָר אויפמערקזאַם אויסגעהערט די גיפטיקע יידנהע־צערישע רייד. פאַר כעס און ווייטיק האָט ער זיך געביסן די ליפּן. ער האָט פון זיי נאָך אויסגעהערט אַ סך עפּיזאָדן פון זייערע מלחמה־איבערלעבונגען, פּאָליטישע דיסקוסיעס און פּרעכע זידלערייען. צום מערסטנס האָבן זיי אויסגעגאָסן דעם צאָרן אויף די אַליאירטע אַרמייען, וואָס האָבן געשטערט דעם זיכערן זיג פון דער דייטשישער ווערמאַכט און פאַראומגליקט דאָס דייטשישע פאָלק.

אַ סיגנאַל פון אַן אָנקומענדיקן צוג האָט די מלחמה־אינוואַלידן אַרויסגערופן.

אַרנאָלד האָט פרייער אָפּגעאָטעמט. ער האָט אָנגעלענט דעם קאָפּ אויף זיינע פויסטן און געפרווט איינדרימלען. דער אַרומיקער געטומל האָט אים אָבער געשטערט איינצושלאָפן. ער האָט דערפילט אַ קאָפּ־ווייטיק. איינאָטעמדיק די שווערע לופט פון די פאַרשידענע ריחות פון הערינג־סאַלאַט, געבראָטן פלייש, ערזאַץ־ביר און ציגאַרעטן־רויך, האָט אים גע־דריקט ביים האַרץ. עטלעכע מאָל האָט ער אויפגעהויבן דעם קאָפּ, זיך עטוואָס אויסגעגלייכט און צוריק זיך איינגענורעט, געפרווט כאַפּן אַ דרימל — אַזוי איז ער אָפּגעזעסן אַ גאַנצע נאַכט.

פאַרטאָג איז ער איינגעשלאָפן. די אָנקומענדיקע און אָפּפאָרנדיקע צוגן האָבן מיט זייערע פייפן און סיגנאַלן אים כסדר געוועקט. דרימלענדיק האָט זיך אים געחלומט:

ער איז געקומען אַהיים. מאַריאַ גרייט אים צו דאָס בעט, קלאַפּט אין די דיקע, ווייס־איבערגעצויגענע קישנס. "שוין צוועלף יאָר, מאַריאַ,

בין איך נישט געשלאָפן אויף אַזאַ ציכטיק געלעגער", האָט ער זיך פאַר־קלאָגט.

— — — ער און מאַריאַ פּאַקן די שטוב־חפצים, גרייטן זיך אַוועק־צופאָרן אין אַן אַפּרו־אָרט.

— — — כעסיק רייסט ער אויף דאָס טירל פונעם פאַרקנדל. אַ ווילדער לויפט ער אַריין אין שטוב און דערזעט מאַריאַן ליגן אין בעט, צוזאַמען מיט ראָבערטן. ער מאַכט אַ סקאַנדאַל. ראָבערט לויפט אַראָפּ פון בעט, כאַפּט אים ביים האַלדז און וואַרגט אים. מאַריאַ מאַכט אַ געוואַלד, לויפט אויך אַראָפּ פון בעט און רייסט אַוועק דעם מערדער, ראָבערט. אַר־נאָלד צעשרייט זיך. — — ער האָט זיך אויפגעכאַפּט, זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן.

כאָטש אַרנאָלד האָט קיינמאָל נישט געגלייבט אין חלומות, האָט ער, דאָס מאָל, זיך געשראָקן. ער האָט אויפסניי אָנגעהויבן טראַכטן פון זיין פאַרגאַנגענהייט; דאָס גליקלעכע צוזאַמענלעבן מיט מאַריאַן, זיינע אַמאָליקע געשעפטן און דער עיקר ראָבערטס אייפערזוכט, פיינטשאַפט. די־אַ זכרונות האָבן אים געפייניקט. אים איז איינגעפאַלן אַ גאַר נייער געדאַנק: „מעגלעך, אַז דאָס אַלץ זענען בלויז פאַנטאַזיעס. דאָס שילדל איז גאַר נישט מאַריאַס. אין דעם הייפל וווינט נאָך אַ מאַריאַ מיטן פאַמיליע־נאָמען הערמאַן, און ראָבערט האָט אויסגענוצט דאָס שילדל, בכדי זיך מיט אים צו רייצן". דער געדאַנק האָט אים אַביסל באַרויקט. אין אייניקע מינוטן אַרום האָבן אים אָבער אָנגעהויבן פייניקן אַנדערע מחשבות: „מאַריאַ האָט פאַראַטן. אין דעם הייפל איז מער נישטאָ ווי איין הייזל. ווען עס וווינט דאָרט נאָך אַ מאַריאַ, וואָלט דאָס הויז־מיידל אים וועגן דעם אינפאָרמירט." באַשטעטיקנ־דיק מאַריאַס פאַראַט האָט זיך אים דערמאָנט, אַז אַפילו אין רוסלאַנד האָט ער תמיד געטראַכט וועגן מאַריאַן, אַז איר לייכטזין און לעבנס־לוסט וועלן איר דערפירן צו פאַראַט. אויך איצט, האָט ער געטראַכט, מוז זי זיכער לעבן מיט ראָבערטן.

די דאָזיקע קעגנזעצלעכע געדאַנקען זענען פאַר אים געווען שווערע גיהנום־ליידן. ער האָט זיך געפרווט פון זיי באַפרייען. נישט געוואָלט טראַכטן און דאָך נישט געקאָנט. אים האָט כסדר געמאַטערט דער געדאַנק,

פֿאַרוואָס ראָבערט האָט זיך געדרייט פֿאַר מאַריאַס הויז און פֿאַרוואָס האָט ער צו אים גערעדט אַזעלכע פֿיינטלעכע רייד און פֿאַרוואָס האָט מען אים נישט אַריינגעלאָזט אין מאַריאַס שטוב?

די דאָזיקע און נאָך אַנדערע פֿראַגן האָבן געפּייניקט זיין מידן קאָפּ און צעווייטיקט זיין אומרויִק האַרץ. אַ סך מאָל האָט ער געפּרוּווט זיך באַפֿרייען פֿון די טראַכטענישן. אָבער אומזיסט. דער געדאַנק וועגן מאַריאַן, ד״ר הערמאַן און ראָבערט האָבן נישט אויפֿגעהערט צו עגבערן זיין מוח. אַרנאָלד, דער געוועזענער לעבנס־דערפֿאַרענער סוחר, האָט צענדליקער מאָל זיך געפּרוּווט אַליין טרייסטן, געזוכט עפּעס אַן אַנדייטונג, אַ וואָרט, וואָס זאָל עפּעס כאָטש פֿאַרענטפֿערן, לייכטער מאַכן דעם פֿאַר אים אַזוי שווערן לעבנס־רעבוס, וועלכן ער האָט זעלבסט געשאַפֿן מיטן חתונה האָבן מיט דעם דייטשישן מיידל, וואָס האָט אים פֿאַראַטן. און דאָך גאַרט ער אויפֿסניי צוריק צו באַנייען זיין אַמאָליק לעבן. אין דער שלאָפֿלאָזער נאַכט האָט אַרנאָלד אַ סך מאָל געטראַכט פֿון זיין גליקלעכע פֿאַרגאַנגענהייט מיט מאַריאַן. ער האָט זיך דערמאָנט אין זיינע אַמאָליקע האָפֿענונגען, אַז דאָס שיינע, געבילדעטע, אַריסטאָקראַטישע מיידל וועט אים דערמעגלעכן אויסצונוצן זיינע סוחרישע פֿעיִקייטן, אים ברענגען גליק און רייכטום. אין דער אמתן האָט די דאָזיקע האָפֿענונג אים דעמאָלט נישט אַנטוישט: נאָך דער חתונה מיט מאַריאַן, האָט ער געהאַט גרויס דערפֿאָלג אין דער דייטשישער געזעלשאַפֿט. ער האָט געעפֿנט, אין צענטער פֿון לייפּציק, אַ גרויס פֿלייש־געשעפֿט, פֿון וועלכן ער איז שנעל רייך געוואָרן. זיין נאָמען איז גיך פּאָפּולער געוואָרן אין דער שטאָטישער האַנדלס־געזעלשאַפֿט, מיט וועלכער ער האָט געמסחרט און גוט פֿאַרבראַנגט. אַז דאָס אַלץ וועט אַמאָל, ווי אַ נעפּל, צערינען, האָט ער קיינמאָל נישט געחלומט. אַפֿילו ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן די יידישע רדיפֿות אין דייטשלאַנד, האָט ער אויך גע־מיינט, אַז מאַריאַס באַקאַנטשאַפֿט מיט די אַקטיוויסטע נאַציסטן אין לייפּציק, וועט אים העלפֿן אויסצומיידן זיין יידישן גורל. אויך בשעתן אַרעסט האָט ער געהאָפֿט שנעל באַפֿרייט צו ווערן אַדאַנק איר איננטערווענץ. קיינמאָל האָט ער איר נישט פֿאַרלייקנט, קיינמאָל נישט אויפֿגעהערט זי ליב צו האָבן, טראָץ זיין חשד, אַז זי קאָן אויך פֿאַראַטן. תמיד איז ער געווען

צוזאַמען מיט איר אין טרוים. במשך פון זיין נע ונד לעבן אין פוילן, רוס־לאַנד, טשעכאָסלאָוואַקיע, עסטרייך, האָט ער כסדר געהאַפּט צוריקצוקומען אין זיין שטוב און אויפסניי אָנהויבן לעבן מיט זיין ליבער מאַריאַ. זיינע ערשטע אַנטוישונגען, האָט ער דערפילט, בשעתן אַרומוואַלגערן זיך דאָ אויף דעם פּראָווינצער וואַקזאַלעכל. אַרנאָלד האָט זיך ערנסט פאַרטראַכט איבער זיין גאַר נישט אָנגענעמע לאַגע. זיין סוחרישער קאָפּ האָט אַלץ פאַר־שטאַנען, אָבער צו מאַכן אַ ריכטיקן חשבון הנפש, האָט ער, ווי אַ סך אַהיימגעקומענע דייטשישע יידן, נישט פאַרמאָגט גענוג כוח. עס האָט אים אויסגעפעלט מוט צו באַשליסן: וואָס שנעלער צו אַנטלויפן פון דעם פאַלק, וואָס האָט אים און מיליאָנען זיינסגלייכן פאַראומגליקט. געטראַכט האָט ער פונקט פאַרקערט: ווי אַזוי זיך דורכשמועסן מיט זיין פרוי, בכדי אויף איר צו ווירקן מיט אים צוריק אָנהייבן לעבן. און דווקא דער געדאַנק איז געווען דער גורם פון אַלע זיינע קאָשמאַרן, וואָס האָבן אים אומזיסט געמאַטערט. פאַרפּלאָנטערנדיק זיך אין פאַרשידענע נישט רעאַלע פּלענער, האָט ער זיך אָפטמאָל דערפילט רעזיגנירט און ראַטלאָז. וואָס מער ער האָט געקאָמבי־נירט, אַלץ טיפער האָט ער געפילט, ווי ער פאַרזינקט אין אַ געדיכטער שליימיקייט, פונוואַנען עס איז אוממעגלעך אַרויסצוקריכן אָן דער הילף פון אַ נאָענטן, איבערגעגעבענעם מענטש, וואָס זאָל אים אַרויסשלעפּן און ראַטעווען. ווי אַלע דייטשישע יידן, וואָס זענען צוריקגעקומען אין זייערע דייטשישע היימען, איז אַרנאָלד געבליבן איינזאַם, אָן יידישע און אָן דייטשישע פריינט. די שארית הפליטה־יידן, וואָס האָבן דעמאָלט געלעבט אין די דע־פּי־לאַגערן, האָבן מיט די צוריקגעקומענע דייטשישע יידן נישט געהאַט קיין שום געמיינזאַמס, גלייך ווי נישט איין גורל וואָלט זיי פאַרבונדן. די איינזאַמקייט האָט אין אים נאָך מער פאַרשטאַרקט די מורא פאַר זיין פיינטלעכן ריוואַל, ראָבערט, וועמען ער האָט געטראָפן פונקט ביי זיין צוקו־מען צו מאַריאַס וווינונג, וואָס ער האָט נאָך אַזעלכע באַמיונגען און שווערע אַרומזוכענישן קוים אָפּגעפינען. די אַלע געדאַנקען, טראַכטענישן און פאַנ־טאַזיעס האָבן אים געמאַטערט און ער האָט זיך מיט זיי נישט געקאָנט קיין עצה געבן. אַרנאָלד האָט געהאַט איין האָפענונג: מאָרגן קאָן זיך אַרויס־ווייזן, אַז אַלע זיינע איבערקלערונגען זענען געווען גרונטלאָז. אָבער אין די

נאָך עטלעכע איבערגעבליבענע שעהן ביז צום „מאָרגן", האָבן אים נאָך געמאַטערט אַ סך מחשבות, וואָס האָבן צעשרויפט זיינע נערוון.

ענדלעך האָט ער זיך דערוואַרט צום אויסגעבענקטן טאָג.

גאַנץ פּאַמעלעך און קוים באַמערקבאַר האָט דער באַגינען אָפּגע־ווישט די נאַכט־שוואַרצקייט פון די אויבערשטע וואָקזאַל־פענצטער. די פרימאָרגן־גרויקייט האָט זיך פּאַמעלעך געהעלט, מאַכנדיק איבעריק און אומבאַמערקט דאָס עלעקטרישע ליכט אין דעם שנעל־בופעטל.

ס'איז געוואָרן העלער טאָג.

אַרנאָלד האָט אויפסנייַ געפּשטלט: אין וועלכער שעה אַהינצוגייִן גאַנץ פרי וועט מאַריאַ נאָך שלאָפן און וואַרטן אַ שעה־צוויי· קאָן זי אַוועק־גיין. ער האָט זיך דערווייל אָנגעהויבן גרייטן. זיך ראַזירט, אַרומגעוואַשן, אַביסל אָפּגעפּוצט דעם מאַנטל, די הויזן און די פּאַרלאַטעטע שיך.

דרייענדיק זיך אין דעם ליכטיק־געוואָרענעם דרויסן איז ער צוגע־גאַנגען צו דעם שוואַרצן פּאַר־פּלאַן־ברעט, פאַרנאָטירט די אָפּפאָרנדיקע צוגן קיין אויגסבורג און באַשלאָסן: אין פאַל ער וועט היינט מאַריאַן אויך נישט טרעפן אין שטוב, מוז ער צוריקפאָרן קיין אויגסבורג.

שטייענדיק נעבן דעם שוואַרצן ברעט, באַשריבן מיט ווייסע אותיות און ציפערן, האָט ער דערהערט רעדן יידיש. ער האָט זיך אומגעקוקט, באַמערקט אָנקומען אַ גרופּע יידן: פרויען, מענער און קינדער. פאָרויס איז געגאַנגען אַ מיטליאָריקע פרוי, וואָס האָט מיט דער רעכטער האַנט געפירט אַ יונג יינגל, אָנגעטאָן אין אַ שוואַרץ כאַלאַטל און אויף איר לינקער האַנט — אַ זויגלינג, פאַרפּאַקט אין אַ קושן־קאַריטקאַלע. די פרוי איז געווען צעיאַכמערט און קוים געגאַנגען אַ פאַרבויגענע צוליב דעם שווערן רוקזאַק, צוגעבונדן צו איר פּלייצע. נאָך איר זענען געגאַנגען גרופּעס יינגלעך מיט מיידלעך און עטלעכע גרוי־באַהאָרטע מענער מיט פרויען. אַרנאָלד איז צוגעגאַנגען צו אַן עלטערע פרוי און געפרעגט וווהין זיי פאָרן.

די אַלטע האָט אים פאַרחידושט אָנגעקוקט און צוריקגעפרעגט:

„איר ווייסט נישט ווו יידן פאָרן היינט?". נאָכער האָט זי איר פראַגע פאַרענטפערט: „קיין ארץ ישראל פאָרט מען".

אַרנאָלד האָט זיך פאַר איר העפלעך אַנטשולדיקט און נאָך געפרעגט

עטלעכע קשיות, וואָס האָט ביי דער אַלטער אַרויסגערופן אַ פאַרדאַכט. זי האָט זיך געווענדעט צו איר מאַן: „וואָס מיינסטו, יאָסל, איז ער טאַקע אַזאַ תם, ווי ער מאַכט זעך?".

איר מאַן האָט זיך אויף איר געבייזערט:

„פעסל, כ'האָב דיר שוין טויזנט מאָל געזאָגט: וואָס ווייניקער מ'רעדט — געזונטער איז. פאַרדריי מיר ליבערשט נישט דעם קאָפּ".

די גרופּע מענטשן האָט ביי אַרנאָלדן אַרויסגערופן גרויס נייגיר. ער איז מיט זיי אַריינגעגאַנגען אין דעם וואַקזאַל. זעענדיק אַ יונג בחורל העלפט צו אַראָפּנעמען די פּעק פון די פּלייצעס, סדרט זיי איין לויט נומערן און טיילט יעדן איינעם אַ פּאַרציע ברויט, קאָנסערוון און סיגאַרעטן, איז ער צו אים צו און געפרעגט, ווו מ'קאָן זיך פאַרשרייבן צו פאָרן קיין ארץ ישראל. דאָס בחורל האָט אים אָנגעוויזן אויף אַ מיטליאָריקן מאַן, וואָס האָט יעדן פאַרשריבן אין אַ העפטל. אין דעם האָט ער באַמערקט די אַלטע פרוי צוגיין צום מדריך, ווען זי האָט עפּעס איינגערוימט אין אויער. אַרנאָלד האָט אינסטינקטיוו געפילט עפּעס אומהיימלעכס. דער מדריך איז טאַקע באַלד צוגעגאַנגען צו אַרנאָלדן און אים געפרעגט, ווען ער זוכט און וואָס ער וויל. אַרנאָלד האָט זיך פאַרענטפערט:

„אָט אַזוי, געטראָפן יידן, ווילט זיך אַ ביסל שמועסן. מיך אינטערעסירט, וויאַזוי מ'קאָן פאָרן קיין ארץ ישראל".

דער מדריך האָט אים געעצהט זיך צו ווענדן אין מרכז. אויף אַרנאָלדס פראַגע, וואָס עס איז אַזעלכעס „מערקאַסס", האָט אים דער מדריך געענטפערט: „מערקאַסס הייסט, ר' ייד, איר זאָלט אונז נישט פאַרדרייען דעם קאָפּ און זאָגן אַ גוטן טאָג".

דער ענטפער האָט אַרנאָלדן באַליידיקט. פאַר בושה האָט ער נישט געוווּסט, וואָס מיט זיך טאָן. אַ דערשלאָגענער איז ער אַוועק, געהאַט פאַרדרוס, פאַרוואָס ער האָט די מענטשן צופיל אויסגעפרעגט. אין זיינע אויערן האָבן אָבער געקלונגען דער אַלטערס ווערטער: „אַלע יידן פאָרן קיין ארץ ישראל". די נייעס האָט אויף אים געמאַכט אַ טיפן איינדרוק.

אַרנאָלד האָט זיך בשום אופן נישט געקאָנט דערוווייטערן פון דער גרופּע עולים, צו וועלכע ער האָט דערפילט אַן אינערלעכע נאָענטקייט.

ער האָט געוואָלט נאָכאַמאָל שמועסן מיט זיי. דער אָפּפאַר, וואָס ער האָט באַקומען פון דעם מדריך, האָט אים אָבער דערפון אָפּגעהאַלטן. פאַרזיכטיק און נישט דרייסט איז ער צוגעגאַנגען צו אַ רויט־האָריק מיידל, וואָס האָט שפּאַצירט אויפן הויף און איר געפרעגט, צי קאָן טאָקע יעדער ייד פאָרן קיין „ארץ־יסראעל". דאָס מיידל האָט באַשטעטיקט, אַז איצט האָט יעדער דע־פּי־ייד אַ מעגלעכקייט צו פאַרלאָזן דאָס טמא־לאַנד פון די דייטשישע מערדער. אַ טייל פאָרן קיין אַמעריקע, אַרגענטינע, אויסטראַליע און דער גרעסטער טייל שארית־הפליטה איז עולה קיין ארץ ישראל. זי האָט אים גלייכצייטיק געעצהט צו שמוסן מיטן קבוץ־סעקרעטאַר, יצחק קאָרנבליט, וואָס דאַרף באַלד אָנקומען. אַרנאָלד האָט זיך נאָך געוואָלט דערוויסן איי־ניקע פּרטים. אָבער דער מדריך האָט דאָס מיידל אַריינגערופן אין וואָקזאַל.

אַרנאָלד איז אַליין געבליבן שטיין אינמיטן הייפל, צווישן וואָקזאַל און קליינעם פאַרקנדל, וואָס טיילט אָפּ די באַן־סטאַציע. זיין אויסזען האָט געצויגן אויפמערקזאַמקייט. די אַוועקפאָרנדיקע און אָנקומענדיקע דייטשן האָבן אים בטולדיק אָנגעקוקט. ער האָט אָבער די דורכגייענדיקע קנאַפּ אָבסערווירט. געווען באַאיינפלוסט פון דער לעצטנס געהערטער אינ־פאָרמאַציע, אַז אַלע אויסלענדישע יידן פאַרלאָזן דייטשלאַנד און דער גרעסטער טייל פאָרט אין אייגענעם לאַנד. דערמאָנענדיק זיך אָבער אין מאַריאַן, האָט ער אַ בליק געטאָן אויפן וואָקזאַל־זייגער און געזאָגט צו זיך: „אָ, עס איז שוין שפּעט — אַכט אַזייגער". שנעל איז ער אַוועק.

דער פרימאָרגן איז געווען זוניק און קיל.

אַלעמאָל אַנדערע קירכן־גלעקער האָבן אומאויפהערלעך געקלונגען, רופנדיק די שטאָט־איינוווינער אין די קלויסטערס.

פאַרדמיונט, אויפגערעגט איז אַרנאָלד שנעל געגאַנגען איבער די האַלב־חרובע גאַסן. מיט קנאה און פאַרדרוס האָט ער געקוקט אויף די יום־טובדיק אויסגעפּוצטע מענער, פרויען און קינדער, וואָס זענען געגאַנגען אין די קלויסטערס און זיך קעגנזייטיק באַגריסט מיט אַ „גריס־גאָט".

אַרנאָלד איז צוגעקומען צו מאַריאַס הייזל. מיט ציטערדיקע הענט האָט ער אָנגעקלינגען אין גלעקל, וואָס איז געווען אינסטאַלירט נעבן שילדל מיט דער אויפשריפט: „מאַריאַ הערמאַן".

פונעם פּאַרטעּר־הײזל איז אַרויסגעלאָפן דאָס בלאָנדע דינסט־מײדל און אים באַדויערנדיק געזאָגט, אַז די פרוי מאַריאַ איז נאָר וואָס אַוועק אין קירך מיטן הײמקערער־מאַן, ראָבערט.

אַ נישט־דרײסטער האָט ער איר געבעטן אַ דערלויבעניש צו וואַרטן ביז מאַריאַ וועט צוריקקומען.

„אַך ווי זאָ! ניין, ניין, מײן ליבער הער״, האָט דאָס מײדל אים אויפגעקלערט, אַז זי קאָן אים דאָס נישט דערלויבן, ווײל „די פרוי מאַריאַ איז זײער נערוועז״ און האָט איר דאָס שטרענג פאַרבאָטן.

אַרנאָלדס אַלע ביטעס און איבערצײַגנדיקע רײד, זענען געווען אומזיסט. דאָס מײדל האָט אים נישט אַרײנגעלאָזט. באַמערקנדיק זײן צוגעלײגטקײט, האָט זי זיך פון אים אויסגעדרײט און מיטן האַנטעכל, וואָס זי האָט געהאַלטן אין האַנט, זיך געווישט די טרערן פון אירע אויגן. אַרנאָלד האָט דאָס באַמערקט און איר דערצײלט, אַז ער איז מאַריאַס מאַן און פאַרלאַנגט זי זאָל אים אַרײנלאָזן אין שטוב. דאָס מײדל האָט זיך צעוויינט און אים אויפסניי געבעטן, ער זאָל דאָס נישט פאַרלאַנגען, ווײל זי איז דערבאַדראָט און איבערגעגעבן, אין וועלכע קירך זײ זענען געגאַנגען.

ווי אַ פײל פון בויגן איז ער שנעל אַוועק.

אויפן וועג האָט ער גאָר נישט פאַרשטאַנען פון ווען און צוליב וואָס זי איז פרום געוואָרן. במשך די גאַנצע צײט פון זײער צוזאַמענלעבן, האָט ער זי געקענט אַלס נישט־רעליגיעזע, האָט ער טאַקע געצווייפלט, צי ער וועט זי דאָרט טרעפן.

טראָץ דעם, וואָס אַרנאָלד איז געווען ווייט פון דער יידישער טראַדיציע און זיך געהאַלטן פאַר אַ פרייגעזאָנענעם, האָט ער אין פּרינציפּ נישט געוואָלט איבערטרעטן די שוועל פון דעם קריסטלעכן געבעט־הויז, וואָס איז לויט זײן מײנונג אַ געשעפט, ווו די גײסטלעכע פאַרקויפן „געטלעכקייט״ פאַר מענטשן מיט צעבראָכענע געמיטער. ער האָט געוואַרט אינדרויסן ביז דאָס פרימאָרגן־געבעט וועט זיך ענדיקן און מאַריאַ וועט אַרויסקומען. אַ לענגערע צײט האָט ער זיך געדרייט פאַר דער קירך. די אַלעמאָל אַרײן און אַרויסגייענדיקע דײטשן האָבן דעם ייד, אַרנאָלדן, אָנגעקוקט מיט חשד. טײל האָבן צווישן זיך עפּעס שטיל גערעדט. הערנדיק די

געבעט־געזאַנגען, באַגלייט מיט צעצויגענע, מאָנאָטאָנע, אָרגל־טענער, האָט ער געטראַכט וועגן די צביעותדיקע, רעליגיעז־געוואָרענע דייטשן, וואָס אַ באַדייטנדיקער טייל פון זיי האָבן אין דער מלחמה־צייט אַקטיוו אָנטייל־גענומען אין די שוידערלעכע מאַסן־מאָרדן. אַן אויפגערעגטער האָט ער אויפגעהויבן די אויגן צום הימל און ווי צו וועמען, הויך גערעדט: „קיינמאָל האָב איך נישט געגלייבט, אַז נאָר דאָרט זיצט דער וועלט־הערשער, וואָס באַשטימט אַלע מענטשלעכע מעשים און נאַטור־געזעצן אויף דעם ערדישן וועלטל. אויך היינט באַשטעטיק איך מיינע אָנשויונגען וועגן די פאַרשיידענע רעליגיעזע פאָראורטיילן. וואָלט דאָרט געווען אַ גאָט, וואָס קאָנטראָלירט די מענטשנס מעשים, וואָלט ער נישט דערלאָזט אַז מערדער זאָלן זיך פריי אַרומדרייען און געוואָלט פון זיי הערן חניפהדיקע תפילות”. אַרנאָלד איז געוואָרן אַזוי כעסדיק און אין דער קירך אַריינגעשריגן: „מערדער!!!”.

זיין טראַכטן, צו זיך רעדן און שרייען האָבן אים אָבער נישט געשטערט אומאויפהערלעך צו זוכן מאַריאַן צווישן די אַרויסגייער פון דער קירך.

ער איז אַזוי לאַנג געשטאַנען ביז אַלע זענען אַרויס. דערזעענדיק דאָס קירך־דינערל פאַרשליסט שוין די אייזערנע קירך־טירן, איז ער צוריקגעלאָפן אין מאַריאַס הויז.

אַן אויפגערעגטער איז ער רעשיק אַריין אין דעם קאָרידאָר.

„אַך ווי זאָ”, האָט זיך דאָס דינסט־מיידל גאָר אויפגערעגט, דערזעענדיק נעבן זיך דעם צעשטרייטן אַרנאָלד.

„וווּ איז מאַריאַ? וווּ איז זי, די פאַרעטערין!”, האָט ער געגוואַלדעוועט.

„מיין הער, הערן זי מאַל”, האָט דאָס צעטומלטע מיידל דערציילט אים מיט אַ ציטערדיק קול, אַז מאַריאַ מיטן היימקערער־מאַן זענען נאָר וואָס אַוועק צו דער באַן, אָפּצופאָרן קיין מינכען.

אימפעטיק איז דער מיט שוויס־באַגאָסענער אַרנאָלד געלאָפן צו דער באַן.

„איך מוז זי פאַקן!” האָט ער געשריגן, צושטופנדיק זיך צום קאַסע־פענצטערל, קויפן אַ פּעראָן־בילעט.

אויף דער באַן־סטאַציע האָט דער אויפגעברויזטער אַרנאָלד ווילד געקוקט אין די אָפענע וואַגאָן־פענצטער, געזוכט זיין פרוי. עס האָט אים אָנגעהויבן קלעמען ביים האַרץ. פאַר די אויגן האָט זיך דער גאַנצער טומל־דיקער אַרום געדרייט קאַראַהאַדמעסיק. ער האָט זי נישט געפונען.

„וואָס טוט מען איצט?" האָט ער זיך געפרעגט און נישט געפונען קיין ענטפער. פילנדיק זיך נידערגעשלאָגן און גאַר פאַרצווייפלט, האָט ער געהאַט איין באַגער: צו געפינען עמעצן פאַר וועמען אויסצוגיסן זיין פאַר־ביטערט האַרץ. אים האָט זיך דערמאָנט אין די יידישע עולים, וואָס זיצן אין וואַקזאַל און וואַרטן אָפּצופאָרן קיין ארץ ישראל. אַ צעשטרייטער איז ער אַריינגעלאָפן אין וואַקזאַל, געוואָלט זיך באַראַטן מיט די יידן וועגן זיין גורל. צעטומלט־דערשטוינט איז ער אָבער געבליבן שטיין אויף דער שוועל. ער איז געוואָרן איבעראַשט, דערזעענדיק, אַז די יידן זענען שוין אָפּגעפאָרן.

„כ'האָב אַלץ פאַרשפּעטיקט", האָט ער געטראַכט און איז צוריקגע־לאָפן אויף דער סטאַציע.

אין זיין האַרץ האָט נאָך געטליעט אַ האָפענונג: אפשר פאַרט וועט ער זי טרעפן. אומעטום האָט ער זי אַרומגעזוכט, אָבער אומזיסט. בלית ברירה האָט ער באַשלאָסן צוריקצופאָרן קיין אויגסבורג. פרעגנדיק זיך, ווען עס וועט אָפּפאָרן דער צוג קיין מינכען האָט מען אים אינפאָרמירט, אַז דער צוג איז נאָר וואָס אָפּגעפאָרן. „זאָ איין פעך", האָט ער צו זיך גערעדט, „אַלץ פאַרשפּעטיק איך".

און פאַקטיש האָט דער דייטשישער ייד, אַרנאָלד שולץ, אַלץ פאַר־שפּעטיקט:

שמועסנדיק מיט דעם יידישן מיידל, די עולה, וועגן מעגלעכקייטן צו פאָרן קיין ארץ ישראל, האָט אַרנאָלד פאַרשפּעטיקט צו זען די עלעגאַנט געקליידעטע מאַריאַ, צוזאַמען מיטן פיין־אויסגעפּוצטן נייעם מיליאָנער, דעם געוועזענעם עס־עס־קאָמענדאַנט, ראָבערט. רעדנדיק מיט מאַריאַס דינסט־מיידל, האָט ער פאַשפּעטיקט צו טרעפן מאַריאַן מיט ראָבערטן, וועלכע זענען דורך הינטער־געסלעך, שנעל אַהיימגעגאַנגען פון דער קירך. בעת ער האָט ווידער לאַנג געוואַרט פאַר דער קירך, האָט ער פאַרשפּעטיקט

צו באַגעגענען מאַריאַן מיט ראָבערטן, וואָס האָבן געפּרישטיקט אין שטוב און זענען אַוועק צו דער באַן. נאָכדעם ווען אַרנאָלד איז ווידער געלאָפן צו מאַריאַן, האָט ער פאַרשפּעטיקט די יידן־עולים, מיט וועלכע ער האָט גע־וואָלט נאָכאַמאָל עפּעס שמועסן, זיך שואל־עצה זיין און אויך אפילו פאַר־שפּעטיקט דעם צוג קיין אויגסבורג.

אַ פאַרצווייפלטער איז אַרנאָלד געשטאַנען נעבן קורץ־שטעקלדיקן פאַרקנדל, וואָס טיילט אָפּ די דורכלויפנדיקע באַנען פון דעם וואָקזאַל־הייפל.

מיט באַטרערטע אויגן האָט ער דאָך געזוכט אין די וואַגאָן־פענצטער־לעך פון די דורכלויפנדיקע באַנען, אין אַלע סטאַציע־וו־נקלען: אפשר וועט ער זי דאָך דערזען. זיין מיפול זוכן איז, לײדער, געווען אומזיסט.

דער דייטשישער ייד אַרנאָלד שולץ, וועמען די דייטשן האָבן אַרויסגעשליידערט פון זייער געזעלשאַפט, צעשיידט פון זיין פאַמיליע, אַרויסגעטריבן פון לאַנד, אים צוגענומען זיין פרוי. וואָס האָט אים פאַראַטן, האָט נאָך אַלץ נישט געוואָלט מוותר זיין, נאָר געפּרוווט אויפזוכן זיין ווייב, מאַריאַן, בכדי צו באַנייען — ווי ער האָט געחלומט — זיין אַמאָליק לעבן.

ער האָט אָבער אַלצדינג פאַרשפּעטיקט.

אויפן פּראָווינצער וואָקזאַלעכל איז אַרנאָלד געשטאַנען אַן אַנטויש־טער, אַ דערשלאָגענער און נישט געוווסט, וואָס ווייטער מיט זיך צו טאָן.

ד

ברוך דיין אמת

שייך איז געווען דער באַזוניקטער האַרבסט־זונטיק. דער ברוינלעד־קאָליריקער דרויסן איז געווען מחיהדיק: וואַרעם און צוגליך ווינטלדיק. אויף די שטאָט־גאַסן האָבן פון די שוין טרוקן ווערנדיקעביימער־גופים מיט די פאַרגעלטע בלעטער אַראָפּגעהאַנגען רייפע, זאַפטיקע פּרוכטן, וואָס האָבן פאַרכאַפּט מיט זייערע ריחות און פאַרבן די פאַרבייגייער.

שוין אַזאַ טבע האָבן מענטשן: אַלע ווייסן און קיינער טראַכט נישט וואָס עס איז דער באַדייט פון סוף — אַלץ וואָס ווערט צייטיק, מוז וויאַנען.

אונטערגיין. טראָץ דעם וואָס די גאַסן־שפּאַצירער האָבן געוווּסט, אַז די מחיהדיקע האַרבסט־וואַרעמקייט וועט גאַר אין קורצן פאַרשווינדן, אַז די נאָך לעבלעכע ווינטלעך בלאָזן אויס זייער לעצטן לעבנס־אָטעם, האָט מען אָבער נאָך געוואָלט געניסן פון דער אָנגענעמער, פאַרגענגלעכער אויגנ־בליקלעכקייט: די האַרבסט־שיינקייט און פרוכטן־רייפקייט.

לעבעדיק און היימלעך איז געווען אויף די הולמער גאַסן.

גאַר באַוועגלעך און רוישיק איז געווען אויף דער איינשטיין־גאַס. אויסגעפּוצטע מענער מיט עלעגאַנטע פרויען האָבן געמיטלעך שפּאַצירט. מ׳האָט געהערט שמועסן וועגן פּאָליטיק, עקאָנאָמיע, פילאָזאָפיע, ליטעראַ־טור, מוזיק, טעאַטער און וועגן די אויסלענדישע יידן, וואָס האָבן זיך באַזעצט אין די מיליטער־קאַסערנעס. אָפטמאָל האָט זיך דערהערט געלעכ־טער און דאָס באַקאַנטע דייטשע ווערטל: „יאַ וואָל, דאַס איזט שאָן רעכט״.

צווישן די פריידיקע, טומלדיקע שפּאַצירער האָט זיך אַרומגעדרייט דער פאַריאַושטער, אבלדיקער, דייטשער ייד, אַרנאָלד שולד. ער איז געווען דער איינציקער, וואָס האָט נישט געפילט די צופרידנקייט פון זיינע לאַנדס־לייט, וואָס לעבן אַזוי שנעל צוריק אויף, נאָך דעם דורכפאַל פון היטלערס פּלענער. זיין פאַרצווייפלונג איז געווען אומגעהויער גרויס. מאַריאַס פאַ־ראַט מיטן ד״ר הערמאַן און איר איצטיקע ליבע מיט ראָבערטן האָבן אים טיף דערשלאָגן.

„נאָך איינמאָל דאַרף איך אַהין גיין״, האָט ער צו זיך גערעדט און באַלד ווידער חרטה געהאַט. ווי תמיד האָט ער געספּקט אויסצופירן זיינע באַשלוסן. די געדאַנקען האָבן זיך ביי אים זייער שנעל געטוישט און אַלע קעגנזעצלעכע מיינונגען האָט ער באַגרינדעט. אויך די אַפּלייקענונגען זענען ביי אים נישט געווען סתם, נאָר אויסגערעכנט און לאָגיש. דאָס מאָל האָט ער אָבער פאָרט דעצידירט אַהין צוגיין.

אויפן וועג האָט ער פּלוצים דערפילט אַ לייכטע אָנטשפּאַנונג. ער האָט באַשלאָסן אויפצוזוכן ראָבערטן און נעמען נקמה: מאָרדן.

דאָס איז פאַר אים געווען דער ערשטער, לאָגישסטער געדאַנק, וואָס האָט אים פּאַקטיש באַרויקט, געהיילט זיין פאַרוווּנדיקט האַרץ. אַרנאָלד האָט אָנגעהויבן פילן אַ מאָדנע לייכטקייט. אַלע וויטיקן האָבן מיטאַמאָל

אויפגעהערט. „יאָ", האָט ער ווידער צו זיך גערעדט „איך מוז אים אויפזוכן, דעם מערדער און פרויען־יעגער. אפילו פאַרן פרייז אַליין אומצוקומען אָדער אָפּזיצן מיין לעבן אין קרימינאַל, וועל איך אים באַפאַלן, דערשטיקן אָדער אים געבן אַ קלאַפ איבערן קאָפּ. איך מוז אים דערמאָרדן, נעמען נקמה".

דער נייער איינפאַל האָט אים אויפסניי באַרעכטיקט זיין אַהינגיין אין מאַריאַס שטוב, בכדי צו פרעגן דאָס דינסט־מיידל, וווהין זיי זענען געפאָרן.

ווי נאַר אַרנאָלד איז אַריין אין שטוב, האָט אים דאָס מיידל דערציילט אַן איבעראַשנדיקע נייעס, אַז מיט דער פרוי מאַריאַ האָט פאַסירט אַן אומגליק: מ'האָט איר אַריבערגעפאָרן אָדער זי איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד.

„מיין גאָט!" האָט דער „אַטעיסטישער" אַרנאָלד ווילד אויסגעשריגן און געבעטן דאָס מיידל, זי זאָל אים איבערגעבן פרטים פון דער קאַטאַסטראָפע.

רויִק, געלאַסן האָט דאָס מיידל אים דערציילט, אַז שבת אָוונט איז דער „היימקערער"־מאַן, ראָבערט, געקומען צו מאַריאַן. זיי האָבן צווישן זיך גערעדט אין אַ גאַר הויכן טאָן. ראָבערט האָט געשריגן און מאַריאַ האָט געוויינט. נאָכדעם זענען ביידע ערגעצוווּ אַוועק. זונטיק פאַרטאָג זענען זיי צוריקגעקומען מיט פולע זעק. „דער ראָבערט", האָט דאָס מיידל פאָרגעזעצט, „איז געווען גאָר לוסטיק און מאַריאַ איז געווען, ווי תמיד, גאָר דענערווירט. מיט קיינעם האָט זי נישט געוואָלט רעדן. עטלעכע מאָל האָט זי פון מיר פאַרלאַנגט שטאַרקע, שוואַרצע קאַווע מיט רום. אינדערפרי האָבן ביידע זיך איבערגעטון אין עלעגאַנטע קליידער און צום ערשטן מאָל געגאַנגען אין קירך. נאָך אַ האַלבער שעה זענען זיי צוריקגעקומען. די פרוי מאַריאַ האָט ווידער אַ סך געטרונקען קאַווע מיט רום. די גאַנצע צייט זענען זיי געווען פאַרשלאָסן אין דעם שלאָפצימער. אין איין מאָמענט האָט מען דערהערט מאַריאַס ספּאַזמאַטיש וויינען, שרייען. נאָכער האָט זי געעפנט די טיר און ביידע זענען אַוועק, באַלאָדן מיט טשעמאָדאַנען און פעקלעך. אויף מיין פראַגע, וווהין זי פאָרט, האָט מיר פרוי מאַריאַ מיט

פּאַרוויינטע אויגן און לייכט שמייכלענדיק שטיל געענטפערט: „אויף יענער וועלט" — — — מאַריאַ האָט זיך געזעגנט מיט די קינדער, זיי צו־געדריקט צום האַרצן. זי האָט זיך ספּאַזמאַטיש צעוויינט בשעתן געזעגענען זיך מיט האַנסן. זי האָט מיר וואַרשיינלעך געוואָלט עפּעס פאַרטרויען. דער ראָבערט האָט איר אָבער געשטערט און אָננעמענדיק זי ביי דער האַנט, פאַרלאַנגט שנעל אַרויסצוגיין. און נאָכער, האָט דאָס מיידל ווידער דער־ציילט, אַז אין שטוב איז געקומען די „עם־פּי", אַמעריקאַנער מיליטער־פּאָ־ליציי. זיי האָבן אַלץ דורכגענישטערט, געזוכט, געזוכט און צוגענומען אַלע אירע פאַרשריבענע נאָטיץ־ביכלעך, דאָקומענטן, פּאַפּירן, בריוו און פּאָטאָ־אַלבאָמען. „אך, מיין ליבער", האָט זי נערוועיש אויסגערופן. „זי איז דאָך באַגאַנגען זעלבסטמאָרד, זיך געוואָרפן אונטער אַ לאַסט־אויטאָ. מען גיט איבער, אַז מ'האָט זי אין אַ גאַר שווערן צושטאַנד אָפּגעפירט אין שטאָטישן שפּיטאָל". נאָכן ענדיקן איבערגעבן די פּרטים האָט דאָס מיידל זיך פאַרשטעלט דאָס פּנים מיט אירע הענט און הויך זיך צעוויינט.

הערנדיק, אַז מאַריאַ געפינט זיך אין שטאָטישן שפּיטאָל, האָט אַרנאָלד געדאַנקט דעם מיידל פאַר דער אינפאָרמאַציע און געוואָלט אַוועק־גיין. דאָס מיידל האָט אים געבעטן צוואַרטן נאָך אייניקע סעקונדן און אים נאָך דער דערציילט: „יאָוואָל, זי וויסן, מיין הער, דער ראָבערט איז דאָך אַרעסטירט! מענטשן דערציילן, אַז אין דעם טשעמעדאַן, וואָס מאַריאַ האָט געטראָגן איז געווען אַ סך גאָלד, בריליאַנטן און דאָלאַרן. דאָס אַלץ איז צע־וואָרפן געוואָרן אין גאַס, בשעת מ'האָט איר איבערגעפאָרן און די „עם־פּי" האָט אַלץ צוגענומען".

— „מיין גאָט!" האָט אַרנאָלד ווילד אויסגערופן.

אַלע זיינע מאַטערנדיקע געדאַנקען זענען פאַרשוווּנדן. ער האָט דער־פילט אַ רויקייט.

גאַנץ געלאַסן איז ער אַוועק אין שטאָטישן שפּיטאָל.

מ'האָט אים אָבער דאָרט נישט אַריינגעלאָזט, ווייל ער האָט נישט געהאַט קיין דאָקומענטן צו באַווייזן, אַז ער איז דער מאַן פון מאַריאַ הערמאַן. אָפּשטייענדיק דאָרט ביז פאַרנאַכט און נאָך אַסך רייד און באַ־מיונגען האָט די שפּיטאָל־לייטונג אַרויסגערופן די פּאָליציי. מ'האָט אַר־

נאָלדן געגוי אויסגעפּאָרשט און אים דערלויבט באַזוכן מאַריאַן, וואָס איז שוין געלעגן אין טויטן־צימער.

ווי נאָר ער האָט דערזען איר טויטן גוף מיטן בראַנדיקן פּנים, האָט ער זיך נישט געקאָנט באַהערשן און אויסגעבראָכן אין אַ ספּאַזמאַטיש געוויין.

„זי זינט אַרעסטירט", האָט אים מיטגעטיילט אַ פּאָליציסט און אים באַפוילן מיט אים צו גיין.

„ביטע", האָט אַרנאָלד געזאָגט, „כ'וועל אלעס דערציילן, אויפקלערן" און געבעטן דעם פּאָליציסט צו שטיין נאָך איניקע מינוטן נעבן דער טויטער מאַריאַ.

אַרנאָלד האָט עפּעס שטילערהייט אַריינגעשעפּטשעט אין אירע טויבע און טויטע אויערן. נאָכער האָט ער גאַנץ הויך געזאָגט:

„ביי יידן, אַז מען שטאַרבט, זאָגט מען „ברוך דיין אמת" און איך זאָג דיר: איך בין דיר מוחל. זאָל דיר אויך גאָט אַלע דיינע זינד פאַרגעבן. יאָ, עס איז דאָ אַ גאָט".

דאַן האָט ער זיך אויסגעדרייט צו דער פּאָליציי און זיך רויק גע־לאָזט אַרעסטירן.

פרימארגן אויפן דאנאו
פרימארגן אין לאגער

א

פרימאָרגן אויפן דאַנאַו

דער גרויער באַגינען האָט זיך פּאַמעלעך געהעלט. די נאַר־וואָס אויפגייענדיקע זון אויפן באַוואַלדיקטן מזרח־באַרג האָט באַלויכטן די נאָך דרימלענדיקע שטאָט, וואָס ליגט אין טאָל, נעבן דעם בלויען, רואיק־פליסנדיקן דאַנאַו. ביסלעכווייז האָבן זיך די דייטשן אויפגעוועקט, זיך געגרייט צו זייערע טאָג־טעגלעכע באַשעפטיקונגען און געשעפטן, וואָס האָבן ראַשיק צוריק אויפגעלעבט נאָך דער קאַפּיטולאַציע פון דער דריי־טשישער ווערמאַכט.

די ברייטע, מיט ביימער באַוואַקסענע, אַריסטאָקראַטישע היינריך־שטראַסע איז נאָך געווען ליידיק. די דאָרטיקע איינוווינער זענען נאָך אַלע געשלאָפן. דער ערשטער איז אויפגעשטאַנען יאָהאַן קראַמער, דער בוי־מייסטער פון דער פירמע „פּעקמייסטער אונד סטעללער".

יאָהאַן קראַמער איז אַראָפּ פון בעט; ווי ער איז געלעגן שלאָפלאָז אַ גאַנצע נאַכט, וואַרטנדיק אומרואיק, אַז דער דרויסן זאָל שוין העלער ווערן. ער האָט זיך אָנגעטון, אָפּראַזירט און אַרומגעוואַשן.

„דאָנערוועטער! דאָנערוועטער!", האָט ער שטיל, ווי ווען גע־זידלט. ער איז געווען אויפגערעגט, די מידע פּיס האָבן זיך ווי אין שכרות געוואַקלט, די ביינער — געבראָכן און די אויגן — שלעפעריק געקלעפּט.

זינט סוף מלחמה פילט יאָהאַן קראַמער, אין די באַגינען־שעהן, אַזאַ מידקייט, נישט שלאָפנדיק כמעט גאַנצע נעכט. די הויפּט־סיבה — לויט זיין דערציילן דעם פּאַסטאָר — איז די שרעק פאַר די דע־פּי־יידן, וואָס

ווינען שוין קרוב אַ האַלב יאָר אין די „אונראַ״־לאַגערן. זינט די יידן האָבן זיך דאָ באַוויזן, פייניקן אים פאַרשידענע מחשבות. ספעציעל פאַרפאָלגן אים פחדיקע געדאַנקען אין די לאַנגע שלאָפלאָזע נעכט. צוליב דער שלאָפלאָזיקייט גייט ער צו פאַרשידענע דאָקטוירים, אָבער וואָס קאָנען זיי העלפן, אַז ער דערציילט זיי נישט די סיבה פון זיין קראַנקהייט.

אָבער נישט בלויז צוליב די אויסלענדישע יידן ליידט ער אויף שלאָפלאָזיקייט. ניין, לעצטנס האָט ער שוין נישט אַזוי מורא פאַר זיי; ערשטנס, טראַכט ער, קענען זיי אים אינגאַנצן נישט. פון דעם קאַצעט, ווו ער איז געווען ס.ס.־מאַן, איז נישט געבליבן לעבן קיין איין ייד. אַפילו אין בייערן, זיין היימלאַנד, ווייסט ער גענוי, זענען די יידן פאַרטיק געוואָרן, איידער די אַמעריקאַנער האָבן דאָס געביט באַזעצט. צווייטנס, זעט ער שוין נישט די יידן אַ לאַנגע צייט. ווי נאָר זיי זענען אָנגעקומען אין דער שטאָט, האָט ער זיך ספעציעל אויסגעזוכט אַרבעט ביי דער פירמע „פעק־מייסטער אונד סטעללער״, וואָס געפינט זיך דרייסיק קילאָמעטער פון דער שטאָט. צו דער אַרבעט פאָרט ער יעדן פרימאָרגן און קומט צוריק שפעט אין אָוונט, בכדי זיך נישט צו טרעפן מיט יידן. ער מיידט אפילו אויס, אַז ביי אים אין שטוב זאָל מען רעדן וועגן יידן, ווען ער האָסט נאָך פון קינדוויַז אָן.

טרעפט אַמאָל, אַז זיינע קינדער ווילן דערמאָנען, ביי אַ זונטיקדיקן מיטאָג, — דער איינציקער טאָג, ווען ער עסט צוזאַמען מיט זיין פאַמיליע — פון די יידן, דערציילנדיק אויסטערלישע מעשיות פון די אויסלענדער, ווערט ער אויפגעבראַכט און באַפעלט צביעותדיק: „לאַכט נישט, דאָס זענען קרבנות פון קריג...״ ער הייסט זיי שווייגן. „קיינמאָל און אויף קיין שום אָרט זאָלט איר נישט שפעטן פון זיי. היינט זענען אַנדערע צייטן... און פאַר אַזעלכע זאַכן ווערט מען האַרב באַשטראָפט״.

פאַר איין זאַך האָט ער לעצטנס שטאַרק מורא: פאַר די דענאַצי־פיצירונגס־פראָצעסן אין נירנבערג. אומגעדולדיק וואַרט ער, יעדן פרימאָרגן, אויף די נייע צייטונגען און לייענט מיט אַ קלאַפנדיק האַרץ די פאַרהאַנדלונגען. ספעציעל לייגט ער אַכט אויף די נעמען פון די עדות —

וואָס אים דאַכט זיך אַז ער קען זיי — צי זי דערמאָנען נישט אַמאָל זייער נאָמען. יעדעס מאָל, נאָכן אַדורכלייענען די צייטונג, ווו ער געפינט נישט די נעמען פון זיינע געסטאַפּאָ־קאָמענדאַנטן, מיט וועלכע ער האָט צוזאַמענגעאַרבעט אין פאַרשידענע קאַצעטן, ווערט אים אַזוי לייכט אויפן האַרץ, גלייך ס׳וואָלט איים ווער אַראָפּגענומען אַ שווע־ע לאַסט. די באַרואיקונג דויערט אָבער נישט לאַנג: „ווער ווייסט וואָס עס וועט ברענגען דער נאָענטסטער נומער", טראַכט ער. — אָט־אָ די שרעק צעשרויפּט אים די נערוון, צעשטערט זיין רו און לאָזט אים נישט שלאָפן, שוין קרוב אַ האַלב יאָר.

די שלאָפלאָזיקייט און די מוראדיקע געדאַנקען, וואָס רויען אין זיין צעהיצטן מוח, האָבן אויסגעלאָשן די גלאַנציקע פייערלעך אין זיינע קליינע, גרינע אייגעלעך, אונטער וועלכע עס באַמבלען זיך אַזעלכע מאָדנע, טונקל־בלוילעכע, אויפגעבלאָזענע זעקלעך, גלייך זיין אומרויק האַרץ וואָלט דאָרט באַהאַלטן די גאַנצע שרעק. אויך האָט די שלאָפלאָזיקייט אָפּגעווישט די ראָזע פאַרב פון יאָהאַנס פּנים און עס אַזוי צעקניטשט, ווי זיין צוואַנציק־יעריקע לעגיטימאַציע פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי, וועלכע ער האָט, אין דער היטלער־תּקופה, פאַרמויערט אין זיין ווייס־קאַפּלענעם אויוון. איצט ליגט דאָרט באַהאַלטן זיין נאַצי־לעגיטימאַציע און יאָהאַן האָט איצט אַ נייע ס.ד.פּ.־לעגיטימאַציע, מיט וועלכער ער טראָגט זיך אומעטום אַרום ווי זיין פרוי ליזאַ מיטן זילבערנעם צלמל, וואָס זי האָט אָנגעטון אויף איר האַלדז, ווי נאָר די אַמעריקאַנער אַרמיי האָט באַזעצט די שטאָט.

ווי יעדן פרימאָרגן, במשך דער גאַנצער נאָך־מלחמה־צייט, איז יאָהאַן קראַמער דאָס מאָל אויך געווען אויפגערעגט. ער האָט די צייטונג גענומען אין זיינע ציטערדיקע הענט, אַדורכגעקוקט שנעל די געריכטס־פאַרהאַנדלונגען פונעם פאַרגאַנגענעם טאָג, באַרואיקט אָפּגעזיפצט און געזאָגט: „ווער ווייסט, וואָס עס קומט אין נאָענטסטן נומער". פּלוצים האָט ער אַ קוק געטון אויפן גאָלדענעם האַנט־זייגערל, וועלכעס ער האָט אַראָפּגענומען פון אַן אָפּגעהאַקטער יידישער האַנט און צו זיך, וואונדערנדיק, געזאָגט: „אַך, מיין גאָט, עס איסט שאָן זעקס אור נוין אונד צוואנציק".

איילֿיק איז ער אַריין אין עס־צימער. ער האָט זיך געזעצט צום ווייס־איבערגעדעקטן טיש, מיטן פּנים צו דער שוואַרצער גיפּסענער וואַג־נער־סטאַטוע, וואָס איז געשטאַנען אויפֿן וואַרשעווער קלאַוויר און מיט דער פּלייצע צום מינסקער שטיי־שפּיגל (אַזוי האָט מען גערופֿן דאָס נייע מעבל אין שטוב). גאַנץ רואיק און געשמאַק האָט ער געגעסן די פֿריש־געפּרעגלטע אייער, רויע גרינוואַרג, הערינג־סאַלאַט און פֿאַרשידענע גע־בעקסן.

ליזאַ, זיין ווייב איז אַריינגעקומען פֿון קיך. זי האָט געטראָגן אַ גלאַנצנדיק זילבערן טעצל, אויף וועלכן ס'איז געשטאַנען אַ פּאָרצעלאַנערן קריגל מיט פֿריש־פֿאַרבריטער באָנען־קאַווע און רויט־געבלימלטע, ווייסע טעפּעלעך. — דאָס האָט יאָהאַן געשיקט איר אַ מתנה פֿון וואַרשע נאָך דער פֿאַרניכטונגס־אַקציע אין וואַרשעווער געטאָ, בעת עס איז דערדריקט גע־וואָרן דער יידישער אויפֿשטאַנד. בשעת ליזאַ האָט זיך דערנענטערט צום טיש, האָט זי עפּעס מאָדנע געקוקט אין שפּיגל. זי איז געוואָרן בלאַס און מיט שרעק אויסגעשריגן:

"האַנס! וואָס האָט דיר פּאַסירט!? דו בלוטיקסט דאָך! וואָס איז פֿאַרגעקומען!?"

„ווו בלוטיק איך?" — האָט יאָהאַן דערשראָקן געפֿרעגט

„דיין רוקן בלוטיקט דאָך! אָ, מיין היילאַנד, וואָס איז מיט דיר!"

מיט שרעק איז יאָהאַן קראַמער אויפֿגעשפּרונגען פֿון דער ווייס־באַצויגענער, געבעטער שטול און נערוועז זיך באַטאַפּט די פּלייצע. ער האָט זיך געוווּנדערט, פֿאַרוואָס ער פֿילט נישט קיין שום ווייטיק, שנעל אויסגעטון דאָס העמד און זיך איבערגעציינט, אַז נאָר דאָס העמד איז פֿאַר־שמוצט מיט שוין אַן אַלטן בלוט־פֿלעק. — ער האָט זיך באַרואיקט. ליזאַ האָט גענומען דאָס פֿאַרבלוטיקטע העמד צום שפּיגל און זיך צעלאַכט:

„ווי דום איך בין. שאַו־מאַל, האַנס, וואָס שרעק מאַכט. דער בלוט־פֿלעק איז דאָך בלאַס און מיר האָט זיך געדוכט, ווי דיין רוקן וואָלט גע־בלוטיקט. ליזאַ האָט זיך נאָכאַמאָל צעלאַכט און דערקלערט יאָהאַנען, אַז דאָס האָט זי געהאַט אַ טעות, ווייל מיטן עלעקטרישן ליכט איז עפּעס נישט

אין אָרדענונג און דעריבער אים דערלאַנגט אַ העמד פון די אויסלענדישע וועש, וואָס יאָהאַן האָט איר געשיקט פון וואַרשע.

יאָהאַן האָט רואיק אויסגעהערט אירע דערקלערונגען. ווען ליזאַ איז געבליבן שטיל האָט זיך זיין פאַלדיק פּנים אָנגעהויבן כּעסיק רויטלען. ער האָט דאָס העמד געשליידערט אויפן דיל און הויך געשריגן:

„דאַנערוועטער! דאַנערוועטער! וואָס פאַר אַ שפּאַס איז דאָס! ביי אייך פּרויען איז אַלץ אַ שפּאַס". ער האָט שטרענג באַפוילן, אַז נאָך זיין אַוועקפאָרן צו דער אַרבעט, מוז זי תיכף איבערקוקן גענוי אַלע „אויסלענדישע" זאַכן, ווייל אַזעלכע אַלטע בלוט־צייכנס קאָנען ברענגען אַן אומגליק פאַר דער גאַנצער משפּחה. „הער־מאַל נאָכאַמאָל", האָט ער קאַטעגאָריש איר אָנגעזאָגט, „אויב דו וועסט געפינען, צווישן די אויסלענדישע קליידער און וועש געפלעקטע זאַכן, מוזטו זיי גלייך פאַרניכטן און דאָס איבעריקע מוז גלייך פאַרקויפט ווערן".

נאָך די רייד, האָט ער שנעל אויסגעטאָן דעם ברוין־געשטרייפטן אָנצוג, וועלכן ער האָט נאָר־וואָס באַנייט און איר געזאָגט, אַז דער אויסלענדישער קאַמעראַד, קאָוואַלענקאָ, פון דעם אוקראַינישן ד.פּ.־לאַגער, וועט קומען, זאָל זי אים צוריקגעבן דעם אָנצוג, בכדי ער זאָל אים פאַרקויפן וועמען אַנדערש. ער האָט זיך געהייסן דערלאַנגען דעם קאָסטיום, וואָס ער האָט נאָר וואָס געקויפט אויף אַ באַצוג־שיין, נאָך דער מלחמה.

נאָכן עסן האָט ער געגעבן אַ קוש ליזען אין שטערן און איז אַוועקגעפאָרן צו דער אַרבעט. שוין זייענדיק אין דרויסן האָט ער זיך אומגעקערט און איר ווידער אָנגעזאָגט, אַז די קינדער מוז מען אויפוועקן רעכטצייטיק, כּדי זיי זאָלן נישט פאַרשפּעטיקן אין שול; נאָרבערטן און העלענען זאָל זי אַרויסלאָזן אויף דער גאַס, ווייל דער דרויסן איז היינט וווּנדערבאַר. נאָכאַמאָל האָט ער איר דערמאָנט, אַז ס'וועט קומען קאָוואַלענקאָ, מוז זי אים אַוועקגעבן דעם אָנצוג, אפילו ער וועט פאַרזיכערן, אַז ער איז געמאַכט געוואָרן דאָ אויפן אָרט. „לויטן פאַסאָן", האָט ער באַטאָנט „זע איך, אַז ס'איז אויסלענדישע אַרבעט. קיין איין רגע, ליזאַ, טאָר ער זיך נישט געפינען אין אונזער שטוב". ער האָט אויך אויסגעטאָן דאָס גאָלדענע האַנטזייגערל און אויך עס געהייסן פאַרקויפן מיט נאָך אייניקע אויסלענדישע

זאַכן. צום סוף האָט ער איר אָנגעזאָגט צו נעמען ביי אים דערוויל אַ קאָנטאָ אַ צוועלף הונדערט מאַרק אויף פֿאַרשידענע אויסגאַבן.

„געוויס״, האָט ליזאַ באַשטעטיקט, „פֿון דיין פּענסיע וועל איך אפילו נישט האָבן אויף קיין טעאַטער־קאַרטן״.

„מיין פּענסיע״, האָט ער חוזקדיק געזאָגט, „מיט צוויי טעג צוריק האָב איך באַקומען די מאָנאַט־פּענסיע: הונדערט און אַכט און זעכציק מאַרק מיט 93 פּפעניק. וואָס דענקסטו ליזאַ! כ׳האָב דערפֿון נישט אַהיים געבראַכט קיין איין פּפעניק. דו ווייסט דאָך, מען מוז היינט מיט אַלע לעבן גוט. הער־מאַל: ביים אַרויסגיין פֿון דער אַרבעט, נאָכן באַקומען דאָס געהאַלט, האָבן מיך די אַרבעטער גערופן אין באַר. דאָס גאַנצע געלט האָב איך פֿאַרזויפֿט מיט די פּליי. אַזעלכע לומפּן! ביי דער אַרבעט רופֿן זיי מיך „חבר״. אַזעלכע בעטלער. אָבער לאָמיר האָפן!״

אויפהויבנדיק די האַנט אין דער הויך און גאָר שטיל אויסרופנדיק „הייל״ איז ער אַרויס פֿון שטוב.

בלייבנדיק אַליין אין עס־צימער האָט זיך ליזאַ אַוועקגעזעצט ביים טיש און זיך פֿאַרטראַכט איבער זיינע רייד.

ליזאַ איז די איינציקע פּערזאָן, וואָס ווייסט אַלץ, וואָס שפּילט זיך אָפּ אין יאָהאַנס האַרץ. זי דערקענט דאָס אין זיינע דערשראָקענע אויגן, און בכלל אין זיין גאַנצער האַלטונג. זי האַלט אים תמיד פֿאַר אַ גרויסן בעל־פּחדן, פּעסימיסט און שמאַרקן איבערטרייבער. יאָ, ליזאַ ווייסט פֿון אַלץ. אָבער אַזוי ווי יאָהאַן רעדט נישט מיט איר וועגן זיינע „געהיימניסן״ מאַכט זי דעם אָנשטעל, גלייך זי ווייסט פֿון גאָרנישט. פּאַקטיש אינטערע־סירן איר זיינע זאָרגן גאָר ווייניק „קאָן, איך דען זיין פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר אים?״, טענהט זי צו די שכנטעס, וועמענס מענער האָבן אויך געדינט אין ס. ס. „אפילו פֿאַר די זאַכן, וואָס איך האָב באַקומען אויף דער פּאָסט פֿון פּוילן, טשעכן און רוסלאַנד, קאָן מען מיך נישט משפּטן. כמעט אַלע שטאָט־איינוווינער האָבן באַקומען פּאַקעטן פֿון זייערע מענער. כ׳בין דען געווען די איינציקע?״ — אָט אַזוי טענהט זי צו אירע שכנטעס, וועלכע האָבן אויך פֿיל אויסלענדישע זאַכן און גיבן איר רעכט, אַז זי איז ריין...

יאָ, ליזאַ איז זיכער אין איר אומשולד. דאָס פּאַרבלוטיקטע העמד

אָבער, האָט אויך איר האַרץ צעציטערט. נאָך יאָהאַנס אַוועקפאָרן האָט זי באַלד דורכקאָנטראָלירט אַלע אויסלענדישע זאַכן, פון וועלכע זי האָט פיל פאַרברענט, אפילו די גאַנצע קאָרעספאָנדענץ, וואָס איר מאַן האָט איר געשיקט פון די געטאָס און פאַרניכטונגס־לאַגערן.

נאָך דעם קאָנטראָל איז ליזאַ אַריין אין קינדער־צימער. זי האָט אויפגעוועקט די עלטערע צוויי קינדער, זיי געגעבן צו עסן און אָפּגעשיקט אין שול. האַלב אַכט איז זי פאַרטיק געוואָרן מיט אַלעמען, אפילו געגעבן עסן די הינער, דעם הונט און די קרוליקעס. צום סוף האָט זי אויפגעוועקט די גאָר קליינטשיקע: נאָרבערטן און העלענען. געגעבן פרישטיק אין בעט, נאָכער זיי אָנגעטון אין נייע מלבושים, פון קאָפּ ביז פיס: אַלץ פּינקטלעך און געפּאַסט ווי אין זשורנאַל. זי האָט זיך אויך פיין אָנגעטון, די בלאָנדע אָנדולירטע האָר פאַרקעמט, דאָס פּנים באַשמירט מיט פאַרשידענע קאָס־מעטיקס און זיך באַשפּריצט מיט פאַרפום.

אַ גראַציעז־שוועבנדיקע, ווי אַ יונג מיידל, איז די פערציק־יאָריקע ליזאַ מיט אירע צוויי שפּרינגענדיקע קינדער אַרויס פון שטוב. אַרויסקומענ־דיק אויפן הויף, האָט זי אַ געשריי געטאָן: „וואַלדי!". אויף איר רוף איז אַרויסגעשפּרונגען אַ געל־באַהאָרטער הונט מיט רויט־צעגלאַנצטע אויגן. ער האָט כסדר אַריין און אַרויסגענומען זיין שמאָלע צונג פון פּיסק, פּונקט ווי זיין באַלעבאָסטע, וואָס האָט אויך מיט איר קליין צינגל באַלעקט די רויט־באַפאַרבטע ליפּן.

אַלע זענען אַרויס באַגעגענען דעם זוניקן פרימאָרגן. זיי זענען אַוועק אין שטאָטישן קינדער־גאָרטן, ווי אויף נאָרבערטן מיט העלענען האָבן שוין געוואַרט זיך שפּילנדיקע קינדער. אויך וואַלדין האָט באַגעגנט אַ צווייטער הונט, וועלכער האָט אים אָנגעהויבן תאווהדיק באַלעקן און אויף ליזאַן האָט שוין אומגעדולדיק געוואַרט דער שטאָטישער אָרגאַניסט פון דער עוואַנגעלישער קירך, הערמאַן, וועלכער האָט געהיים אַרויסגעקוקט מיט לוסט־צעגלאַנצטע אויגן פון זיין פענצטער, וואָס איז געווען אַנטקעגן גער־טנדל. דערזעענדיק ליזאַן האָט ער זי פריידיק באַגריסט און געגעבן איר אַ צייכן, אַז זיין ווייב איז נישטאָ אין שטוב...

...די שטאָט איז שוין געווען אין איר גאַנצן אימפּעט צערוישט.

טראַמווייען און מאַשינען האָבן די אויסגעפּוצטע דייטשן און דייטשקעס אין אַלע שטאָט־טיילן צעפירט — יעדן צו זיין באַשעפטיקונג. די מויערער זענען געשטאַנען אויף רושטאַוואַניעס פון די באַשעדיקטע הייזער און זיי רעמאָנטירט, טייל האָבן נייע הייזער געמויערט. דער באַזוניקטער טאָג איז געגאַנגען זיין נאָרמאַלן וועג.

דער טונקל־שטיינערדיקער, העכסטער, עוואַנגעלישער מינסטער־קלויסטער אין דער מיט שטאָט, האָט אָבער שאָטנס אַרום זיך געוואָרפן. זיין טורעם מיט די פיל שפּיצן איז דורך די זון געוואָרן אַזוי צעפייערט, אַז זיי האָבן אויסגעזען ווי פאַרבלוטיקטע שפּיזן.

דער אויסגעמאָלטער אַפּאָסטאָל, יאָהאַן־יוחנן — אויפן פראָנט פון קלויסטער, מיטן שוין אָפּגעמעקטן עוואַנגעליום אין דער האַנט, האָט אַלץ אָבסערווירט און סאַרקאַסטיש אַריינגעשמייכלט אין זיין קאַלטענוואַטער באָרד.

ב

פרימאָרגן אין ד.פּ.-לאַגער

פרילינגדיקער פרימאָרגן.

וואָס מער ס'האָט זיך צעשיינט די זון, באַלויכטן דאָס ווירטנבערגער שטעטל אולם, אַלץ טונקעלער האָבן אויסגעזען די גרויסע, גרויע קאַזאַרמע־הייזער אין דעם יידישן ד.פּ.־לאַגער: „סעדאַן־קאַסערנע". כאָטש אין אַלע שטאָט־גאַסן איז שוין געווען אַ לעבהאַפטע באַוועגונג, איז נאָך אין דעם הויף־פאַרפאַרקנטן לאַגער־הייפל געווען גאָר שטיל. אַלע איינוווינער זענען נאָך געשמאַק געשלאָפן.

די ערשטע האָט זיך אין לאַגער אויפגעוועקט דאָס צוויי־יאָריקע יתומהלע שרהלע. דאָס קינד האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף מיט אַ געוויין און געשריי:

„מאַמאַ הייטיאַ", „מאַמאַ הייטיאַ!".

נישט דערזעענדיק איר מוטער, האָט זיך דאָס קליינטשיקע נפשל אָנגעכאַפּט מיט אירע דלאָניעלעך אין דעם רונדן, דינעם שטעקעלע פון איר ווייס וויגעלע און קוים־קוים זיך אויפגעשטעלט. זי האָט זיך אויפסניי צעוויינט:

„מאַמאַ הייטיאַ!", מאַמאַ הייטיאַ!".

שרהלע האָט אַ ווײַלע אויפגעהערט וויינען, זיך פאַרגאַפּיעט אין דעם מיט אייזערנע קראַטן פאַרקלאַפּטן פענצטער. קינדיש אומבאַהאָלפן האָט זי אָנגעהויבן ברומען, נאָכער אויסגעצייגן די הענטלעך צו דעם באַזוניקטן פענצטער און מיט די פינגערלעך שנעל באַוועגט, ווי זי וואָלט וועלן כאַפּן די דורכפלאַטערנדיקע פייגעלעך.

זי האָט זיך ווייטער צעוויינט:

„מאַמאַ הייטיאַ!", מאַמאַ הייטיאַ!".

איר לעצט געוויין האָט אויפגעוועקט אייניקע פון די אַכצן שכנים, וואָס האָבן געוווינט אין דעם גרויסן, טונקעלען פאַרטער־צימער. דער ערשטער האָט זיך אויפגעוועקט שמואל בער, דער „תהלים־זאָגער". אַביסל צעטומלט האָט ער ארויסגעשטרעקט דעם גרוי־באַהאָרטן קאָפּ פון דער גרינער, וואַטענער „אונרא"־קאָלדרע, זיך מאָדנע אַרומגעקוקט, ווי זוכנדיק עפּעס. ער האָט אַ ברום געטון און זיך צוריק געלייגט. אין זיין געלער באָרד האָט ער אַריינגעמורמלט:

„אַ קינד דאָס איז, אַן אמתער מזיק! לאָזט קאָ דזים ניש כאַפּן".

נאָכער האָט זיך יצחק שמש געגעבן אַ האַסטיקן זעץ־אויף און זיך צעשריגען:

„זע נאָר זע, ווי זי פּאָפּט זעך דאָרט רויק, ס'קינד רייסט זיך דעם האַלדז און ס'זאָל איר דאָס אָרן, זאָל עס איר".

אויך דער „פּאַן" ווײַנרייך, דער נאָווידוואָרער גאַלאַנש און פעל־דשער, וואָס איז אין לאַגער געוואָרן אַ „דאָקטער", האָט זיך צעבייזערט אויף פּויליש:

„פּראָשען פּאַניאָן, באַרויקן זי ס'קינד. וואָס קלערט די פּאַני, אַז די פּאַני וווינט אַליין? מענטשן שלאָפן נאָך!"

איינציקוויז האָבן זיך אַלע אַכצן שכנים אויפגעוועקט און ווידער איינגעשלאָפן.

דאָס קינד האָט אָבער ווייטער געוויינט:

„מאַמאַ הייטיאַ!" מאַמאַ—אַ—אַ הייטטיאַאַאַ!"

„חנה!" האָט אַ ייִנג שול־מיידל אויפגעוועקט שרהלעס מוטער און צו איר געזאָגט: „נעמען זי צו זיך דאָס קינד. זי לאָזט קיינעם נישט שלאָפן".

עטוואָס מטושטעש האָט חנה אויפגעהויבן איר קאָפּ פון איר „קישן" — אַ רוק־זאַק— און איז שנעל אַראָפּ פון פעלד־בעטל. זי האָט צו זיך גענומען דאָס קינד, עס געפּרווט צוריק איינשלעפערן. שטילערהייט האָט זי געזונגען אַלטע וויג־לידלעך און איר ברומענדיק געבעטן: „שלאָף שוין איין מיין קינדעלע". דאָס קינד האָט זיך אָבער אָן אויפהער געריסן פון איר הענט־קלאַמערן, אָנגעוויזן אויפן ליכטיקן, פרימאָרגן־דרויסן און וויי־נענדיק־בעטנדיק געשריגען: „מאַמע הייטיאַ!"

בלית ברירה האָט חנה זיך אויפגעזעצט. זי האָט גענומען איר „קישן" — דעם רוק־זאַק, פון דאָרט אַרויסגעשיט איר ביסל צעקנייטשטע זאַכן, געזוכט אַ קליידל פאַר שרהלע און עפּעס וואָס צו פאַרקויפן. זי האָט לאַנג געזוכט, ווייל שוין כמעט אַלע זאַכן, וואָס זי האָט מיטגעבראַכט פון פוילן, האָט זי געהאַט פאַרקויפט אין לאַגער, בכדי צו קויפן אַביסל פּראָדוקטן פאַר איר קראַנק קינד. ווי יעדעס מאָל בעתן איבערקלויבן די זאַכן האָט זי באַקוקט איר מאַנס רעקל, אין וועלכן ער איז מיט איר אין רוסלאַנד געגאַנגען צו דער חופה (צוויי חדשים נאָכן קומען פון סטאַלינגראַדער פראָנט) און אין וועלכן מ'האָט אים דערמאָרדערט אין שטשעטשין פאַרן וועלן עולה זיין קיין ישראל. זי האָט דאָס רעקל צעלייגט, באַקוקט די בלאַסע בלוט־פלעקן און טיף אָפּגעזיפצט.

נאָכן געבן שרהלען פרישטיק, אַ שטיקל ברויט מיט אַביסל קאָנ־סערווירטע מילך פון אַ דזשאָינט־פּושקע, איז זי מיטן קינד אַרויס אויפן לאַגער־הויף.

נעבן טויער האָט זי באַמערקט עטלעכע ד.פּ.־מוטערס מיט זייערע קינדער.

ווי יעדן פרימאָרגן זענען פאַרן לאַגער געשטאַנען אַ סך יידן, וואָס האָבן, גאַפּענדיק געקוקט אויף דעם זוניק־באַלויכטענעם פרימאָרגן, ווי זיי וואָלטן עפּעס געזוכט.

חנה האָט געוואָלט צוגיין צו דעם קינדער־גערטנדל, ווו זי האָט יעדן טאָג פאַרבראַכט עטלעכע שעה. דאָס קליינע שרהלע האָט איר אָבער נישט געלאָזט גיין, ווייזנדיק אַרויסמאַרשירנדיקע שול־קינדער, וואָס האָבן געזונגען פריילעכע לידער. נאָך דער קינדער־מאַניפעסטאַציע זענען נאָכגעגאַנגען אַ סך לאַגער־יידן. די סוחרים, וואָס זענען תמיד געשטאַנען פאַרן לאַגער־טויער און אָפּגעוואַרט דייטשישע קונים, האָבן פאַרחידושט געקוקט אויף די מונטער־גייענדיקע קינדער. — „ווו גייען זיי דאָס אַזוי זינגענדיק?" האָבן זיך אייניקע געפרעגט און זענען אינסטינקטיוו מיטגעגאַנגען. דערוויסנדיק זיך אָבער, אַז די קינדער גייען צו זייער שולע, ווי עס דאַרף פאָרקומען אַ פייערונג לכבוד דער פּראָקלאַמירונג פון מדינת־ישראל, האָבן זיך אַ טייל הענדלער אָפּגעהאַלטן און זענען צוריק צו זייערע האַנדלס־פּלעצער. „סיי־ווי וועט מען זיי דאָרט נישט אַריינלאָזן. די גאַס איז אָפּגעשלאָסן", האָבן ווי זיך פאַרענטפערט און דערציילט, אַז די שול־געביידע געפינט זיך אויף אַ פּלאַץ, ווי עס קרייצן זיך די גאַסן. דאָרט האָבן נייגעריקע אָפּגעוואַרט אַ וועט־לויף, ווער עס וועט פריער פאַרכאַפּן דאָס אָרט ווו די קינדער דאַרפן פונקט פייערן דעם יום־טוב, און היטער האָבן אָפּגעשלאָסן דעם גאַנצן פאַרקער.

אין דער פאַרענטפערונג איז געווען אַביסל אמת. אָבער אויך די בראַווע מדריכים, די לאַגער־חלוצים, און די מיינסטע ד.פּ.־יידן האָבן דערפון געוווּסט. זיי האָבן אָבער עקשנותדיק באַשלאָסן, פאַר יעדן פּרייז צוצוקומען צו זייער באַשטימט אָרט און מיט די קינדער צו פייערן דעם גרויסן באַפרייאונגס־יום־טוב.

די מונטערע שול־לערער און אויך אַ סך דרייסטע לאַגער־יידן האָבן די קינדער דורכגעפירט דורך זייטיקע הינטער־געסלעך, אויסמיידנדיק אַלע אָוועקגעשטעלטע וועג־היטער. און בעת די צעיובלטע, זינגענדיקע קינדער מיט זייערע באַגלייטער, זענען צוגעקומען צו זייער באַשטימט אָרט, האָבן זיי זיך ערשט דערוווּסט, אַז זייער גאָר קליינער שטח האָט גאָר

נישט קיין שום שייכות מיטן וועט־לויף און שטערט אויך נישט די לויפער אין זייער שפּיל. פאַר די געדינגענע היטער און יידנפיינטלעכע גויים, וואָס האָבן אומגעדולדיק אָבסערווירט דעם געיעג־שפּיל, איז דאָס צוקומען פון די דרייסטע יידן געווען אַן אומאַנגענעמע איבעראַשונג. זיי האָבן אויף די פריילעכע יידן געקוקט מיט כעס אָבער גאָר נישט געקענט אויפטון, ווייל די אַמעריקאַנער איניציאַטאָרן פון דעם איינגעאָרדנטן וועט־לויף האָבן זיך — אַ דאַנק דער אינטערווענץ פון זייערע יידישע פריינט — אויך, בלית ברירה איבערצייגט, אַז דאָס פּיצל פּלאַץ; ווו די יידן געפינען זיך, וועט נישט שטערן דעם שפּיל. „און דער עיקר", האָבן זיי מיט אַ באַהאַלטענער שנאה געזאָגט: „די יידישע קינדער האָבן דאָך געמוזט צו־קומען צו זייער אייגן הויז, וואָס די אַמעריקאַנער מאַכט האָט זיי גע־שענקט"... אָבער דאָך האָבן אַ טייל פון זיי שטילערהייט געהעצט די דאָרטיקע הויז־שכנים, אַז דער יידישער געטומל מיט זייערע טריומף־גע־שרייען וועלן שטערן די רו פון די דערנעבנדיקע שטילע איינוווינער.

אָבער אונזערע לאַגער־קינדער האָבן נישט געהערט די אַלע רייד און נישט געקוקט אויף אַלע שטערונגען. זיי האָבן געיובלט, פריילעך גע־פייערט דעם יום טוב פון אתחלתא דגאולה.

גאָר אימפּאָזאַנט און פריידיק איז געווען דער קינדער־יום טוב. נאָך פריידיקער זענען געווען די מדריכים און די לאַגער־יידן, וואָס ס'איז זיי געלונגען דורכצוכרעבן די פעסטע גאָסן־שליסונג, און דערגרייכן זייער ציל.

די סוחרישע לאַגער־חכמים: פּעסימיסטישע פּאָרויסזעער, וואָס האָבן מורא געהאַט מיטצוגיין און זענען פאַרבליבן אין דייטשישן לאַגער און געפּשטלט פון דעם גויישן וועט־לויף, האָבן נאָכדעם חרטה געהאַט, ווייל זיי האָבן נישט געפילט קיין שום פרייד און נישט געזען דעם גרויסן יום טוב.

אָבער דאָך האָט זיך אַ קליינער טייל פון זיי געטרייסט:
„פון דעם גאַנצן געשעפט וועט סיי ווי גאָר נישט זיין...".

דאס לעצטע רינגל

א

דאס לעצטע רינגל

דער הויך־וווקסיקער לייטער פון בלאָק „בע" האָט אַן אַלט פּאָר פאָלק אַריינגעפירט אין אַ גרויס, טונקל בוידעם־צימער. ער האָט זיי אָנ־געוויזן אַן אָרט נעבן דעם דין־ברעטלדיקן טירל און איילעוודיק געזאָגט: „די צוויי בעטלעך זענען נאָר וואָס געוואָרן פריי. אויב איר ווילט, בלייבט דאָ. אויב נישט ווענדעט זיך צום פּרעזעס. איך האָב נישט מער קיין צווייטן פּלאַץ. נו, איר ווילט?"

די אַלטע האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, זיך אַרומגעקוקט אויף די פיר רייען אָנגעשטעלטע פעלד־בעטלעך אויף וועלכע ס'זענען געלעגן און געזעסן פילדערנדיקע קינדער מיט זייערע עלטערן.

„זעסט, יצחק", האָט זי געזאָגט צו איר מאַן. „וואָטער אַ קאָזאַרמע" נישטאָ וואָזט אויס קאָן בעסער אָרט פאַר אונז".

דער אַלטער יצחק האָט אַראָפּגעוואָרפן דעם רוק־זאַק פון זיין שוין אַביסל פאַרונדיקטער פּלייצע, זיך אַוועק געזעצט אויף אַ בעטל. מיטן אַרבל פון זיין צייגן כאַלאַטל האָט ער זיך, אייניקע מאָל, געווישט דעם שווייס פון פּנים און צו זיין ווייב געזאָגט: „שרה, האָרך מיך, זאָל שוין זיין דאָ. קיין שום זאַך איז נישט אויף אייביק. מיט זיין ליבן נאָמענס הילף עט מע דאָס אויך איבערלעבן".

שרה האָט טאַקע מסכים געווען. — די אַלטע זענען פאַרבליבן.

די גאַנצע צייט פון זייער וווינען אין דעם ווינקל ביי דער טיר, איז שרה אַרומגעגאַנגען אַ פאַרצערטע, געהאַט פּרעטענציעס, יצחק האָט

זי כסדר באַרויקט מיט חסידישע ווערטלעך און משלים. אויך די שטובֿ־שכנים, וואָס פלעגן כסדר זיך באַקלאָגן, האָט ער געטרייסט: „גאָטס שטראָף איז נישט אויף אייביק, מ׳מיז פאַרליב נעמען" און: „אויב ס׳נישטאָ קאָ ברירה איז אָ שאָד יעדעס וואָרט".

אין די ערשטע טעג האָט מען שטילערהייט געחוזקט פון דעם „צדיק אין פעלץ". מיט דער צייט אָבער האָבן אַלע 28 איינוווינער אָנגעהויבן יצחקן לויבן אַלס „איידל מענטשל" און „קלוג יידל".

געלעבט האָט דאָס אַלטע פּאָר פאַלק גאָר בצמצום. —

אין די ערשטע וואָכן פלעגט שׂרה אָוועקטראָגן „איבעריקע" חפצים און מלבושים צו דייטשן, אַהיים געבראַכט פּראָדוקטן אָפּצוקאָכן יעדן טאָג אָ צוגאָב־מאָלצייט, אויסער דאָס עסן, וואָס מ׳האָט באַקומען פון דער לאַגער־קיך. ווען זי האָט שוין נישט געהאַט מער וואָס צו פאַרקויפן, האָבן די אַלטע זיך באַגנוגנט מיט די קיך־מאָלצייטן. אויך קליידער האָבן זיי געטראָגן די זעלבע אין וועלכע זיי זענען אָנגעקומען. ביידע זענען געווען שעמעוודיקע, זיך נישט געקענט שטופן, שרייען, מאָנען און דער לאַגער־קאָמיטעט האָט טאַקע פון זיי נישט געוווסט.

אַמאָל האָט יצחקס אַ בן־עיר, דוד שמש, געוואָלט העלפן די אַלטע לייט. זיינע אַלע באַמיאונגען זענען אָבער געווען דערפאַלגלאָז.

וועגן דעם האָט מען אין לאַגער דערציילט: דוד שמש האָט אין בית המדרש געבעטן ביי די תהילים־זאָגער, זיי זאָלן דעם אַלטן אַריינ־נעמען אין זייער חברה. אַ טייל זקנים האָבן זיך צעכעסט, באשר ס׳זענען אַזוי אויך פאַראַן איבעריקע זאָגערס. אַנדערע גאָר האָבן געטענהט: זינט ס׳האָבן זיך „געיאַוועט" אַ סך בעלנים, צאָלט דער לאַגער־רבֿ קלענערע פענסיעס. עס איז גוט באַוווסט געווען, אַז דוד שמש לייגט ממש איין וועלטן, צו העלפן זיין בן עיר, יצחק׳ן. איינמאָל טאַקע, אין אַ ווינטער־אָונט, האָט מען דערציילט, ווען דער רבֿ איז געקומען אין בית המדרש, לערנען מיטן עולם דעם דף היומי, איז דוד באַלד צו צום רבֿ און אַזוי געזאָגט: „סעדאָנער רבֿ, אין לאַגער וווינט אַ שטילער אביון. ר׳ווּעט אויסגיין פון הונ־גער. מ׳דאַרף אים העלפן". אויף דעם רבֿס שאלה: „ווער איז דאָס דער שטי־לערלער אביון?" האָט דוד געענטפערט: „מאַנס אַ בן עיר, פון ווורקע, הייסט

ר׳ יצחק אייזשעס, געווען ביי אונז פון די שענסטע באַלעבאַטים, אַן עושר, געהאַט זיין אייגנס אַ גרויס שפּייז־געוועלב, שפּאַכלערס מיט תּבֿיאות, עטלעכע קאָמעניצעס אין סאַמע מיטן שטאָט. ער׳ט געפירט אַ ברייט, מלכותדיק הויז, געווען דער גרעסטער בעל מכניס־אורחים. גאַנץ וואָרקע האָט מיט אים געקלינגען, אַ קליניקייט! ר׳ יצחק אייזשעס! סעדאַנער רב, איר ווייסט?: ר׳ יצחק איז דעם באַרדיטשעווערס אַ לייבלעכער קרובֿ, דעם אמשינאָווער רבֿס מחותּן. האָנט איז ער לא עלינו אַ יורד, גייט אָפּגעריסן, אָפּגעשליסן און האָט ניש צו עסן. מ׳דאַרף אים העלפן". נאָכן אויסהערן דוד שמשס רייד, האָט דער רבֿ צעעפנט אַ פּאָר פאַרחי־דושטע אויגן, פאַרמחשבֿעט געקוקט אויף דודן און אַביסל תּרעימותדיק געזאָגט: „האָנטיקע צאַטן זענען אַלע יידן יורדים. וואָס זשע?", האָט ער זיך באַלד פאַרענטפערט, „כ׳קען אַליין זעך ניש העלפן. אויסער דיין בן עיר, דאַרפן אַ סך יידן אַ ישועה". דער רבֿ האָט צוריק אַראָפּגעלאָזט זיינע אויגן, זיי פאַרדעקט מיט די געדיכטע ברעמען. שטייענדיק אַ ווילע פאַר־מחשבֿעט, האָט ער מיטביידע הענט צענומען די שפּיצן פון זיין שוואַרץ־גרוילעכע באָרד און עטוואָס בנעימותדיקער געזעצט: „האָרך אויס, דוד, זאָג דיין בן עיר... זאָג, דוד", האָט ער איבערגעריסן דעם ערשטן זאַץ, „אַ בן תּורה איז ער כאָטש אויך?".

„אַ שאלה?!", האָט דוד אָפּגעענטפערט „זיך גערעכנט פאַרן גרעסטן מופלג אין שטעטל, געלערנט מיט די בית המדרש־בחורים תּעריבֿות און בשר וחלבֿ און אין קבלה געווען איינער אין וואָרקע".

„אויבֿ אַזוי" האָט דער רבֿ ממשיך געווען „דאַרף ער דאָך אַליין פאַרשטיין! נישטאָ קאַ צווייטע ברירה. זאָל ער טוען ווי אַלע: זיך פאַר־שראַבן אין אַ פרומען־פאַריין. האָנטיקע צאַטן מיז אַ מענטש ערגעץ־ווו געהערן, אַזוי זאָלסטו אים זאָגן, דוד".

פון דעם רבֿס רייד איז דוד נישט געווען צופרידן. ער האָט אָבער יצחקן דערציילט דעם רבֿס עצה.

ווי תּמיד האָט זיך דער אַלטער גוטמוטיק צעשמייכלט: בטלדיק אַ מאַך געטון מיט די הענט: „איי, ר׳ דוד, איר מאַכט זיך נאַריש. דערווייל

פאַסטן מיר נאָך נישט חלילה. געלויבט זיין ליבן נאָמען, מ׳דאַרף צו קיי־נעם נישט אָנקומען. איך וועל אינערגעץ נישט גיין זיך פאַרשרייבן.

אוןביידע אַלטע לייט, וואָס האָבן געוווינט אויפן בוידעם־צימערל ביי דער טיר, האָבן ווייטער געלעבט בצמצום: אויסער דאָס ביסל עסן פון דער לאַגער־קיך, האָבן זיי גאָר נישט מער באַקומען. — דער לאַגער־קאָמיטעט, האָט דעם אַלטן נישט געקענט, נישט באַמערקט און, ווי דער שטייגער, פאַר זיי גאָרנישט געזאָרגט.

ב

ערב ראש השנה אינדערפרי.

אין דעם בוידעם־צימער, וואָס איז ענלעך געווען צו אַ פּראָווינ־צער הכנסת אורחים, איז געווען טומלדיק. מענער און ווייבער האָבן זיך אָנגעטון; מ׳האָט זיך געוואַשן, ראַזירט, געקעמט, צענומען בעטלעך, גע־שריגן, קינדער האָבן געוויינט. טייל זענען געקומען פון דער לאַגער־קיך מיטן פרישטיק: ברויט, קאָנסערווירטע פיש, פּושקעס מיט הייסער קאַווע, פון וואַנען ס׳האָט געזעצט אַ פּאַרע צום משופּעדיקן סופיט, ווי אין אַ באָד. ספּעציעל האָבן זיך געהערט טענות פון טייל פרויען, פאַרוואָס זייערע מענער „פּאָפן" נאָך און אַנדערע מענער האָבן שוין „אָפּגעטון גאַנצע וועלטן". העכער פון אַלע האָט געשריגן אויף פּויליש די פּאַני זאָשע. זי האָט פּשוט געוואַלדעוועט: „אַן עכטע כאַלאַטע". „מ׳קען משוגע ווערן פון דער באַנדע" און געדראָט צו מסרן די גאַסן־הענדלער, אַז מ׳זאָל זיי אַרויסוואַרפן, ווייל זיי פאַרדינען שטיקער גאָלד.

דער אַלטער יצחק איז אַריינגעקומען פון זכור־ברית און דאַוונען. ווי זיין שטייגער האָט ער זיך שטיל אַוועקגעזעצט אויף זיין פעלד־בעטל, נישט אָנטייל גענומען אין די אַלע מחלוקתן. ער האָט שמייכלענדיק אָנ־געקוקט שרהן, איר געפרעגט, הלמאי זי איז פאַרדאגהט און זי געטרייסט: „ס׳גייט אַ ניי יאָר אין מיטן אייבערשטנס הילף וועט מען נאָך אַלץ דער־ציילן אין פריידן".

שרה האָט זיך שטיל צעוויינט:

„ווינד איז צו מאַנע אַלטע יאָר. צו וואָס יאָך האָב דאַלעבט. ס׳גייט אַ זאַ הייליקער יום־טוב און נישט צעמאָל אָנגעגרייט די מינדעסטע האָר״.

ווי אַלע מאָל האָט יצחק איר געפּרוווט פאַרעדן. דאָס מאָל האָט ער אָבער גאָר נישט געפּועלט. שרה האָט זיך געהאַלטן ביי ס׳אירעקע, זיך אַ ביסל געבייזערט:

„אָך אַ מאַנספּערשוין צום טיש. דרייט זיך אַרום גאַנצע טעג, מאַטלט און טיט נישט קיין האַנט אין קאַלטן וואַסער״. זי האָט אים פאַרגעוואָרפן, אַז צום ערשטן מאָל, מוז זי צוליב אים פאַרשעמען די ימים נוראים און נישט אָנגרייטן „די מינדעסטע האָר״.

אויך יצחק האָט זיך צעבייזערט:

„אפשר ווילסטו זאָל עך אַרימגיין אין די האַזער, האַ?

ער האָט איר עטלעכע מאָל געזאָגט: „נאַרישע יידענע״ און איז אַרויס.

שרה איז געבליבן זיצן אַ פאַרצערטע, געזאָרגט פונוואַנען צו נע־מען כאָטש אַ פּאָר מאַרק, בכדי עפּעס צו קויפן אויף יום־טוב. זי האָט געזוכט אין רוק־זאַק און אין קעסטל, געוואָלט עפּעס געפונען צו פאַר־קויפן. זי האָט אָבער גאָרנישט מער געפונען קיין איין ווערטפולע זאַך. זי האָט געטראַכט פאַרשידנס: באָרגן ביי אַ שכן אַ גמילת־חסד, בעטן בייִם רב אַ פּאָר מאַרק, רעדן מיטן פרעזעס, ער זאָל איר אויסשרייבן עטלעכע נייע מלבושים פון קליידער־מאַגאַזין צו פאַרקויפן — און זיך צו גאָרנישט דערטראַכט, מורא געהאַט פאַר יצחקן, וואָס איז תמיד געווען קעגן דעם, אַז ס׳זאָל זיך ווער דערוויסן פון זייער נויט. טיף איז געווען איר צער. שכנים, וואָס האָבן געזען שרהס טרערן רינען איבער איר צעקנייטשט פּנים, האָבן זי געפרעגט, וואָס ס׳האָט פּאַסירט. זי האָט אָפּ־געזיפצט, שטאַרקער זיך צעוויינט און קיינעם גאָרנישט אָפּגעענפערט. פּלוצים האָט זיך איר פּנים פאַרענדערט. די טרערן אין די אויגן זענען פאַרשווינדן. זי האָט דערפילט אַ מאָדנע לייכטקייט אין האַרץ: ס׳איז איר געקומען אויפן זינען צו פאַרקויפן דאָס קידושין־רינגל. מניה וביה האָט זי דאָס גאָלדענע רינגל אַראָפּגענומען פון דעם פינגער. „יאָ איצט

איז געקומען די ריכטיקע צייט״, האָט זי גערעדט הויך, ווי צו וועמען. זי האָט געצווייפלט צי זאָל זי פרעגן יצחקן צי נישט. און באַשלאָסן אים בלויז מודיע זיין דערפון און מער נישט. זי איז אַרויס פון שטוב. אַ דע־נערווירטע איז שרה שנעל אַרומגעלאָפן אויפן פאַרנעפּלטן לאַגער־הויף, געזוכט איר מאַן. „היינט וועט ער מוזן באַשטיין. כ׳וועל קיין יום־טוב נישט פאַרשעמען״ האָט זי צו זיך אַליין געזאָגט. פון דער פאַרנעפּלט־קייט, האָט זי געזען זיך דערנענטערן אַ מענטשלעך געשטאַלט. איר האַרץ איז געוואָרן צעצאַפּלט: אָט גייט ער. ער׳ט זיכער נישט מסכים זיין, האָט זי געטראַכט. זי האָט זיך עטוואָס באַרויקט, זעענדיק דעם לאַגער־פּרע־זעס פּרוי, די פּאַני ביטעראָווא, וואָס האָט אין איין האַנט געטראָגן אַ פּילן קויש מיט פּראָדוקטן און אין איר צווייטער האַנט— אַ לעבעדיקן קאַרפּ. מיט קנאה־בליקן האָט שרה דורכגעשפּיזט די איינגעקויפטע פּראָדוקטן אויף יום־טוב און דעם לעבעדיקן קאַרפּ, וואָס האָט אַלעמאָל אַ צאַפּל געמאַכט. ווי שרהס האַרץ. אויף שרהס פראַגע ווי די פּרעזעסאָווע האָט גע־קויפט דאָס פישל, האָט יענע איר געזאָגט דעם אַדרעס פון אַ דייטשישן פישער, וואָס וווינט אויפן דאנאו־ברעג.

הענדום־פּענדום איז שרה אַהין געלאָפן. ווייזנדיק דעם דייטש איר גאָלדן רינגל האָט זי דערפאַר געבעטן אַ ביסל פּראָדוקטן און אַ פּישל. דער דייטש, באַטראַכטנדיק שרהס צעשטרייטקייט און דאָס קליינע, דינע רינגל, האָט שפּאָטיש איר דערקלערט די ווערטלאָזיקייט פון דעם גאָל־דענעם „אַנטיק״. שרה האָט אָבער אין דעם דייטש אַזויפיל אַריינגערעדט ביז יענער האָט זיך מיט איר געטוישט: ער האָט צוגענומען דאָס רינגל און דערפאַר איר געגעבן אַ קליין פישל, אַ לעבעדיק הינדל, אַביסל מעל, עטלעכע אייער, אַ פּאַפּירן בייטל מיט פרוכטן און אַ קליין שטעגל וויינ־טרויבן, צו מאַכן אַ שהחינו. אַ פריידיק־צעשטראַלטע איז זי, אַ פאַרשוויצ־טע און קוים־אָטעמדיקע, געקומען אין בוידעם־שטיבל מיט אַ פול קיישל פּראָדוקטן, פּונקט ווי די פּרעזעסאָווע, וואָס זי האָט באַגעגנט אויפן לאַגער־הויף. מיט אימפּעט האָט זי זיך גענומען צו דער אַרבעט. זי איז אַרויף אין אַראָפּגעלאָפן פון די שטיגן, ווי אַ יינג מיידל. אויך איר אויסזען איז גע־וואָרן פאַרענדערט: די אויגן האָבן געשטראַלט, געקוקט פריידיק, זיכער,

מיט שטאָלץ; דאָס צעקנייטשטע געלע פּנים האָט אויפגעפלאַמט. זי האָט דערפילט אַ לייכטקייט אין די אַלטע אברים, ווי זיי וואָלטן באַקומען פרישע כוחות. נישט האָבנדיק קיין כלים צו קאָכן אַלע צוגעגרייטע מאכלים, איז זי געלאָפן צו שכנים אין בײדע לאַגער־קיכן, פון וואַנען זי האָט אַהיימגעבראַכט בלעכערנע פושקעס. אַלע אָנגעפילטע פושקעס האָט זי צעשטעלט קאָכן אין עטלעכע שטובן. ביז פאַרנאַכט האָט זי זיך געע־פּאָרעט. ווען די אָנגעקאָכטע מאכלים זענען שוין געשטאַנען אויפן דיל אין איר ווינקל, איז יצחק אָנגעקומען. ער האָט מיט זיך געבראַכט עטלע־כע פושקעס עסן, ווייס ברויט און שטיקער קוכן, וואָס ר׳האָט באַקומען אין דער לאַגער־קיך. „נאַדיר״, האָט ער געזאָגט, „אַ יידענע בלייבט אַ יידענע. אַבי זיך געזאָרגט. דאָ האָסטו אַ גרייטן יום־טוב״.

„און יאַך האָב שוין אויך אָנגעגרייט פון כל־טוב״, האָט זי דרייסט און תקיפדיק געזאָגט, „דאַנע אַלע פושקעס טראָג צוריק. אין יום־טוב עס עך ניש קאָ געבעטלט עסן״.

יצחק האָט איר מאָדנע אָנגעקוקט, נישט פאַרשטאַנען אירע ווער־טער. זעענדיק אָבער די אַזוי־פיל אָנגעשטעלטע פושקעס מיט אָנגעקאָכטע פיש, פלייש, געטרוקנטע פערפל, קאָמפּאָט, אַן אָנגעבאַקענעם עפּל־קוכן און פירות, האָט ער זי אָנגעקוקט מיט גרויס פאַרוווּנדערונג, נישט תופס געווען פון וואַנען זי איז דאָס פלוצים אַזוי אויפגערעכט געוואָרן. אויף זיינע פראַגן ווי זי האָט דאָס אַלץ גענומען, האָט שרה אים דערציילט דעם „גאַנצן אמת״, אַז זי האָט פאַרן קידושין־רינגל באַקומען ביי אַ דייטש די אַלע פּראָדוקטן. „וואָס? דו האָסט פאַרקויפט דאָס רינגל?״ האָט ער אויסגעשריגן און זיך האַסטיק אַוועקגעזעצט אויפן בעטל. ער האָט די אויגן אַראָפּגעלאָזט און מיט אַן איינגעהאַלטענעם כעס געזאָגט:

„נו פאַרפאַלן. האָסט אָפּגעטון אַ נאַרישע זאַך. וועסט אָבער שפּע־טער באַדויערן. ווען מ׳וועט קומען אויף אַן אָרט און ס׳עט נישט זיין קיין גראָשן צו קויפן ס׳ערשטע ברייטל, זאָלסטו ניש האָבן קאָ טענות. אַ יידענע דאָס איז! נעמט און פאַרקויפט דאָס לעצטע חפץ פון שטוב״.

„זאָרג נישט יצחק. דו אַליין האָסט שטענדיק מיר געזאָגט, אַז

מ׳דאַרף האָבן בטחון. ווער ס׳גיט לעבן, דער גיט צום לעבן. זאָרג נישט יצחק״.

ער האָט ־אַרנישט געענפערט.

שרה האָט זיך ווייטער געפּאָרעט: פון צוזאַמענגענומענע טאָוולע־נע אונראַ־פּידלעס האָט זי צונויפגעשטעלט אַ טישל, עס פאַרדעקט מיט אַ ווייס טישטעך, געגרייט צום טיש און אויף בלעכערנע קאָנסערוון־פּיש־קאַלעך אָנגעטריפט ווייסע ליכטלעך, אַלע שכנים האָבן מיט גרויס פאַר־וווּנדערונג אָנגעקוקט די אָרעמע שרהן, וואָס האָט אָנגעגרייט אַזאַ בגי־דישן יום־טוב. קיינער אָבער האָט נישט פאַרשטאַנען, ווו זי האָט גענומען געלט, זיך אַזוי „צו צעשפּרייטן״.

ג

דער אָנקומענדיקער אָוונט האָט שנעל פאַרלאָשן דאָס לעצטע ביסל טאָג־ליכט. אויף דעם וואָס אַמאָל טונקל־ווערנדיקן הימל, האָבן געאײַלט פאַרמלאָזע שטיקער וואָלקנס, גלייך ס׳וואָלט זיי ווער געיאָגט. אַ קאַלטער ווינט האָט די קרוינען פון די קאַשטאַן־ביימער צעבלאָזן, זיין פייפן איז גע־ווען אַן אָנזאָג אויף אַן אָנקומענדיקן געוויטער. אַ חשכות האָט פאַרדעקט דעם לאַגער־הויף, וואָס איז קוים־קוים געוואָרן באַלויכטן מיט קליינטשיקע, ברוינע פלעמעלעך פון די אָנגעצונדענע יום־טוב־ליכטלעך. ליכטיקער פון אַלע שטובן איז געווען אויפן בוידעם־שטיבל אין בלאָק־„בע״. ביי יעדן בעטל איז געשטאַנען אַ טאַבאָרעטקעלע, איבערגעדעקט מיט ווייסע שטיק־לעך לייוונט, טישטעכלעך און שטיקלעך צייטונגען. אויף אָט־אָ־די „טיש־לעך״ האָבן געפלעמלט דינע ברענענדיקע קנייטלעך, אַריינגעשטעקטע אין טאָוולענע טעלערלעך מיט חלב. אַרום די טישלעך זענען געזעסן די פּלטים־משפחות. אַלע זענען געווען שטיל, פאַרדמיונט און טרויעריק. נישט איינעם פון זיי האָט זיך מן הסתם דערמאָנט די טראַגישע מלחמה־טעג. אַפילו די קינדערלעך האָבן אויך דאָס מאָל געשוויגן, מאָדנע געקוקט

אין די באַטרערטע אויגן פון זייערע מוטערס, ווי זיי וואָלטן פאַרשטאַנען, וואָס עס איז אַזוינס יידישער גורל.

אַ מוראדיקער טרויער האָט געשוועבט אין דעם בוידעם־צימערל.

יצחק איז אָנגעקומען פון דאַוונען. אָן ערנסטער און אין זיך אַ פאַרטראַכטער האָט ער אַלעמען שטיל געווינטשן: „גוט יום־טוב“, געמאַכט קידוש, זיך געוואַשן צום עסן און גאָר נישט מיט קיינעם גערעדט. בלויז נאָך דער „שהחינו“, האָט ער אַריינגעשמייכלט אין דער באָרד און שטיל געשעפּטשעט: „אַ וואַזשנע יאָר דערלעבט. דאָס נייע מעג זיין אַ בעסערס“.

אויך שרה האָט געשוויגן. זי האָט פּשוט מורא געהאַט צו עפענען ס׳מויל, טאָמער הויבט יצחק אָן רעדן פון דעם פאַרקויפטן פינגערל, ער וועט זיך דענערווירן, איז בעסער נישט צו פאַרשטערן דעם יום־טוב.

נאָכן עסן, ווען יצחקס בליק איז געוואָרן עטוואָס פרייער, שמייכ־לענדיקער, האָט זי געפרעגט, וואָס מ׳שמועסט עפּעס אין בית־מדרש און ווי לאַנג נאָך מ׳עט זיך מוזן מאַטערן אין דעם לאַגער.

„ניש גוט, שרה“, האָט ער געענטפערט. עפּעס אַ קורץ־געקליי־דערט יינגערמאַנטשיקל, וואָס באַרימט זיך, אַז ער לייענט אַלע יידישע בלעטער פון מינכן, האָט דערציילט, אַז די מלוכות לעבן עפּעס ווייטער נישט בשלום. דער רוח זאָל זיי וויסן וואָס זיי ווילן ווידער. ערשט נישט לאַנג אויסגעקוילעט אַזויפיל מענטשן און ווילן שוין אַ נייע מלחמה“.

„און איך האָב דיר שוין לאַנג געזאָגט, יצחק, אַז מ׳דאַרף וואָס שנע־לער פון דאַנען אַנטלויפן. דאָ עט זיין ס׳גרעסטע פייער. זאָלן זיך די מלוכות רייסן די קעפּ, אַבי מיר זאָלן נישט זיין אין מיטן.“

„יאָ, שרה, עס איז אמת. אַ סך יידן, שמועסט מען, זענען שוין אַוועקגעפאָרן קיין ארץ ישראל און אין פאַרשידענע לענדער. ווי איינער קען נאָר, אַהין פאָרט ער. אין בית המדרש איז געוואָרן גוט שיטער. הערסט, היינט נאָכן דאַוונען פרעגט מיך דער רב, ס׳ערשטע מאָל, וואָס עס הערט זיך. כ׳האָבן דערציילט פון דיין „גרויסן אויפטו“ מיטן רינגל, בכדי צו מאַכן יום־טוב. האָסטו געמעגט הערן, ווי ער האָט זיך אויף מיר צע־בייזערט: „ר׳ יצחק איזשעס, איר האָט שוין פאַרגעסן, וואָס עס איז געשען

מיט אונדז? יאַך וואָרן איך, די סכנה איז ווידער גאָר גרויס. נאָך יום־טוב פאָרט ליבערשט אַוועק פון דעם דייטשישן טמא־לאַנד. דאָ איז אַ מקום מוכן לפּרעניות. ר׳ יצחק, באַדויערט נישט דאָס פינגערל. פאָרט אָפּ קיין ארץ־ישראל און ראַטעוועט אייערע לעצטע פאָר יאָר. זאָרגט ווייניקער. ס׳גייט אַ ניי יאָר. לא אלמן ישראל. מאן דיהיב חיה יהיב מזונה.

אין א פינצטערן וואגאן

אין אַ פֿינצטערן וואַגאָן

געווען איז דאָס אין אַ פֿאַרנאַכט, אין חודש מאַי פֿונעם יאָר 1947.

אויף דער אולמער באַן־סטאַציע זענען טומלענדיקע פּאַסאַזשירן, אײַלעוודיק אײַנגעשטיגען אין דעם פֿערזאָנען־צוג: „אולם־מינכן".

יעדעס מאָל האָט אַן אַנדערער פּאַסאַזשיר געכאַפּט אַ בליק אויף דעם שטייענדיקן לאָקאָמאָטיוול, וואָס איז שוין גרייט געווען צו פֿאָרן, שטאַרק געסאַפּעט, אַרויסגעלאָזט געוויקלטע, טונקל־גרויע קנוילן רויך אין דעם בין־השמשותדיקן חלל און צעשפּרייט פֿונקען איבער די אַרומיקע חור־בות. עס האָט זיך דערהערט אַ לאַנגער פֿײַף. דאָס איז געווען אַ סיגנאַל, אַז אַלץ איז פֿאַרטיק און מ׳זאָל פֿרײַ מאַכן דעם וועג.

„אָפּפֿאָרן!", האָט אַ באַן באַאַמטער געגעבן אַ צייכן מיט אַ גרין פֿענדל.

דער לאָקאָמאָטיוו האָט זיך גערירט פֿון אָרט, נאָכשלעפּנדיק הינ־טער זיך עטלעכע פּאַסאַזשיר־וואַגאָנען, אָנגעפּאַקטע מיט סוחרים, אַרבע־טער, פּויערים און שוואַרץ־הענדלער, וועלכע האָבן, אין די אָוונט־שעהן, איבערגעפֿירט זייערע אומלעגאַלע סחורות.

פּאַמעלעך איז דער צוג געפֿאָרן עטלעכע הונדערט מעטער און זיך געשטעלט אין ניי־אולם, פֿאַר דער דאָנאַו־בריק.

אַ סך פֿערזאָנען האָבן נײַגעריק אַרויסגעקוקט פֿון די וואַגאָן־פֿענצ־טער, געוואָלט וויסן, פֿאַרוואָס די באַן האָט זיך אָפּגעשטעלט.

פֿון דעם דריטן פֿענצטער, אין צווייטן וואַגאָן נאָכן לאָקאָמאָטיוו, האָט אַרויסגעקוקט אַ יידישע פֿרוי מיט אַ שוואַרץ גלאַנציק שייטל אויפֿן קאָפּ.

„חיים, זעסט?", האָט זי געזאָגט צו איר מאַן, „תמיד ווען כ׳פֿאָר

דאָ פֿאַרביי, נעמט מיך אַרום אַ שרעק". איר פּנים איז געוואָרן בלאַס. דעם מאַן האָט זי אַנגעוויזן אויף אַ שמאָל טאַלעכל, באַוואַקסן מיט קליינע דינע ביימעלעך. זי האָט דערציילט, אַז תמיד ווען זי פֿאָרט פֿאַרביי ניי־אולם און זעט דאָס באַוואַקסענע טאַלעכל, דערמאָנט זי זיך אין דער באַן־סטאַציע אין זשעלעכאָוו, נאָך שטשעטשין. „יענע געגנט איז אַזוי שטאַרק ענלעך צו דעם אָרט", האָט זי זיפֿצנדיק געזאָגט, זיך אָפּגעווישט די פֿייכ־טע אויגן און פֿאָרגעזעצט איר דערציילן: איינמאָל, אויך אין אַזאַ זומער־פֿאַרנאַכט, איז זי געפֿאָרן פֿון שטשעטשין און די באַן האָט זיך, אויך צוליב עפּעס אַ סיבה, אָפּגעשטעלט אין זשעלעכאָוו. האָט זי געזען אַזאַ באַוואַקסן טאַלעכל געזען ליגן אַ געהרגעטן ייד. „מײַנע אויגן, גאָט אין הימל, זאָלן שוין מער נישט זען, ווי צעשניטן ער איז געווען" האָט זי געענדיקט איר דערציילן. זי האָט פֿון איר שוואַרץ לאַקירטן בײַטל אַרויס־גענומען אַ טאַשן־טיכל און זיך געווישט די טרערן פֿון די אויגן.

שטילשווײַגנדיק האָב איך געקוקט אויף דער פֿרוי און אויף דעם פֿלאַמיקן זון־פֿאַרגאַנג, וואָס האָט פּורפּור־רויט געפֿאַרבט דעם מערבֿדיקן הימל־ראַנד, וועלכער האָט אויסגעזען, ווי אַ טונקל־בלוי געוואַנט, באַ־פֿלעקט מיט פֿריש בלוט. אויך דער אַזוי רויק־פֿליסנדיקער דאַנאַו, וואָס האָט אויף זײַן פֿאַליעדיק־צעקאַרבטן אויבערפֿלאַך אָפּגעשפּיגלט דעם צע־שרפֿהטן הימל, האָט אויסגעזען, ווי עס וואָלטן דאָרט אַרומגעשוווּמען שטיקער בלוט.

דער פֿרויס דערציילטער עפּיזאָד פֿון שטשעטשין האָט מיך דער־מאָנט אין אַן איבערלעבונג אין יענער שטאָט, אין יאָר 1945:

מיר, אַ גרופּע חלוצים, האָבן גראָד געגעסן מיטאָג אין דעם קיבוץ „איחוד" אין זשעלעכאָוו. פֿלוצים האָט מען דערהערט געוואַלדן, געבראַזי־גערײַ פֿון צעהאַקטע שויבן און ווילדע אויסגעשרייען: „טויט די יידן". אַרויסקוקנדיק האָבן מיר געזען צעיושעטע כוליגאַנעס יאָגן יידן. פּענצ־טער האָבן זיך פֿאַרמאַכט און די הויז־טויערן זענען געוואָרן פֿאַרשלאָסן. צו די אַ אָרט מיניאַטור־פּאָגראָמען, זענען מיר געווען צוגעוווינט און צוגעגרייט, אַז אין פֿאַל זיי וועלן וואַגן אונדז באַפֿאַלן, איז „תמות נפשי עם פּלישתים". די כוליגאַנעס האָבן לאַנג נישט געווילדעוועט, פּוילישע

מיליציאָנערן האָבן זיי צעטריבן. די ערשטע נייעס, וואָס מ׳האָט דערהערט איז געווען, אַז מ׳האָט דערהרגעט אַ ייד, ער ליגט אין וועלדל, נעבן קיבוץ. מיר זענען צוגעגאַנגען און געזען אַ יידישן הרוג מיט אַ אָפּגעשניטענעם קאָפּ און נעבן אים איז געלעגן אַ ברעטל, אויף וועלכן די מערדער האָבן מיט דעם יידנס בלוט אויפגעשריבן: „יידן קיין פּאַלעסטינע". נעבן דעם קרבן איז געשטאַנען זיין פרוי. זי האָט געיאָמערט: „ווינד איז צו מיינע יאָרן. שמואל משה, ווו לאָזט די מיך איבער. ווי על־עד־זעך איצט אַן עצה געבן מיט דריי שוואַלבן?!" די אלמנה האָט פון זיך געריסן די האָר און מיט די דלאָניעס זיך געקלאַפּט אין קאָפּ. מוראדיק און האַרצרייסנדיק איז געווען איר ספּאַזמאַטיש שרייען. נעבן דער פרוי איז געשטאַנען אַ יונגער־מאַן, וואָס האָט שטילערהייט געזאָגט תהילים און עטלעכע מאָל געגעבן צו פאַרשטיין די אַרומיקע, פאַרטרויערטע יידן, אַז ס׳איז שוין באו מים עד נפש און ס׳איז נישט אַנדערש ווי עקבתא דמשיחא".

דאָס האָב איך זיך דערמאָנט קוקנדיק אויף דער פרוי. איך האָב איר געוואָלט עפּעס פרעגן. זי האָט אָבער נישט אויפגעדעקט איר פּנים, פאַרשטעלט מיטן טאַשנטיכל, און געוויינט.

אין באַן־קופּע איז געוואָרן טומלענדיק. עס זענען אַריינגעקומען עטלעכע פּאַסאַזשירן, געזוכט זיך־פּלעצער. איינער פון זיי, אַן איינפּיסי־קער דייטש, אויף אַ פּראָטעזע, האָט זיך העפלעך פאַרנייגט מיט אַ „גריס־גאָט" און געפרעגט: „איסט היר פריי?" און נישט וואַרטנדיק אויף קיין ענטפער, האָט ער זיך געזעצט נעבן אַ שפּיטאָל־שוועסטער, אָנגעטון אין שוואַרצע בגדים מיט אַ שטייפן, גרויסן, ווייסן הוט. נישט אַרומקוקנדיק זיך אפילו, האָט זי פריי געמאַכט אַן אָרט פאַרן לאָמען און שטילערהייט אַרויסגעשעפּטשעט פון אַ שוואַרץ געבעט־בוך.

„יאַ—יאַ. דאָס איסט איין פאָלק, די יודן" האָט דער לאָמער געזאָגט צו דער שפּיטאָל־שוועסטער, „אימער איסט באַזעצט, איבעראַל זינט די שווינע דאַ".

„אָמען", האָט די שוועסטער פאַרענדיקט איר שטיל געבעט. עטלעכע מאָל האָט זי געשאָקלט מיטן קאָפּ, אַלס באַשטעטיקונג פון דעם לאָמענס רייד.

אין קופּע איז געוואָרן שטיקנדיק־הייס.

דער פּערזאָנען־צוג האָט אָנגעהויבן פאָרן און נאָך עטלעכע מינוט איז ער אויפסניי געבליבן שטיין נעבן אַ קליין דאָרף־וואָקזאַלעכל. ס׳האָבן דאָרט געברענט עטלעכע עלעקטרישע לעמפּלעך, וואָס האָבן אַ ביסל באַלויכטן דעם טונקעלן וואַגאָן. ספּעציעל האָט דער ליכט־שיין באַלויכטן אַ באַמאַלעוועט פּנימל פון אַ ייִנג מיידל, וואָס האָט קאָקעטיש־שמייכל־לענדיק אָבסערווירט אַ ייִדישן, עלעגאַנטן יונגערמאַן. דאָס מיידל האָט זיך געשפּילט מיט אַ בוך אויף אירע קניען און נישט אויפגעהערט דיסקרעט אָבסערווירן דעם יונגן ייִד. אויך ער האָט כסדר געקוקט אויף אירע גע־טאָקטע פּיסלעך, רונדיקע בריסטלעך און בלויע אויגן, וואָס האָבן פון דער טונקלקייט ליידנשאַפטלעך אַרויסגעגליט. מ׳האָט באַמערקט ווי די צוויי יונגע מענטשן גאָרן, זיך צו באַקענען, לעכצן נאָך אַ דערנענטערונג. קיינער פון זיי האָט אָבער נישט געהאַט די דרייסטקייט, אָנצוהויבן אַ געשפּרעך. דאָס אַרישע מיידל האָט אַלעמאָל נערוועז געעפנט דאָס בוך, אַריינגעקוקט און עס ווידער פאַרמאַכט. עטלעכע מאָל האָט זי תאַווהדיק געבליקט אויף זיין געזונט, מענעריש פּנים און אויף די שוואַרצע, געלאָקטע האָר. אירע אויגן זענען וואָס אַמאָל געוואָרן גרעסער, פייערדיקער.

דער יונגערמאַן, זעענדיק איר האַלטונג, אומדרייסטקייט האָט זיך דערפילט זיכערער און זי געפרעגט: „איסט דערלויבט דאָס בוך אָנצו־שאַוען ?”.

„ביטע שען” האָט זי געענפערט, „דאָס בוך איז וויניק אינטע־רעסאַנט. עס זינט געדיכטע”.

„געדיכט־שיטער” האָט ער וויציק געענפערט, „צייגן זי מיר, ביטע, דאָס בוך”.

„ביטע שען” האָט זי שמייכלענדיק געזאָגט, אים דערלאַנגט דאָס בוך און באַמערקט: „דאָס זינד געדיכטע פאָן ריינער מאַריע רילקע”.

„אַ—אַ!!!”, האָט ער אויסגערופן, „דעם שראַבער קען עך דאָך זייער גוט. ער איסט דאָך מיין בעסטער קליענט. וויסן זי, פרייליין, ער שראַבט דאָך קאָלאָסאַל!”

דאָס מיידל וואָס האָט וויניק וואָס פאַרשטאַנען זיינע רייד, האָט

אים אויפגעקלערט, אַז ער מיינט מן הסתם אַ צווייטן פּאָעט, ווייל „ריינער מאַריע רילקע איסט שאָן לאַנגע טאָט״.

די דייטשע פּאַסאַזשירן, וואָס האָבן אויסגעהערט דעם געשפּרעך, האָבן געחוזקט פון דעם יונגנמאַנס „ערודיציע״ ער אָבער האָט זיך ווייניק וואָס געפילט באַליידיקט און איר אויפגעקלערט, אַז ער האָט זיך טאַקע טועה געווען, געמיינט אַ ד״ר בילקע פון אולם, וואָס איז זיין „סטאַלער״ קליענט און שרייבט אין „דאָנאַו־צייטונג״. אויף איר פראַגע מיט וואָס ער האַנדלט, האָט דער פראַנט איר דערציילט — מעגלעך אַז אויס מורא — אַז ער האַנדלט גאָרנישט, נאָר אַרבעט אין ד.פ.־לאַגער אַלס קולטור־לייטער, אַז ער אָרדנט איין קאָנצערטן, פאַרלעזונגען פאַר די „נישט קולטורעלע לויטע, וואָס האָבן אים פיינט פאַר זיינע פּראָגרעסיווע געדאַנקען״.

דאָס מיידל האָט אים נייגעריק אויסגעהערט. וואָס לענגער זיי האָבן געשמועסט, וועגן קינאָ, טעאַטער און ספּאָרט, אַלץ אינטערעסאַנטער איז פאַר זיי געוואָרן דער פלירט. בעת די באַן האָט אָנגעהויבן פאָרן און אין דעם קופּע איז געוואָרן פינצטער, האָבןביידע אָנגעהויבן שמועסן וועגן מסחר, וואַליוטע־פּרייזן און זיך אָפּגעשמועסט, אויסצושטייגן אין אויגסבורג, ווו זיי וועלן בשותפות קויפן דאָלאַרן און אַביסל פאַרברענגען.

פון דעם קופּע זענען אויסגעשטיגן עטלעכע פּאַסאַזשירן. דאָס מיידל מיטן יונגנמאַן האָבן זיך צוזאַמענגעזעצט. ער האָט גענומען איר הענטל אין זיין רעכטער דלאָניע אין מיטן דיקן פינגער געגלעט אירע פינגער, באַוווּנ־דערנדיק אירע שיינע, מאַניקירטע נעגל, וואָס האָבן אַ אידענטישע קאָליר צו אירע באַשמינקטע ליפּן. אויף איר פאַרוווּנדערונג פון וואַנען זעט ער אין דער פינצטער די „פינקטלעכע אידענטישקייט״, האָט ער איר דערקלערט, אַז ער האָט נאָך איר אָבסערווירט אויפן אולמער וואָקזאַל און נאָר צוליב איר איז ער איינגעשטיגן אין דעם וואַגאָן. נאָך דער דערקלערונג, האָט זי זיך נענטער צוגערוקט צו אים. ער האָט גאָר נאָענט צוגעבויגן זיין קאָפּ צו איר פּנים, עפּעס שטיל גערעדט און אומקוקנדיק זיך, צי מען באַמערקט עס נישט, האָט ער איר געגעבן אַ קוש אין די ליפּן. זי האָט אַ צאַפּל געגעבן און זיך פון אים אַביסל אָפּגערוקט, ער האָט איר איבערגעבעטן מיט נאָך אַ קוש. זיי האָבן שטיל גערעדט. מ׳האָט שוין אָבער מער נישט

געהערט וועגן וואָס. — אינדעם האָט מען אָנגעהויבן הערן אַ יידישן געשפּרעך אין דעם שכנותדיקן קופּע. ווו מ׳האָט דיסקוטירט וועגן די יידישע פּאַרעטער אין די געטאָס און ספּעציעל איז געוואָרן אָנגעגריפן דער לאָדזשער געטאָ־פירער, רומקאָווסקי. מ׳האָט זיך דאָרט אויך געאַמ־פּערט וועגן פאַרשידענע פּאַרטיי־שיטות. עס איז געוואָרן טומלדיק. ס׳האָבן זיך דערהערט אויסרופן: „די אויסוווּרפן דאַרף מען עוקר מן השורש זיין״ די רומקאָווסקעס האָבן אונדז געמאַכט אומגליקלעך״ מ׳דאַרף מחרים זיין אַלע, וואָס האָבן צו טון מיט די דייטשן״, „אַ סך פּאַרעטער דרייען זיך נאָך אַרום צווישן אונדז. מ׳דאַרף זיי אויסזוכן און באַשטראָפן״.

הערנדיק דעם שמועס, בין איך אַריין צו זיי. כאָטש אין דעם קופּע, ווי זיי זענען געפאָרן, איז געווען פינצטער, האָב איך אָבער דערזען בלויז יוגנטלעכע. זיי זענען געווען פריילעך, האָפערדיק. אויסער די, וועלכע מ׳האָט פריער געהערט הויך רעדן, האָבן אויך אַנדערע צווישן זיך שטיל געשמועסט וועגן לעבן אין קיבוץ, וועגן עולה זיין קיין ארץ־ישראל און זייערע צוקונפטיקע פּלענער אין לאַנד.

אַ מיידל האָט שטיל אָנגעהויבן זינגען:

„ס׳וועט די מאָרגן־זון באַגילדן אונדז דעם היינט״

אַ מענעריש־קול האָט באַלד צוגעהאָלפן:

„און דער נעכטן וועט פאַרשווינדן מיטן פיינט״

און כמעט די גאַנצע חברה האָט זיך צעזינגען:

„נאָר אויב פאַרזאָמען וועט די זון און דער קאַיאָר

ווי אַ פּאַראָל זאָל גיין דאָס ליד פון דור צו דור.

הירש גליקס פּערזן האָבן אין מיר אָנגערעגט פאַרשידענע מחשבות. כ׳האָב אָבער פון גאָר נישט געוואָלט טראַכטן.

כ׳בין אַרויס אין קאָרידאָר פון דעם פינצטערן וואַגאָן, פון אַ פענצ־טער אַרויסגעקוקט אין דעם אָוונטדיקן דרויסן.

פונעם שוואַרצן וואַלד־געדיכטעניש האָט קוים־קוים אַרויסגעגלאַנצט אַ ברוין לעמפּעלע. ס׳האָט געציטערט אין דער חשכות און צוליבן שנעלן פאָרן פון דער באַן, איז עס אַלעמאָל פאַרשוווּנדן.

זי האט נישט געקענט אויסקלייבן

זי האָט נישט געקענט אויסקלויבן

אויף דער סעדאַן־גאַס איז פאַרבייגעפאָרן אַן אַלט, נידעריק דייטשל, אָנגעטאָן אין אַ לאַנג, שטייף, לעדערן פאַרטוך, וואָס האָט געקלאַפּט אין זיינע קורצע פיסלעך, ווי אַ פאַרזשאַווערט שטיק בלעך. ערנסט און גלייך איז דאָס דייטשל געגאַנגען נעבן זיין ברייט־קאַסטיקן וואָגן, אָנגעפּילט מיט מיסט, וועלכעס ער האָט צונויפגענומען פון די טאָוולענע „אונרא"־פּידי־לעס, וואָס זענען געשטאַנען פאַר די לאַגער הייזער. מיט ברייטע, שוואַרצע, לעדערנע לייטשן האָט ער געפירט זיינע צוויי ברוינע, גרויסע פערד, וואָס האָבן זייערע קעפּ מיט די לאַנגע, שפּיציקע אויערן געהאַלטן אין דער הויך גאַוווהדיק פאַריסן, פונקט ווי זייער באַלעבעסל זיין קעפּל, אָנגעטאָן אין אַ שפּיציק־פאַרמיק מיליטער־היטל.

דורכפאָרנדיק דאָס איינשטאָקיקע, פון דייטשן־באַוווינטע הייזל, צווישן לאַגער און דער גאַס, האָט ער אָפּגעווישט די הענט, אַרויסגענומען פון דער פאַרטוך־קעשענע אַ בריוול און עס אַרויפגעטראָגן צו סאָניע גרינבערג.

„דער הער אַרטור האָט פאַרשפּראָכן פּינקטלעך צו קאָממען", האָט ער צו איר געזאָגט און ווי וואַרטנדיק אויף עפּעס געבליבן שטיין.

„וואָס ווינטשן זי נאָך?" האָט סאָניע געפרעגט.

„מיינע ליבע פראַו זי וויסן דאָך... די גראָססע נאָט...", האָט ער הכנעהדיק־שמייכלענדיק געזאָגט.

סאָניע האָט אים דערלאַנגט צוויי שטיקער ברויט, באַשמירט מיט קאָנסערוון־פלייש און עטלעכע אַמעריקאַנער פּאַפּיראָסן.

„דאַנקע־שען", האָט דאָס דייטשל געזאָגט העפלעך און פאַרנייגנ־דיק זיך עטלעכע מאָל איז ער אַרויס פון איר צימער. אונטער דער טיר,

איז ער געוואָרן כעסיק. די פּאַפּיראָסן האָט ער אַריינגעלייגט אין קעשענע, דאָס ברויט אָוועקגעוואָרפן און געמורטשעט: „יודן־דרעקע".

עטלעכע לאַגער־יידן האָבן נייגעריק נאָכגעקוקט דעם דייטשל, וואָס איז אַרויס פון דער אין לאַגער גוט־באַקאַנטער „אַלטער פאַננע", סאָניע גרינבערג פון ריקע. כמעט אַלע האָבן געוווּסט, אַז זי האָט דריי חתנים און ווייסט נישט מיט וועמען פון זיי חתונה צו האָבן. זינט זי האָט געוווינט אין לאַגער, האָט זי צו באַקאַנטע געטענהט: „חתונה צו האָבן מיז מע זאן אָסטראָזשנע. דעם לאָס צו פאַרבינדן מיט אַ מענטשיזנע, איז נישט קא זוויקלע זאַך". כאָטש איר פאַרשטאָרבענער פאָטער, ווי זי האָט אָפט דערציילט, פלעגט זי וואָרענען נישט צו זיין צו איבערקלייבעריש, ווייל, „ווען מ'קאָן נישט אַריבער, מוז מען אַרונטער", האָט זי אים אָבער נישט געפאָלגט. אין די לעצטע צוואַנציק יאָר וויל זי זיך אַלץ נישט מיט „אַבי וועמען" פאַרבונדן און גלייבט נאָך איר מוטערס טרייסט־ווערטער, אַז „יעדער מענטש ווערט געבוירן מיט זיין זיווג" און „מן הסתם איז נאָך נישט געקומען די ריכטיקע צייט". דערווייל זענען פאַרביי יאָרן נאָך יאָרן. אירע האָר האָבן זיך לאַנגזאַם געגרויט; נעבן די ליפּן און אַרום די אויגן האָט זיך די הויט אָנגעהויבן פאַלדעווען און דאָך איז אַלץ נישט געקומען איר „ריכטיקע צייט" און דער „רעכטער חתן". אפילו אין לאַגער, ווו פרויען זענען געווען ממש אַ יקר־המציאות, איז נאָך אַלץ סאָניע "געזעסן". כאָטש זי האָט דריי בעלנים, האָט זי אָבער כסדר געחקרנט, וועמען פון זיי אויסצוקליבן: צום קליינטשיקן, ברונעטן מרדכילע, דעם מדריך פון „השומר הצעיר", האָט זי זיך נישט געקענט דעצידירן. זי האָט אים געהאַלטן פאַר אַ בטלן, א מלמד. געמיינט, אַז מיט אים וועט איר זיכער אויסקומען זיך צו מוטשען דאָס גאַנצע לעבן ערגעץ אין אַן א"י־דאָרף. — דער 40־יעריקער יצחק פון שטעטל, זאָגט איר אפילו צו מיט־נעמען קיין לאָס־אַנדזשעלאָס, האָט זי אָבער פאַר אים מורא. ער האָט שוין באַגראָבן דריי ווייבער, וואָס האָבן זיך ביי אים אַלע ביטער אָפּגע־פייניקט.

מער פון די צוויי האָט זי נאָענטע געפילן צו דעם בלאָנדן אַרטור, וועלכער איז נישט לאַנג געקומען פון ערגעץ צו פאָרן און לעבט איינזאַם

ביים דייטשל, וואָס פירט מיסט פון די גאַסן. אין אויסזען און אין וווקס איז דער אַרטור כמעט ענלעך צו סאָניען. אפילו אין דער פאַרגאַנגענהייט איז זייער גורל געווען ענלעך. מיט אים האָט זי שוין געהאַט באַשלאָסן חתונה צו האָבן, נאָר בײדע האָבן אָפּגעװאָרט אויף אַ ישוב־הדעת: ענט־וועדער ער זאָל איבערגיין ווײנען אין לאַגער, אָדער זי זאָל זיך איבער־ציען אין שטאָט, אַרויסנעמען אַ „קען־קאַרטע״ אַלס דייטשישע בירגערין. בײדע האָבן נישט געוווּסט צו וועלכן זיך צו אַנטשליסן. מאָדנע: ווען סאָניע האָט זיך געטראָפן מיט איינעם פון די דריי קאַנדידאַטן איז זי גרייט געווען מיט אים חתונה צו האָבן, נאָר ווען זי איז געבליבן אַליין, האָט זי וויטער נישט געוווּסט, וועמען אויסצוקלויבן.

אין דעם זעלבן פרימאָרגן, וואָס סאָניע האָט באַקומען אַ בריוול פון אַרטורן, האָט זי נערוועאיש אָפּגעװאָרט איר חתן־קאַנדידאַט, יצחק, פון איר געבוירן־שטעטל ריקע. אומגעדולדיק האָט זי געוואַרט אַ שעה, צוויי שעה און ער איז אַלץ נישט געקומען. סאָניע האָט אַ קוק געטאָן אויפן האַנט־זייגערל און זיך געוווּנדערט: „אַך מאַי באָזשע קאָכאַני, עס איז שוין באַלד צוועלף.״ זי איז צוגעגאַנגען צום פעלד־בעטל, זיך איינ־געקוקט אין שפּיגעלע, וואָס איז געהאָנגען אויפן ברוינעם ווענטל, באַהאָנ־גען מיט פאָטאָ־בילדער פון באַקאַנטע פילם־אַרטיסטן. פאַריכטנדיק אירע לאָקן, האָט זי באַוווּנדערט די נאָר וואָס געמאַכטע וואָדנע־אַנדולאַציע און פריש־מאַניקירטע רויטע נעגל. „ווי אַזוי אַ מענטש קאָן זיך פאַר־ענדערן״, האָט זי געטראַכט, „היינט אַ יאָר געשטאַנען אין „זאַגאַט־זערנאָ״ אין אסא. דעם קאָפּ פאַרהילט אין אַ פלאַטאַק אין מיט שמוציקע הענט געשיט תבואה אין זעק״ מיט אירע פינגער האָט זי לייכט מאַסירט דעם אָביסל צעקנייטשטן שטערן, די גלאַנציקע וויעס, באַהאַלטן די גרוילעכע האָר צווישן די שוואַרצע, וועלנדיק פאַרווישן אַלע סימנים פון אירע שווע־רע, אָפּגעלעבטע 42 יאָר און די אַזויפיל שלאָפלאָזע און איינזאַמע נעכט.

אומגעריכט איז גאָר אַריינגעקומען מרדכי. זיינע אַביסל גרוילעכע האָר זענען געווען צעפּאַטלט. דאָס גרינע העמדל נישט ריכטיק פאַר־קנעפּלט אין די געהעריקע לעכלעך, איין הויז איז געווען אַריינגעשטעקט אין אַ שקאַרפּעט און דער צווייטער הויז איבערן שקאַרפּעט. זיינע אויגן

האָבן געלויכטן. „שרהלע", האָט ער לאַכנדיק אויסגערופן, „אונדזער קיבוץ האָט באַקומען פיר ערטער. אונדז ביידע האָט דער מזכירות באַשטעטיקט. די ידיעה איז געקומען טעלעפאָניש. אין פינף טעג אַרום זענען מיר עולה. מאַך זיך גרייט שרהלע".

„אַזוי שנעל? וואָס ברענט עס אַזוי ביי זיי? אפשר וואָלטן מיר אָפּגעלייגט דאָס פאָרן מיט דער צווייטער פּאַרטיע?" האָט זי זיך געבעטן.

„וואָס הייסט אָפּלייגן? שרה, כ'פאַרשטיי דיך גאָר נישט. דאָס באַשטעטיקן קאָסט מיך כוח און געזונט. איך בין גליקלעך פון דער ידיעה און דו רעדסט גאָר — — — מיר מוזן פאָרן. מ'קאָן נישט אָפּלייגן. מאַך זיך גרייט. איך מוז אַוועק. 1.30 אַ זייגער טרעפן מיר זיך. איך מוז אַוועק אויף אַ ישיבה. להתראות!"

טראָץ דעם וואָס פאַר מרדכי'ן איז געווען מאָדנע איר האַלטונג און אַרט אויפנעמען די ידיעה, האָט ער מער מיט איר נישט געקענט רעדן און האָט שנעל געמוזט אַוועק אויף דער דרינגענדער זיצונג פון פּאַרטיי־קאָמיטעט, אין וועלכן ער איז געווען אַן אַקטיווער מיטגליד. סאָניעס האַלטונג האָט אים אָבער אָנגערעגט צו טראַכטן וועגן איר גאַנץ נעגאַטיוו. אויך שרה, האָט נאָך זיין אַוועקגיין אַ סך געטראַכט וועגן אים. זיינע ווערטער „מאַך זיך גרייט" האָבן איר געעגבערט דעם מוח, צעטומלט: „ווי שנעל ער האָט דאָס דערליידיקט!", האָט זי צו זיך גערעדט און גע־פּשטלט: זאָל זי אַוועקפאָרן מיט מרדכין צו אַזאַ שווער לעבן? און אַרטור? און יצחק? זאָל זי פון זיי אינגאַנצן רעזיגנירן? דאָס, וואָס יצחק האָט זיך פאַרשפּעטיקט האָט איר נאָך מער דענערווירט: „שוין באַלד צוועלף און ער איז נאָך נישטאָ". ס'האָט איר פאַרדראָסן זיין גרינגשעצונג און לייכטזיניקייט און נאָך דערצו מוז זי באַלד אַוועק צו אַרטורן, וואָס האָט איר געשיקט אַ בריוול מיט זיין הויזווירט, דעם מיסט־פּירער, און געבעטן אַ דרינגענדע באַגעגעניש, ווייל ער דאַרף איר נייטיק האָבן.

ווי תמיד האָט סאָניע נישט געוווסט וואָס צו טאָן: אַוועקגיין אויף דער באַגעגעניש צו אַרטורן, וועט זיך יצחק באַליידיקן: „זינט ער איז געוואָרן אַן אונראַ־אָפיציר, איז ער זייער פילבאַר געוואָרן, באַליידיקט זיך לייכט", האָט זי געטראַכט, וואַרטן אויף אים האָט נישט קיין

זינען. ער קען קומען אין צוויי שעה אַרום און אַרטור וועט נישט וויסן, וואָס עס האָט פּאַסירט מיט איר. סאָניע האָט נישט געוווּסט וואָס צו טאָן: אַוועקגיין אָדער בלייבן. זי האָט זיך נישט געקענט דעצידירן, ווייל אויף קיינעם פון זיי האָט זי דערווייל נאָך נישט געוואָלט מוותר זיין.

נאָך איינס איז געקומען דער הויכער יצחק.

„סאָניעלע, זיי נישט בייז. מיין נישט, אַז כ'האָב געמוטלט. גוטע דריי שעה בין איך געשטאַנען אין סוכנות" האָט ער אָנגעהויבן אויפקלערן די סיבה פון זיין פאַרשפּעטיקונג, דרייענדיק זיך נערוועז איבערן צימערל. „טאַקע ריכטיק אַז מיר דאַרפן פאָרן קיין אַמעריקע", האָט ער איר לייכט געגלעט איבערן קעפּל, „אָבער ווייסט נישט, טאָמער קאָן מען אַהין נישט פאָרן, איז נישט שלעכט צו זיין פאַרשריבן קיין פּאַלעסטינע אויך. קיין געלט קאָסט עס נישט. ווייסט, סאָניעלע, אין סוכנות זיך געטראָפן מיט שלמהלע פּראָצענטניק. מעגסט זען, וואָס פאַרא מאַכער ער איז דאָס געוואָרן. ער וויל מיך אַריינדרייען אין רעגיאָנאַל־קאָמיטעט, ווו מ'שאַרט שטיקער גאָלד. ער וויל מיט מיר אויך גרינדן אַ לאַנדסמאַנשאַפט. יידן זענען אין דייטשלאַנד דערפון געוואָרן מיליאָנערן".

„מ'שאַרט גאָלד! מ'מאַכט מיליאָנען!", האָט סאָניע געחוזקט און געוואָלט וויסן פּרטים וועגן די רייזע־מעגלעכקייטן קיין אַמעריקע און פאַרוואָס ער מיינט, אַז מ'וועט נישט קענען דאָרט אַהין פאָרן. יצחק האָט אָבער אויסגעמיטן צו רעדן וועגן זיינע שוועריקייטן צו באַקומען די עפידעווידס קיין אַמעריקע און איר ווידער דערציילט וועגן די לאַנדס־מאַנשאַפטן אין דייטשלאַנד: „די גאַנצע שטאָט שטייט אויף זיין קאָפּ. אויף אַלע חתונות וויל ער טאַנצן", האָט סאָניע שטיל געחוזקט און צו אים געזאָגט, אַז זי מוז אַוועק, זי האָט צו „זאַלאַטוויען" אַ וואזשנעם ענין.

יצחק האָט איר נאָך געוואָלט דערציילן מעשיות וועגן די גרויסע גליקן פון די לאַנדסמאַנשאַפט־פירער. סאָניע האָט אים אָבער געשטערט, זאָגנדיק: „אוי דער קאָפּ טוט מיר שוין וויי פון דיינע געשעפטן. איך מוז יעצט שוין אַוועק". זי האָט זיך אָנגעטאָן דעם מאַנטל.

„סאָניעלע", האָט ער צופרידן אויסגערופן, „דו זעסט אויס אין

דעם נ.עם מאַנטל ווי אַ עכטע ניעמקע. אויך איך, זאָגט מען, זע אויס אין דעם אונראַ־אוניפאָרם, ווי אַן עכטער אַמעריקאַנער, נישט אַזוי?״.

סאָניע האָט אים גאָרנישט געענטפערט, זי איז אַרויס אויף דער גאַס, ווי זי האָט יצחקן אָפּגעזעגנט. אַוועקגייענדיק פון אים האָט זי גערעדט צו זיך: „ווי איינער איז צו זיבן, איז ער צו זיבעציק. שטענדיק געווען אַ דריי־קאָפּ. אויך איצט קרענטשעט ער אַ גיטאַרע. מיט לאָס־אַנ־דזשעלאָס, מוז שוין זיין אַ בוידעם״.

סאָניע איז שנעל אַוועק צום באַשטימטן אָרט, זיך צו טרעפן מיט אַרטורן, דעם דייטש־שן ייד, וואָס וווינט ביים דייטשישן מיסט־פירער. צוקומענדיק צום אָרט, האָט זי אים אָבער שוין נישט געטראָפן: זי האָט פאַרשפּעטיקט. נערוועז האָט זי געזוכט אין אַלע זייטן און נישט געפינענ־דיק אים, האָבן אירע אויגן זיך צעגלאַנצט מיט טרערן. דאָס וואָס אַרטור האָט אויף איר נישט געוואַרט, האָט זי טיף באַליידיקט. דרייענדיק זיך צווישן אַ סך אַדורכגייענדיקע מענטשן, האָט זי אָנגעהויבן טראַכטן וועגן מרדכי׳ן: באַלד דאַרף זי זיך זען מיט אים, באַשטימען איר גורל: זאָל זי טאַקע אַוועקפאָרן מיט אים קיין ארץ? זי האָט נישט געהאַט קיין כוח צו באַשליסן, נישט געוווּסט וואָס צו טון: וואַרטן נאָך אַ ווייל? אפשר וועט פאַרט אַרטור צוקומען? אָדער זאָל זי אַוועקגיין? בלית־ברירה האָט זי באַשלאָסן צו גיין צו מרדכי׳ן, ווייל טאָמער וועט זי אויך אים נישט טרעפן. אַוועקגייענדיק האָט זי אַ סך נאָכגעטראַכט וועגן איר מצב און וועגן אירע דריי חתנים־קאַנדידאַטן, מיט וועלכע איר איז שווער צו דע־צידירן חתונה צו האָבן.

אויפן וועג האָט איר געגומען דערקוטשען איר אַלטער מיחש אויף גאַל־שטיינער. זי איז שנעל אַוועק אַ היים, זיך אַוועקגעלייגט אויפן פעלד־בעטל און הויך געשריגן. הערנדיק אירע קולות, זענען אַריינגעקומען שכנים. מ׳האָט אַרויסגערופן דעם דאָקטאָר, וואָס האָט איר אָפּגעשיקט אין שטאָטישן שפּיטאָל.

סאָניע גרינבערג פון ריקע איז מער נישט אַהיימגעקומען פון שפּיטאָל און האָט זיך מער נישט געזען מיט אירע דריי „חתנים״.

דאנאו - באסטיאן

דאנאו-באסטיאן

אויפן ברייטן ביסמאַרק־פּלאַץ, וואָס געפינט זיך אין צענטער פון דער שטאָט אולם, מערקן זיך אַרויס צוויי אַלטע, אייגנאַרטיק־געבויטע הייזער: די טונקעלע מאַרטין־לוטער־קירכע מיט אַ סך טורעמס און טורעמלעך און דאָס ראָז־באַוויסטע, קיילעכיקע וואַגנער־טעאַטערל.

אין דעם געבעט־הויז ווערט, ווי דער שטייגער, געפּרעדיקט די תורה וועגן פעלקער־„פרידן", מענטשן־„ליבע" און נאָך אַ סך שיינע זאַכן וועגן דעם „הימלישן קעניגרייך". אין דעם רונדיקן פאַרוויילונגס־הייזל דאַקעגן שפּילט מען יעדן טאָג פאַרשידענע טעאַטער־שטיק, וואָס שרייבער האָבן אויסגעטראַכט און אַזוי פּראַכטפול באַשריבן: דעם אייביק־טראַגישן און קאָמישן געראַנגל צווישן מאַן און ווייב, פראַגמענטן פון פעלקער־מלחמות, קלאַסן־אויפשטאַנדן און דער עיקר די וועג־זוכענישן פון קלוגע מענטשן, וואָס ווייסן אַלץ, ווי אַזוי אָפּצולעבן דאָס ביסל יאָרן אויף אונדזער זינדיק וועלטל.

נעבן די אַ אויסבעסערונגס־און געשעפטס־הייזער, ווי אַרטיסטיש־פעיקע קרעמער פון „מאַראַל" און געפיל־ווערטער האַלטן אין איין לערנען די דייטשן, אַז מ'דאַרף לעבן קולטורעל, עטיש און געזעצלעך, האָט די אונרא איינגעאָרדנט אַ יידישן ד. פּ. לאַגער, אין דער געוועזענער מיליטער קאַסערנע: „דאנאו־באַסטיאָן" — די אַמעריקאַנער אונראַ־לייטונג האָט דעם לאַגער געגעבן אַ נאָמען: „דע־פּי קעמפּ 676".

דער „דאנאו־באַסטיאָן" מיט זיינע אַלטע, טונקל־שטיינערדיקע תפיסה־פאָרמיקע הייזער, וואָס שטייען אויפן באַרגיקן דאַנאו־ברעג איז געווען גוט באַוווּסט אין גאַנצן דייטשישן רייך. די מיליטערישע קאַסערנע איז נישט חס ושלום פּאָפּולער געוואָרן מחמת די אַמעריקאַנער אונראַ האָט

דאָרט צייטווייליק איינלאָקירט 450 שארית־הפליטה־יידן, וואָס זענען צו־פעליק געבליבן לעבן אין די פאַרניכטונגס־לאַגערן. נאָך אַ סך יאָרן פאַר דעם צווייטן וועלט־קריג איז דער „דאנאו־באַסטיאָן" גוט באַקאַנט געווען, אַלס גאָר וויכטיקע מיליטערישע פעסטונג. אולמער דייטשן פלעגן דער־ציילן, אַז בלויז די גאָר געטרייעסטע, אויסדערוויילטע פון דער דייטשי־שער ווער־מאַכט האָבן געוווסט, אַז אין די נידעריקע קאַזאַרמעס מיט די ספּעציעל איינגעריכטעטע גרויסע קעלערן און היילן איז געווען באַהאַלטן סודותדיקע מלחמה־מכשירים. די אַ כלים האָבן דאָס געדאַרפט פאַרזיכערן דעם „פרידן" פון די מכלומרשט אייביק באַדראָטע און באַעוולטע דייטשן. די קאַסערנע מיטן סודיתדיקן געווער און זייערע מומחים, זענען געווען איינע פון די גרעסטע געווער־אוצרות אין דייטשלאַנד — דער שטאָלץ פון דער היטלער־מאַכט, וואָס האָט געוואָרפן פחד און אימה אויף אַלע שכנותדי־קע מלוכהלעך און אפילו באַאומרויקט די גרויסע אימפעריעס. שפּעטער, ווען די אַמעריקאַנער אַרמיי האָט באַזעצט די פעסטונג און מ'האָט די קאַסערנע פאַרוואַנדלט אין אַ יידישן דעפּי־לאַגער, האָבן די זעלבע אולמער דייטשן דערציילט אַנדערע לעגענדעס: אַזוי ווי די אַמעריקאַנער אָקופּאַציע־מאַכט איז באַאיינפלוסט פון דעם יידישן קאַפּיטאַל, האָבן זיי שטילערהייט דער־לויבט דאָרט אויסצושולן „מיליטערישע ציוניסטן", וואָס דאַרפן דינען אַלס פּאָליטיש־סודותדיק־געווער קעגן דער אולמער דייטשישער באַפעלקע־רונג און אויך קעגן אַמעריקעס כלומרשטן „פריינד" — ענגלאַנד...

אין די ערשטע צייטן האָבן מיר לגמרי נישט פאַרשטאַנען דעם לאָגישן צוזאַמענהאַנג פון אַזאַ פאַרדאַכט. באַקענענדיק זיך אָבער נענטער מיט די אָרטיקע דייטשן, האָבן מיר שוין תופס געווען, אַז זיי האָבן געהאַט אַ לאָגישן גרונט צו זיין פאַרדראָסיק אויף די ענגלענדער, פאַר וואָס זיי שטערן די יידישע דעפּיס איינצוואַנדערן קיין ארץ ישראל. זיי האָבן אויך פאַקטיש מורא געהאַט פאַר די "אויסלענדישע יידן", אַז זיי וועלן נקמה נעמען אין די דייטשן, וואָס האָבן דערמאָרדעט אַ דריטל פון דעם יידישן פאָלק. פאַקטיש האָבן זיי געדאַרפט מורא האָבן: די שארית־הפליטה־יידן זענען דאָך געווען די לעבעדיקע עדות, וואָס האָבן מיטגעמאַכט דעם שוידערלעכן גיהנום, געזען דעם גאַנצן באַנדיטיזם פון די דייטשן. דאָס

איז געװען די הויפּט־סיבה, װאָס די ייִדן אין אולם, װי די ייִדן אין אַנדערע דײַטשישע שטעט, האָבן געװאָרפן אַ טויט־פּחד אויף דער דײַטשישער באַפעלקערונג. — זײ האָבן כּסדר געלעבט אין שרעק: אָט־אָט װעט מען זײ באַפאַלן און מיט כּוח צונעמען זײער אַנגערויבט האָב און גוטס.

די אולמער דײַטשן האָבן באַזונדערס מורא געהאַט פאַר די ייִדן אין „דאַנאַו־באַסטיאָן”. װעגן דעם דעפּי־לאַגער האָבן די דײַטשן דער־ציילט אַ סך לעגענדעס. — דער סודותדיקער שלײַער װאָס האָט פאַר דער מלחמה פאַרהילט די קאַסערנע, האָט אויך שפּעטער גורם געװען צוצו־טראַכטן פאַרשידענע פאַנטאַסטישע מעשׂיות, װאָס האָבן פאַרגעשטעלט די דאָרט־װױנענדיקע ייִדן פאַר די געפערלעכסטע. פאַקטיש איז דער דאַנאַו־באַסטיאָן געװען דער שטילער לאַגער אין אולם. דאָרט האָט גע־װױנט די גרעסטע אָרעמקייט, װאָס האָט געלעבט אין אויסערגעװײנלעך שלעכטע באַדינגונגען.

ב

בעת איך בין דאָס ערשטע מאָל, אין אַ זונטיק־טאָג אין יום טוב שבועות, צוגעקומען צו דעם גרויסן טויער פון דעם דעפּי־קעמפּ און געזען די מאָדנע הײַזער, דאָס װאַך־בודקעלע מיטן ייִדישן אונראַ־פּאָליציסט, האָב איך געהאַט דעם אײַנדרוק אַז דאָס איז אַ תּפיסה. כ׳האָב נישט געהאַט קיין גרויס חשק אַרײַנצוגיין. דער נײַגיר אָבער האָט מיך אַרײַנגעלאָקט.

אויפן לאַנגן, ברייטן און שלעכט־אַספאַלטירטן הויף, האָב איך נישט געטראָפן קיין איין ייִד. ס׳איז געװען שטיל. — אפילו די לײַכטע פּרנסה־מאַכערס און היציקע פּאַרטײ־אַגיטאַטאָרן, װאָס האָבן אין אַלע ייִדישע ד. פּ.־לאַגערן געמאַכט אַ גרויסן טומל, האָבן אויך גערוט. אַן אויסטערלישן אײַנדרוק האָבן געמאַכט די נידעריקע הײַזלעך מיט די גאָר קלײנטשיקע פענצטערלעך, װאָס זענען געװען טיף אַרײַנגעזעצט אין די פון קוילן דורכ־געשאָסענע מויערן.

כ׳בין אַרײַן אין אַ קאָרידאָר פון אַזאַ הויז. עס איז מיר טונקל גע־

וואָרן פאַר די אויגן און קאַלט אין די אברים. כאָטש אינדרויסן איז געווען מחיהדיק, וואַרעם, איז דאָ געווען פינצטער און קאַלט. די דיקע און פענצטערדיקע מויערן האָבן נישט אַדורכגעלאָזט די זון־וואַרעמקייט און ליכטיקייט, — אין דעם לאַנגן קאָרידאָר איז בלויז אין סאַמע עק געווען אַ קליינטשיק פענצטערל. דער פינצטערער קאָרידאָר איז געווען קנאַפּ באַ־לויכטן פון קליינע עלעקטערישע לעמפּלעך, וואָס האָבן געהאָנגען אויף די האַלב רונדיקע בעטאָנענע סופיטן. ס׳האָט דאָ אויסגעזען ווי אַ קוילן־שאַכט. אינאָנהויב האָב איך נישט געגלויבט אַז דאָ וווינט ווער. דערפילנ־דיק אָבער דעם ריח פון געריישטע מאכלים און הערנדיק מענטשלעכע קולות, האָב איך זיך באַרויקט. כ׳בין אַריין אין אַ צימער. דאָרט האָבן געוווינט עטלעכע משפחות: ניין דערוואַקסענע און עלף קינדער. די דער־וואַקסענע זענען געווען ביים דאַווענען. אין שטיבל זענען פאַרבליבן די קינדער, וואָס האָבן געוויינט פון די וויגן; איין יונגע פרוי, וואָס האָט גע־זויגט אַ קינד און אַן אַלטער גרייז־גרויער מאַן, פאַרהילט אין אַ טלית, איז געזעסן אין בעט, נעבן אַן אָפן פענצטער. דער קראַנקער זקן האָט געהאַלטן אַן אויפגעמישט מחזור און געדאַוונט בציבור מיט די מתפללים פון דער לאַגער שול, וואָס האָט זיך גראָד געפינען אַנטקעגן דעם פענצטער. אַלע־מאָל האָט זיך דער אַלטיטשקער פאַרהוסט, מיט דער האַנט זיך צוגעהאַלטן דעם ברוסט־קאַסטן, אויסגעשפּיגען אין אַ קאָנסערוון־פושקאַלע און שטאַרק געזיפצט. די פרוי מיטן זויגענדיקן קינד איז געזעסן אויף אַ בעטל נעבן אַלטן. עטלעכע מאָל האָט זי געפּרוווט אַרויסרייסן די ברוסט־וואָרצל פון דעם קינדס מיילעכל און נישט געקענט. „שמאָטשקעט און שמאָטשקעט, נאָגט מיר אויס די נשמה, נאָגט ער מיר״ האָט זי זיך פאַרקלאָגט, „אַ פאַ־זשאָנדעק דאָס איז, מ׳נעמט סוכאָטניקעס און מ׳זעצט זיי אַריין צוזאַמען מיט זויגעוודיקע קינדער״. דער אַלטער, הערנדיק אירע טענות האָט זיך געווישט די טרערן פון די אויגן און שטיל געבעטן „מלך רחמן, רחם עלינו״...

איך האָב באַזוכט נאָך עטלעכע צימערלעך. אומעטום אַ סך בעטן, וויגעלעך, וויינענדיקע קינדערלעך, קראַנקע און פאַראַליזירטע. אין טייל שטובן האָט מען פונקט געגעסן די יום־טוב־מאָלצייטן: ברויט מיט פיש־קאָנסערוון, פאַריישטע גריצן מיט פיצלעך קאָנסערוון־פלייש. זעלטן־ווו

איז געווען, צווישן די בעטלעך, אַ ליידיק שטיקל אָרט, ווו ס׳איז געשטאַנען אַ בשותפותדיק טישל, אויף וועלכן די שכנים האָבן געפּראַוועט די יום־טוב־סעודה. אין די מערסטע צימערלעך האָבן די היימלאָזע געגעסן אויף די קניען אָדער אויף וואַליזקעס.

אַדורכגייענדיק דעם לאַנגן קאָרידאָר, בין איך צוגעקומען צו דעם איינציקן, קליינעם פענצטערל, אין עק קאָרידאָר. איך האָב געכאַפּט אַ בליק אויף דעם זוניק־צעשטראַלטן דרויסן און אויף דעם רויק פליסנדיקן דאַנאַו. אַרויסקוקנדיק אויף דער גאַס, האָב איך געזען אויסגעפּוצטע דייטשן און דייטשקעס מיט זייערע קינדער זענען אַרויסגעגאַנגען פון דער מאַרטין־לו־טער־קירכע, מיט פריילעכע יום־טובדיקע פּנימער. אַ טייל פון זיי זענען אַריין אין דעם וואַגנער־טעאַטערל, ווו ס׳איז פאָרגעקומען אַ פרימאָרגן־קאָנצערט פון געזאַנג און טענץ אויף תהילים־מאָטיוון. אַנדערע האָבן סתם שפּאַצירט, זיך פריילעך אונטערהאַלטן מיט די עלעגאַנטע דאַמען.

צווישן די דייטשישע שפּאַצירער האָב איך דערקענט אייניקע יידישע יונגעלייטלעך, וואָס האָבן געאַרבעט אין אַמעריקאַנער אַמטן. זיי זענען גע־גאַנגען מיט דייטשישע מיידלעך מיט וועלכע זיי האָבן געפלירטעוועט.

אָבער וועגן זיי וויל איך נישט שרייבן —

אָט אַ די אַרט „יידן“ האָבן מיר געהאַסט ווי דעם טויט און געהאַלטן זיך פון זיי פונדערווייטנס, ווי פון פאָלקס־בוגדים.

בליידארן - קאסערנע

בליידאַרן־קאַסערנע

ניִשט יעדער ייד, וואָס האָט געוווינט אין די אוֹלמער קאַסערנע־מויערן האָט געוווּסט ווי עס געפינען זיך אַלע זעקס יידישע ד.פּ.־לאַגערן אין דער האַלב־חרובער שטאָט. נאָך ווייניקער באַקאַנט זענען געווען די קליינע ד. פּ.־לאַגערן אין דער אומגעגנט. פאַר דעם אָבער האָבן אַלע שטאָט־ און לאַגער־איינוווינער גוט געקענט די „בליידאַרן־קאַסערנע".

בעת כ'בין ס'ע׳רשטע מאָל געקומען קיין אולם און געוואָלט וויסן ווי עס זענען די יידישע ד. פּ.־לאַגערן, האָבן ניִשט אַלע געפרעגטע מיך ריכטיק אינפאָרמירט. כ'האָב דעמאָלט אַרומגעזוכט, געפרעגט צענטליקער יידן, ביז ס'האָט ווער געוווּסט מיר צו זאָגן, ווו זיי געפינען זיך. גאַנץ אַנדערש איז געווען ווען כ'האָב זיך געפרעגט אויף דער בליידאַרן קאַ־סערנע. דער ערשטער ייד, וואָס כ'האָב באַגעגנט ביי דער באַן און אים געפרעגט ווו עס איז די קאַסערנע, האָט מיר באַלד געענטפערט: „פאָרט־צו מיטן פירער, פרעגט זיך אויף דער רוימער־שטראַסע און דאָרט וועט איר שוין טרעפן". דעם ייד האָב איך טאַקע געפאָלגט, אָבער זייענדיק שוין אויף דער רוימער־שטראַסע, ווו כ'האָב ניִשט באַגעגנט קיין איין ייד, האָב איך אָן ווייטערדיקע אָנווייזונגען ניִשט געטראָפן צו דעם לאַגער. פרעגנדיק אַ פאַרבייגייענדיקן דייטש, האָט ער מיך, קודם, אָנגעקוקט מיט חשד, אַ ווײַלע געשוויגן און גאַנץ רויק דערקלערט:

„יאַוואָל, מיין ליבער הער. געען זי מאַל רעכטס, קעל, מיט דער רוימער־שראַססע. נאַכהער געען זי לינקס, קעל, אונד דאַן קאָמט עס. יאַ־אַ־אַ, האָבן זי מיך פאַרשטאַנען?"

איך בין געגאַנגען לויט דעם דייטש אָנווייזונגען און יעדעס מאָל, ווען כ'האָב זיך נאָר איבערגעפרעגט, האָבן אַלע, קינד און קייט, גוט

געוווסט ווו עס געפינט זיך די אַלעמען באַקאַנטע בליידאַרן־קאַסערנע. פאַר וואָס די קאַסערנע איז אַזוי פּאָפּולער געווען אין אולם האָב איך זיך שפּעטער דערוווסט: דאָרט האָט זיך געפונען אַ גאַר גרויסער טעאַטער־זאַל, וואָס האָט פונדערווייטנס אויסגעזען ווי אַ פּשוטע האַלע. פאַקטיש איז אין דעם „לעבעדיקן" הייזל, ווו טייל האָבן עס גערופן, געווען דער שטאָטישער באַזאַר פון אַלערליי נאָכמלחמהדיקע „קינסטלערישע" און „רעטאָרישע" וואָרט־סחורות: רעדעס פון יעהאָוועס אַגענטן, אָפּהאַנדלונגען וועגן מאַרקס, לענין און „פילאָזאָפיש־ווּיסנשאַפטלעך"־באַגרינדעטע פאַר־טראַגן וועגן דעם ציטווּיליק־אונטערדריקטן דייטשיש־נאַציאָנאַליסטישן „גייסט".

אין דעם זאַל זענען אויך פאָרגעקומען ערזאַץ־פאָרשטעלונגען פון אַרויסגעשטויסענע און נישט אָנערקענטע אַקטיאָרן: געוועזענע און שוין אויסגעלאָשענע טעאַטער־שטערנס, וואָס זענען דאָ, צוזאַמען מיט רעשטלעך פון דער דייטשישער אַרמיי, אַהערגעלאָפן פון די מזרח אייראָפּעישע לענ־דער, ווו זיי האָבן, אין דער מלחמה־צייט, געדינט די נאַציס. ס'האָבן אויך דאָרט גאַסטראָלירט דייטשישע שלימזלדיקע וואַנדער־טרופּעס, וואָס האָבן, צוליב פּאָליטישע סיבות, נישט באַקומען פון דער אַמעריקאַנער מיליטער־מאַכט קיין ליצענצן צו שפּילן טעאַטער און האָבן געמוזט אַרומפאָרן אין דער אַמעריקאַנער זאָנע מיט זייערע שונד־פּראָגראַמען. די אַ זינגנדיקע און טאַנצנדיקע רעווי־אַנסאַמבלען מיט געוועזענע קאַבאַרעט־פּרימאַדאָנעס, האָבן אָפּטמאָל געהאַט דוקא גרויס דערפאָלג, צוליב די טענץ פון די כמעט נאַ־קעטע מיידלעך, וואָס האָבן גערייצט די עראָטישע אינסטינקטן פון דעם שטאָטישן המון. פון צייט צו צייט האָט מען זיך דאָ אויך געקאָנט קוויקן מיט די „ווירטואָזע" מוזיק־קאָנצערטן: אויסגעשפּילט פון באַר־מוזיקאַנטן, וואָס האָבן די טאַנגאָס און פאָקסטראָטן קונציק אויסגעבלאָזן פון סאַקסעפּאָנען, געלע טראָמפּייטערס, באַגלייט מיט הויך־קלינגענדיקע געלע טאַצן און אַ געקלאַפּערײ פון גאָר גרויסע פויקן. זייער זעלטן זענען דאָרט אויך אויפ־געטרעטן אַלטע, וואַנדער־מוזיקער, וואָס האָבן נישט דערגרייכט זייערע אויסגעחלומטע קאַריערעס.

אויסער אויף די פאָרלעזונגען און די מוזיק־קאָנצערטן, איז זעלטן

ווען פאַרגעקומען אַ טעאַטער־פאַרשטעלונג אויף וועלכער עס זאָלן נישט אויספאַרקויפט ווערן אַלע פלעצער. וואָס געשמאַקלאָזער און פּאַרנאָגראַפישער עס זענען געווען די אויסגעפירטע נומערן, אַלץ אַ גרעסער פובליקום האָט געשטראָמט צו דער טעאַטער־קאַסע.

אין דעם לאַנגן און נידעריקן זאַל האָבן געקענט אַריין אַן ערך טויזנט מאַן. דריי נידעריקע ווענט מיטן האַלב רונדיקן סופיט, פון וואַנען ס'האָבן אַראָפּגעהאָנגען זיבן מילך־ווייסע, עלעקטערישע לעמפּ, זענען גע־ווען גרוי־קאָליריק. די פערטע וואַנט ווו ס'איז געווען די בינע, פאַרהאָנגען מיט אַ בלויען פאַרהאַנג, איז געווען ברוין געפאַרבט. איןביידע בינע־זייטן און פון אויבן איז געווען אויפגעשריבן, אויף ענגליש, עטלעכע תנ"ך־פסוקים און דעמאָקראַטישע לאָזונגען, מיט וועלכע די שטאַט־מאַכט האָט געוואָלט איבערדערציען די אַלע דעגענעראַטן — די אָפּטע „קונסט"־קאָנ־סומענטן.

אַ טיפּש דייטשל איז געווען דער זאַל־אויפזעער און אויך דער רעפלעקטאָרן־דרייער. דאָס איז געווען אַ נידעריק און שטיל מענטשל מיט אַ בלאַס פנימל און קליינטשיקע ברוינע אייגעלעך, וואָס האָבן זיך מאָדנע שנעל געדרייט, געטוישט די בליקן, פונקט ווי די אויגן פון די ברענענדע בינע־רעפלעקטאָרן. אָבסערווירנדיק זיין אַרבעט, האָט מען איינ־געזען, אַז דאָס דייטשל איז אַן אַלטער, געניטער און פעיקער רעפלעק־טאָרן־דרייער. ער האָט געגוי געוווסט, ווען און וויאַזוי צו באַלייכטן די שוי־שפילער. ער האָט מן הסתם געמוזט קענען פון אויסנווייניק אַלע געשפּילטע טעאַטער־שטיק און אויטאָמאַטיש געטוישט די קאָלירטע ליכט־עפעקטן. אויב ס'האָט אַמאָל פּאַסירט, אַז דאָס מייסטערל האָט זיך טועה געווען צו באַ־לויכטן מיט דעם געהעריקן ליכט־עפעקט אַ געוויסע סצענע אָדער די שפּילער און טענצערינס, האָט ער תמיד זיך שנעל געכאַפּט אויף זיין פעלער און מניה וביה איבערגעטוישט דאָס ליכט־קאָליר: פון טונקל איז באַלד געוואָרן רויט און פון העלער ליכטיקייט איז געוואָרן אָוונטדיקע טונקלקייט. די רעפלעקטאָרישע כשוף־אויגן זענען געווען דייטשיש גע־האָרכזאַם און שנעל געטוישט זייערע בליקן, געגוי לויטן ווילן פון זייער באַלעבאָס. דאָס אַ רעפלעקטאָרן־דרייערל איז גאָר באַליבט געווען ביים

פובליקום, וואָס האָט אין די טויזנטער באַזוכט דאָס טעאַטערל, צוליב די פּאָרנאָגראַפישע נומערן און די אויפטריטן פון די כמעט נאַקעטע מיידלעך.

צוליב אָ דעם טעאַטער־זאַל איז די בליידאָרן־קאַסערנע געווען גוט באַקאַנט אין דער האַלב ווירטנבערגער און האַלב ביירישער שטאָט אולם.

אָבער אַז אין דער קאַסערנע איז אויך געווען אַ יידיש־רעליגיעזער אינטערנאַט פאַר 200 יתומים, וועמענס עלטערן די דייטשן האָבן דער־מאָרדעט — איז נישט געווען באַקאַנט.

דער אינטערנאַט האָט זיך געפונען אין צוויי קאַסערנע בלאָקן, נעבן דעם טעאַטערל. די קינדער האָבן דאָרט באַקומען עסן, קליידונג א שטרענג רעליגיעזע דערציאונג.

זייער אָפט האָב איך באַזוכט די באַחנטע קינדערלעך. איך האָב ליב געהאַט צו זען זייער מונטערקייט, צו הערן — זייער פריילעכן קינדערישן געטומל און זייער התלהבותדיק לערנען. דאָס קליינוואַרג (6—8־יעריקע) איז תמיד געווען לוסטיק; געטאַנצט, געפּילדערט און געזונגען. די עלטערע זענען שוין דערפאַר געווען ערנסטער. זיי האָבן שוין, ווייזט אויס, פאַרשטאַנען פאַרוואָס זיי געפונען זיך דאָ און וואָס ס׳האָט פאַסירט מיט זייערע עלטערן. זייערע יידיש־פאַרחלומטע אייגע־לעך האָבן שטענדיק געקוקט מיט צער און בענקשאַפט.

עס דערמאָנט זיך מיר אַ זומערדיקן פרייטיק צו נאַכט, בעת איך בין דאָרט געווען ביים בציבורדיקן קבלת־שבת און עסן. ווען כ׳בין אַריינגעקומען אין עס־זאַל האָבן זיי פונקט געדאַוונט. אַ יינג בחורל, פאַר־הילט אין אַ „דזשאינט״־טליתל האָט געדאַוונט פאַרן עמוד. די יינגלעך זענען געזעסן ביי 5 טישן, זיך געשאָקלט און געדאַוונט מעריב. אין אַ צווייטן צימער זענען ביי די טישן געזעסן שוין דערוואַקסענע, צען־זעכצנ־יעריקע מיידלעך. זיי האָבן געהאַלטן סדורים, זיך לייכט געשאָקלט און געדאַוונט.

קוקנדיק אויף דער דאַוונענדיקער קינדער־עדה, האָב איך זיך דער־מאָנט אַ קבלת־שבת אין די בתי מדרשים, שולן און אין די חסידים־שטיב־

לעך פון פוילן. כ׳האָב זיך דערמאָנט אַז בשעתן דאַוונען האָט מען דאָן פון דער עדה נישט אַרויסגעזען אַזעלכע קליינע קינדער. — נעבן יעדן קינד איז געשטאַנען זיין פאָטער און אים פאַרשטעלט. יעצט, ווען די יתומימס פאָטערס זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַש, איז מער קיינער נישטאָ, ווער ס׳זאָל זיי פאַרשטעלן. שטייען זיי דאָ איינזאַמע, ווי יונגיטשקע ביימעלעך, וואָס זענען איבערגעבליבן אויף אַ ליידיק פעלד נאָך אַן אויסגעהאַקטן וואַלד. כ׳האָב אויך געזען עלטערע בחורימלעך: 18—16־יעריקע. זיי האָבן זיך תקיפדיק אַרומגעדרייט, פאַרוקט די הענט אין די קעשענעס פון די גאַליפע־הויזן און באַלעבאַטיש אָבסערווירט יעדן איינעם — דאָס זענען געווען די אַדמיניסטראַטיווע־לייטער פון דעם אינטערנאַט. זייער האַלטונג און אויסזען האָט זיך נישט צוגעפּאַסט צו דער קינדיש־תמימותדיקייט, שבתדיקער קדושה.

נאָכן דאַוונען האָבן זיך די רעשט צוגעזעצט צו די טישן. די מיידלעך זענען אַריינגעקומען פון זייער צימער און געבליבן שטיין ביי דער טיר. זיי זענען געווען אין דער עלטער פון צען ביז זעכצן יאָר. אַלע זענען געווען אָנגעטאָן אין ציכטיק־ריינע קליידלעך, די קעפּלעך — אויסגעוואַשן: די האָר פאַרקעמט מיט פאַרפלאָכטענע גלאַנציקע צעפּעלעך, פאַרבונדענע מיט זיידענע שלייפלעך, פונקט ווי פרום־באַלעבאַטישע קינדערלעך אין אַמאָליקע יידישע היימען. די מיידלעך האָבן אַרומגערינגלט זייער דערציערין — אַ שלאַנק ברונעט מיידל מיט יידיש באַהנטע אויגן, וואָס האָבן צניעותדיק געקוקט און אַזוי מוטערלעך מילד, ווי אַ ליבע מאַמע צו אירע קינדער.

אין דער גאָר גרויסער שטוב, ווו אַלע קינדער זענען געווען פאַרזאַמלט, האָט געהערשט אַ פריילעכער קינדערישער געטומל, וואָס האָט דערוועקט פריידיקע יוגנט־זכרונות פון דעם אַמאָליקן עבר.

פלוצים איז געוואָרן שטיל.

אַ נידעריק בחורל מיט געקרייזלטע פּאהלעך אויף ראָזע בעקלעך האָט אָנגעהויבן זאָגן קידוש. „יום הששי" האָט שטיל געציטערט זיין קינדיש קול. ער האָט זיינע אויגן געהאַלטן פרום פאַרמאַכט און שטיל געזאָגט די וויטערדיקע ווערטער. אינמיטן קידוש זאָגן האָט ער ווי זיך

אויפגעכאַפּט פון אַ שלאָף, געעפנט די אויגן, העכער געהויבן דאָס גלאָז ווײַן און הויך, מיט שטאָלץ, געזאָגט די ווערטער: „כי בנו בחרת ואותנו קדשת מכל העמים״...

הערנדיק די לעצטע ווערטער איז מיך באַפֿאַלן אַ פחד. כ׳בין געווען אָפּהענטיק, אָנגעהויבן טראַכטן גאָר טרויעריקע מחשבות: כי בנו בחרת... אויסגעוויילט אויף וואָס?... דער אויפסניי אָנגעהויבענער קינדער־־געטומל האָט פאַרטריבן אַלע מײַנע אפּיקורסישע געדאַנקען. כ׳האָב זיך דערפילט צוריק היימיש, געהויבן.

איך בין דאָרט געווען ביז נאָכן עסן און הנאה געהאַט וואָס דאָס ערשטע מאָל, נאָך אַכט יאָר אַרומוואַנדערן איבער רוסישע און דײַטשע שטעט און שטעטלך, האָב איך זיך אויפסניי דערפילט שבת־קודשדיק...

דאס „שטעטעלע" במדבר

דאָס „שטעטעלע" „במדבר"

באַלד נאָכן אַדורכגיין די לאַגער־„גרענעץ" — דאָס יידישע פּאָלי־ציייִשע וואַך־בודקעלע — האָבן זיך, אינסטינקטיוו, איינגעהאַלטן מיינע טריט. אין מיין קאָפּ איז געבוירן געוואָרן די ערשטע פראַגע: „ווו בין איך?"

אַ מאָדנעם, נאָך ביז איצט נישט באַמערקטן לאַגער האָב איך געזען: נישט געווען אין פערנוואַלד קיין הויכע, שוואַרץ־באַטונקטע קאַזאַר־מע־מויערן. נישט קיין גרופּקעלעך שטענדיק פאַרזאָרגטע יידן, וועלכע האָבן מיר, אין אַלע לאַגערן, געגעבן שטאָף אויסצוועבן מיינע רעפּאָר־טאַזשן.

איך בין געשטאַנען אין אַ קורץ, שמאָל געסעלע מיט צוויי שורות דינע, קורץ־ווזקסיקע ביימלעך. ד י ווייס־באַקאַלעכטע פּאַרטער־הייזלעך — מיטן אויסנאָם פון די רויט־באַציגלטע דעכלעך, לויטן דייטשישן סטיל — האָבן געשאַפן אַן איינדרוק, אַז מען געפינט זיך אין אַ וויט פאַרוואָרפן רוסיש דאָרף אין אַ וואַלדיקן אוראַל־געביט. שטיל איז דאָרט געווען, ווי אין אַ דאָרף. וויניק מענטשן האָב איך געטראָפן.

אָט האָב איך באַמערקט, ווי פון אַן עק געסל איז מיר אַנטקעגן גע־קומען אַ חסידישער ייד, אָנגעטאָן אין אַ פּאָר לאַנגע, שוואַרצע הויזן, אַ ווייס העמד, וואָס איז געווען כמעט אינגאַנצן פאַרדעקט פון אַ ברייטן, געלב־לעכן טלית־קטן און אויף זיין שאַטין־באַהאָרטן קאָפּ אַ שוואַרץ סאַמעטן קאַפּעלע. לאַנגזאַם האָט ער זיך צו מיר גענענטערט. צוקומענדיק האָט ער מיר דערלאַנגט אַ ווייך, וואַרעם הענטל:

„שלום עליכם אַ ייד, דאַכט זיך אַ פרעמדער", האָט ער שמייכלענדיק געזאָגט.

„„ניין" האָב איך געענטפערט, „אַן אייגענער".

„יאָ", האָט ער זיך צעלאַכט, „אחים לצרה. אָבער ביי אונדז אין לאַגער וווינט איר נישט".

„ביי אייך אין לאַגער וווין איך טאַקע נישט, אָבער דאָך אַן אייגע־נער, אַ לאַגער־ייד", האָב איך זיך געהאַלטן ביי דאָס מייניקע.

„טאָ פון וואַנען זשע קומט איר?"

„פון מינכן", האָב איך געענטפערט.

„אָ!", האָט ער אויסגעשריגען, „פון אייך וועל איך דאָך געוווירער ווערן עפּעס נייעס. דערציילט עפּעס גוטס. וואָס הערט זיך אין ארץ ישראל. דאָ דערציילט מען פון די גוישע ראַדיאָס פאַרשידענע שקרים. איך הויב זיי נישט אָן צו גלויבן קיין איין וואָרט. שונאי ישראלים ימח שמם. אָבער דאָך וויל איך וויסן דעם ריינעם אמת. איך מיין אַז אַ ייד פון מינכן ווייסט עפּעס".

„אויך דאָס רעכנט איר שלעכט. די שטאָטישע יידן וויסן ווייניקער פון אייך, לאַגער־יידן. אין אַ גרויסער שטאָט איז נישטאָ קיין סך צייט, אויסצוהערן אַזויפיל קאָמוניקאַטן, מען פּאָליטיקירט נישט קיין סך".

„אייביק אַזוי געווען" האָט דער ייד געקרעכצט, „וואָס גרעסער די שטאָט אַלץ שטאַרקער דער יצר הרע ר"ל צום עגל הזהב. פונדעסטוועגן גלויב איך, מוז דאָרט פאָרט זיין ווער, וואָס ווייסט עפּעס מער פון אונדז. מינכן איז דאָך פאָרט אַ כרך מיט יידן בני תורה וחכמה. האָט איר טאַקע גאָר נישט געהערט?", האָט ער נאָכאַמאָל געפרעגט און איז גלייך אַוועק פון מיר נאָך מיין „ביין"־ענטפער.

אָפּגייענדיק עטלעכע טריט, האָב איך געזען: פון קליינטשיקן פאַר־טער־פענצטערלעך האָבן אַרויסגעקוקט צוויי מיידלעך אין ווייסע בלוזקאַלעך.

„געקומען אַ מאַשין?" האָט מיך איינע געפרעגט.

„ווייסט, חנהלע" האָט זיך אָנגערופן די צווייטע צו דער, וואָס האָט מיך געפרעגט, „ער וועט זיכער קומען שפּעטער. זיכער פאַרשפּעטיקט. גע־האָט מן הסתם עפּעס דרינגענדעס צו דערליידיקן".

אין דעם דערנעבנדיקן פענצטער האָב איך באַמערקט אַ בלאָנדן יונגנמאַן, מיט אַ ווייסער באָרד, צוגעקלעבט צום פּנים, שטייט נעבן אַ שפּיגל

און זשעסטיקולירנדיק, לײדנשאַפֿטלעך מיט די הענט לערנט ער זיך אַ ראָל פֿון לײוויקס „גולם״.

עטוואָס װײטער בין איך געבליבן שטײן בײ אַ צעעפֿנט פֿענצטער און געזען זיצן אַ גרופּע יוגנטלעכע, וואָס האָבן געהערט פֿון ראַדיאָ דעם לעצטן באַריכט: „שווערע קאַמפֿן אין יפֿו. גרויסע פֿאַרלוסטן פֿאַר ייִדן״.

„למה רגשו גוים״, האָט דעם דײטשישן ספּיקער פֿאַרשריגן אַ ייִד, וואָס האָט הויך געזאָגט תהילים אין אַנטקעגאיבערדיקן חסידים־שטיבל.

שטײענדיק אינמיטן געסל, האָב איך אַמאָל געכאַפּט אַ בליק אויף די יונגעלײטלעך, וואָס זענען נײַגעריק די ראַדיאָ־נײַעס און אַמאָל אויף דעם תהילים־זאָגער וואָס האָט התלהבותדיק געבעטן: „רבים אומרים לנפשי אין ישועתה לו באלהים סלה, אוי טאַטע זיסער אין הימל, ואתה יהוה מגן בעדי. ואתה יהוה מ־ג־ן ב־ע־ד־י!״, האָט ער הויך געשריגן. אומקוקנדיק זיך ווידער אין דעם קלײנעם צימערל, ווי מ׳האָט געהערט דעם פּוילישן ראַדיאָ־קאָמענטאַטאָר אין לאָנדאָן, וואָס האָט געגעבן צו פֿאַרשטײן די קריטישע לאַגע פֿון דער ייִדישער הגנה אין פּאַלעסטינע, האָב איך באַמערקט אַן עלטערע פֿרוי שטײט געבויגן איבער אַ פֿאַרנדיקן טאָפּ קאַרטאָפֿלעס און גערופֿן איר זון: „חיים, מעגסט זיך שוין וואַשן צום עסן. פֿאַרדרײ שוין דעם ראַדיאָ, פּאָליטיקער מײַנער. איך ווײס גאָר נישט ווי אַזוי מענטשן ווערט נישט פֿאַרמיאוסט כסדר צו הערן דעם שקצס רײד. מיט גאָטס הילף וועט זײַן גוט. די שונאים צו פּיקעניש, טאַטע אין הימל, וועלן די אַראַבישע באַנדיטן אײַננעמען אַ שוואַרצן סוף, פֿאַר אונדזער פּײַן, טײַערער גאָט, — גײ שוין, חיים, עסן, גײ שוין״.

אַרויסגײענדיק פֿון דעם געסל, בין איך אַרײַן אין אַ צווײטן געסל, אַ דריטן און פֿערטן. אומעטום די זעלבע שמאָלע געסלעך מיט ווײניק דורכגײערס. פֿאַר אַ טײל הײזלעך זענען געווען צונויפֿגעקלאַפּט פֿון קורצע יאַלקע־דרענגלעך, שטיקלעך קאַסטן־ברעטלעך — עופֿות־שטײגן; ווי עס האָבן זיך געהאָדעוועט נײַ־געבוירענע הינדלעך, קאַטשקעלעך און עס זענען געלעגן פֿאַרשידענע ווירטשאַפֿטלעכע קלײניקײטן. פֿאַר טײל הײזלעך זענען געזעסן מײדלעך אויף רונדיקע קלעצלעך און גערעדט וועגן לעבן אין די ארץ־ישראל־קיבוצים.

י. ב. אַלטערמאַן

און אַט האָב איך געזען צ מאָדנע זאַך:

באָרוועסע יינגע יאַטלעך האָבן מאַרשירט, געהאַלטן הילצערנע ביקסלעך, נאָכער זיך ועשפילט אין קעמפענדיקע זעלנער, ווידער מאַר־שירט רייענווייז און געזונגען:

„איינס, צוויי, דריי, פיר
גוטע קינדער זענען מיר.
כאָטש מיר זענען יונג און קליין
קיין ארץ ישראל מוז מען גיין.
מאַרש, מאַרש געגאַנגען
מיט אונדזערע געזאַנגען
מיר דאַרפן זיך נישט פרעגן
מיר ווייסן אַליין די וועגן...
מאַרש, מאַרש״ — — —

און פון די יונגע „סאָלדאַטלעך״, האָבן נחתדיק זיך געפרייט צוויי יונגע ווייבלעך, וועלכע זענען געזעסן הינטער קאַשטן־ביימלעך און גע־פליקט פעדערן פון נאָר־וואָס געשאָכטענע הינדעלעך.—

אָבסערווירנדיק אָט אָ דאָס אַלעס, האָב איך פלוצים געפילט ווי אויף מיין קאָפּ גיבן זיך אַ שיט עפּל־שאָלן פון אַ פענצטערל, נעבן וועלכן כבין געשטאַנען. האָבנדיק צו דער הויז־באַלעבאָסטע אַ טענה, איז זי אַרויס מיט לשון:

„אַ פרישער פשאָדאָוניק צום טיש. ער שטייט אין חלומט, ביך איך גאָר שולדיק. אפשר וועט איר מיר גאָר מאַכן אַ פּראָטוקועל?״

דאָס איז געווען די ירושלים־גאַס. און אַזוי האָבן אויסגעזען אַלע גאַסן, וועלכע די לאַגער־יידן האָבן איבערגעאַנדערשט די דייטשישע נעמען אויף העברעישע: „תל־אביב״, „נגב״, „גליל״, „הרצל״, „ביאַליק״ אא״וו. — אומעטום איז געווען שטיל.

אין אויסנאַם איז געווען די „רוזוועלט״־גאַס — דאָרט איז געווען דער צענטראַלער צוזאַמענטרעף פון אַלע לאַגער־איינוווינער. ווי אין די אַמאָליקע שטעטלעך איז דאָרט אויך געווען אַ פּלעצל, וואָס האָט אויס־

געזען װי אַ „רינעק״. דאָרט שטײען פיל הײזלעך און אין גרויס געמױ־ערט הויז — דער קינאָ און טעאַטער־זאַל אַ״נ „במדבר״ „אין דעם זאַל״, האָט מיר דערקלערט דער גרינדער און רעזשיסער פון דעם פערנוואַל־דער טעאַטער־קרײז, ה׳ סאַנדלער, קומען אָפטמאָל פאַר קינאָ־פאָרשטע־לונגען און אויך אויפטריטן פון אונדזער דראַמ.־קרײז. „פאַרשטענדלעך״, האָט ער מיט באַדויערן צוגעגעבן „אויב עס שטערן נישט די יידישע אַרטיסטן פון מינכן״. אין דער רעכטער זייט פונעם קולטור־הויז האָט זיך געפונען אַ גרויסע האַלע, וואָס איז געווען פאַנאַנדערגעטײלט מיט דינע ברעטער אויף צוויי שטובן: פאַר דער נשמה — אין שטוב, וווּ יידן האָבן געלערנט, געבעטן גאָט; און פאַרן גוף אַ גרויסער מכבי־זאַל, אויף וועמענס ווענט עס איז געווען אויסגעמאָלן האַלב־אַנטבלויזטע פרויען־ און מענער־גופים, וועלכע האָבן דעמאָנסטרירט, אַז אויך דער גוף פון אַ ייד מוז זיין געזונט. אין דער לינקער זייט פון דעם הויז איז געווען די אָרט־שולע.

אויף דער רוזוועלט־גאַס איז אויך געווען אַ בריקל. אַמאָל, אַמאָל, קאָן זיין איז אפשר הינטער דעם אויסגעקרימטן בריקל געפלאָסן אַ וואַסערל. בעת מיין זיין אין פערנוואַלד, איז דאָרט געווען טריקן, באַוואַקסן מיט ווילד־גראָז, קזשאַקלעך און עס זענען געשטאַנען צוויי סאָסנעלעך. כאָטש די דאָרטיקע טאַליקע ערד האָט ווייניק געזאַפּטיקט די ביימעלעך, וועמענס האַלץ־גופים האָבן געטרוקנט, אָבער דאָך האָבן זיך אייניקע צווייגעלעך דווקא צעגרינט און פעטע זאַפטיקע קנאָספּן האָבן זיך צווישן די ווייניקע, גרינע בלעטלעך צעעפנט, ווי זיי וואָלטן רעוואָלטירט קעגן דער נאַטור, וואָס האָט זי פאַרמשפּט אָפּצודאַרן.

אויף די דיקע, אַלטע בעלקעס פון דעם בריקל זענען געזעסן יידן און געשמועסט פון פּאָליטיק.:

„האָסט געכאַפּט לאָנדאָן?״ האָט איינער געפרעגט ביי אַ שנעל־אָנקומענדיקן לאַגער־„אינפאָרמאַטאָר״.

„עבר־הירדן איז אַריין קיין ארץ ישראל. די אַרמיי פון ארגון האָט זיך געלאָנטשעט מיט די הגנה׳איסטישע טרופּן״, — האָט שנעל

איבערגעגעבן דער אינפאָרמאַטאָר אין קורצע האַקי־הייזלעך און מיט אַ מנורהלע אויפן לאַץ.

„עס איז אַ ליגנט" האָט זיך אָנגערופן אַ צווייטער. „יאַך האָב געפּאַקט שוויין. זי זאָגט: ס׳וו׳יסק פון טראַנסיאַדאַניע איז נישט אַריין!"

„כ׳האָב באַלד געוווּסט, אַז עס איז אַ ליגנט" האָט זיך אָנגערופן אַן עלטערער ייד, „דער לאָנדענער פּאַליאַק איז אַ געמיינער שקץ. אַ פּויערישער מנוול. יידן, אַז ער הויבט אָן סטשעקן, פּאַרדרייט אים... אויסער וואָס ער איז אַ מיאוסער ליגנער, איז ער נאָך דערצו אַ געמיינער אַנטיסעמיט".

„מיר קען ער רעדן צום דאַשעק" האָט געזאָגט דער מיטן מנורהלע אויפן לאַץ. „איך הער אים סתם אַזוי. ערשטנס ווייס איך, אַז וואָס ער זאָגט איז פּונקט פאַרקערט און צווייטנס האָב איך אַ סאַטיספאַקציע, אַז אים מיט זיין פּוילישער באַנדע אין לאָנדאָן פּלאַצן די גאַל פון אונדזערע נצחונות".

„וואָס רעדט עפּעס דער ראַדיאָ"? האָט זיך געפרעגט אַן אָנקומענדיקער חסידישער ייד.

„נישט גוט ר׳ ברוך" האָט געענטפערט איינער פון די אָנוועזנדיקע, „אַזויפיל אַראָבער האָבן זיך פאַרנומען אויף אַ קליין הייפל יידן".

„שטותים", האָט דער חסידישער ייד געענטפערט, געלויבט זיין ליבן נאָמען וואָס מ׳האַלט אַזוי ווייט. זאָרגט נישט יידן. מיר האָבן אַ טאַטן אין הימל. ער וועט ווייטער העלפן. דער עיקר בטחון. איר הערט?" — האָט ער זיך געוואָנדן צו דעם, וואָס האָט געזאָגט „נישט גוט" — „ר׳ ברוך, בטחון! גלויבט מיר, ר׳ ברוך, אַז יידן האָבן געקאָנט באַווייזן דאָס אַלץ אין א"י ביז איצט, איז עס דאָך נישט משיג צו זיין מיטן שכל. אַלץ איז מן השמים. דער עיקר מיר וועלן האָבן מערטשעם אַ מלוכה און וועלן בקרוב אַרויספאָרן פון דעם וויסטן העק. צוויי זאַכן יידן, געדענקטס: אמונה און בטחון".

אָבסערווירנדיק די גאַנצע אַרומיקייט: די אַרומרינגלענדיקע הויכע באַוואַלדיקטע בערג; די דאָרפישע הייזלעך, דעם רינעק און די יידישע געשעפטן ווי אַמאָל אין שטעטלעך; די זיך דאָרט אַרומדרייענדיקע, גאַר־

נישט טוענדיקע און שטאַרק־פֿאַרזאָרגטע ד. פּ.־יידן, וועלכע האָבן כסדר געדעדט נאָר פון ארץ ישראל און פון אַרויספאָרן פון דעם פאַרוואָרפן אָרט. האָבן מיינע בליקן זיך נישט געקענט אָפּרייסן פון די גרויסע שוואַר־צע אותיות „ב—מ—ד—ב—ר", וואָס האָבן געהאָנגען אויפן טעאַטער הויז. קוקנדיק אַ לענגערע צייט אויף דער אויפשריפט, האָב איך געטראַכט:

גאָר טרעפלעך האָט דער מחבר צוגעטראַכט דעם נאָמען פאַר דעם מאָדנעם „שטעטעלע"; וועלכעס ליגט אין דעם אויסגעהאַקטן שטיקל טאָליק וואַלד, ווו דער יידישער גורל האָט אַריין געשליידערט רעשטלעך פון דעם אַמאָליקן גרויסן אייראָפּעיִשן יידנטום.

זיי האבן פארשפעטיקט

זיי האָבן פאַרשפּעטיקט

אַ געפּילדער האָט מיך אויפגעוועקט פון מיין פאַרטאָגיקן שלאָף:

„זאָגטס נאַר, איילט זיך דאָרט צו! מ׳עט פאַרשפּעטיקן!", האָב איך פון נאַכטישן לאַגער דרויסן געהערט הויכע שטימען.

„באַלד־באַלד! נאָך איין קעסטל און מיר זענען פאַרטיק", האָט נאָך אַ ווילע אָפּגעענטפערט אַן אַלטע, שוין כאָרכלענדיקע שטימע.

„חיים!", האָב איך געוועקט מיין צימער־שכן.

„וו—אַ—ס—סס?", האָט מיין דרימלענדיקער מיטוווינער גע־פרעגט, אויפהייבנדיק זיין קאָפּ מיט די פאַרפּלאָנטערטע האָר פון שטרוי־זאַק.

„הערסט חיים? זייער אַ סך מענטשן פאָרן היינט. מ׳וואָלט זיך אויך באַדאַרפט צוגרייטן."

„מיין דאגה דאָרטן. שלאָף בעסער, ישראל", האָט חיים מיר גע־עצהט און זיך איינגעטוליעט אין זיין לאַגער־דעק.

מיין מיטוווינער איז פאַרזונקען אין שלאָף. כ׳האָב נישט געהאַט מיט וועמען מער צו רעדן.

פונעם פינצטערן הויף האָב איך אָפּטער געהערט הויכע, מענטש־לעכע שריט, מונטערע קולות און קלינגענדיקע געלעכטערס. ווי איך וואָלט געשטאַנען נאָענט פון זיי, האָב איך גענוי געהערט דעם רעש פון די עולים, וואָס האָבן אויפגעטומלט די נאַכטישע שטילקייט אין לאַגער און אויך מיך אויפגעוועקט פון שלאָף.

פלוצים האָב איך דערהערט אַ קלינגענדיק קינדיש געלעכטער. דאָס האָט גאָר אויפגעשווידערט מיין פוילן גוף, וואָס האָט זיך געוואַ־רעמט הינטער אַ לאַגער־דעק אויף אַ פרעמד בעט, וואָס איז געשטאַנען

אין אַ פרעמד קאַזאַרמע־צימער, פונוואַנען כ׳האָב כסדר געוואָלט אַנט־לויפן און דאָך עפּעס אָפּגעוואַרט, נישט ווייסנדיק אויף וואָס.

שנעל האָב איך זיך געמאַכט פאַרטיק, בין אַרויס.

דער דרויסן האָט זיך נאָר־וואָס אָנגעהויבן בלויען.

פון אַלע לאַגער־זייטן האָב איך באַמערקט אַ אייליק געלויף. טראָגנדיק קינדער און געפּעק זענען געלאָפן מענער און פרויען, ווי זיי וואָלטן אַנטלאָפן פון אַ דראָענדיקער שׂרפה.

צוזאַמען מיט זיי האָב איך מיטגעאיילט אין דער זעלבער ריכטונג: צום לעצטן קאַזאַרמע־הויז, וווּ עס איז געשטאַנען אַ גרויסער אויטאָ מיט צוויי ברענענדע לעמפּ, וואָס האָבן באַלויכטן דעם אַרויסגאַנג־טויער.

צוקומענדיק צו דער אויפגעמאַכטער טיר פון אויטאָ, האָט מיך באַהויכט אַ ליבע וואַרעמקייט.

כ׳בין אַריין אינעווייניק.

נישט רעכט אומקוקנדיק זיך, האָב איך דאָס ערשטע דערזען פינק־לענדיקע אויגן. אין מיין מוח האָט אויפגעלויכטן אַ געדאַנק: „אָך מיין גאָט ווי גרויס איז דיין וווּנדער״. —

די זעלבע אויגן, וואָס האָבן אין לאַגער תּמיד אויסגעזען אַזוי פּחד׳דיק, האָבן זיצנדיק אין אויטאָבוס, געשטראַלט, פול מיט רויִקער האָפענונג און טריומפירנדיקער פרייד.

„מיר האָבן דערלעבט״, זענען געווען די ערשטע ווערטער; וואָס כ׳האָב דערהערט.

דערזעענדיק אין אויטאָבוסן־ווינקל, מיין באַקאַנטן אַרבעטס־חבר מיט זיין משפּחה, בין איך צו זיי צו. פאַרנומענע מיט זייער קליינטשיק בן יחידל, האָבן זיי קיינעם און אויך מיך נישט באַמערקט. זיי האָבן אויסגעזען — גליקלעך. אַפילו דאָס שוועלבעלע, האָט זיך מיר געדאַכט, איז אויך צופרידן. ס׳האָט צו זיינע באַשעפער אַרויס געשמייכלט, באַ־וועגנדיק זיך אין דעם מילטער־פאַרמיק, בלאַנק־ווייסן קישן, וואָס איז געלעגן, ווי אויף אַ בעטעלע, אויף טאַטע־מאַמעס צוזאַמענגעדריקטע פיס. דער פאָטער מיט זיין לינקער און די מוטער מיט איר רעכטער האַנט האָבן צוגעהאַלטן דעם קינדס קישן־געלעגער און מיט איר לינקער און

זיין רעכטער האַנט האָבן זיי כסדר אַרום זיך געמאַכט מחוצה־קרייזן, נישט צולאָזנדיק קיינעם פון די שטופנדיקע אין זייער משפחה־ווינקל.

„גוט וואָס דו ביסט געקומען" האָט מיין חבר געזאָגט.

„אַז מ'זעט דאָס, נעמט אויך אָן אַ חשק צו פאָרן" האָב איך צו אים געזאָגט, אָנווייזנדיק אויף די עולים.

„אויף וואָסזשע וואַרט איר?", האָט מיך געפרעגט מיין חברס פרוי.

„איך ווייס נישט" האָב איך, נאָך אַ ווײַלע שווייגן, געענטפערט.

„יעדער האָט זיך זיין חשבון".

„פאַרדריי נישט, ישראל, דעם קאָפּ. דיינע און אונדזערע חשבונות זענען די זעלבע" האָט מיר אַריינגעזאָגט מיין פריינט.

די ווערטער האָבן מיך נאָך טיפער געטראָפן. נישט האָבנדיק מער וואָס זיי צו ענטפערן, האָב איך זיי אָפּגעזעגנט און בין אַרויס פון אויטאָבוס. אַראָפּגייענדיק פונעם טרעפּל, האָב איך באַמערקט:

נישט ווייט פון דעם אויטאָבוס האָבן זיך, פון דער פאַרטאָגיקער גרויקייט, אַרויסגעזען גרויסע קאַסטנס, צווישן וועלכע ס'זענען געשטאַנען צוויי עלטערע מענער, וועלכע האָבן זיך געקאַרטשעט, געציטערט פון קעלט. זיי האָבן זיך געשאַרט נעבן זייערע באַגאַזש־קאַסטנס, ווי וועלנדיק זיך הינטער זיי באַשיצן פון דעם פראָסטיקן דעצעמבער־פאַרטאָג.

„זאָג נאָר", האָט איינער פון זיי צוגערופן דעם שאָפער „וואָס וועט זיין?"

„גאָרנישט", האָט געענטפערט דער שאָפער, „כ'האָב אייך, צוזאַמען מיט אַלעמען, געוועקט, האָט איר באַדאַרפט קומען אין דער צייט".

„זאָגסט ליגנט!", האָט זיך צעשריגען דער צווייטער, וועמענס קול איז מיר געוועזן ענלעך צו דעם כאַרכלענדיקן שטימעלע, וואָס כ'האָב דערהערט אין מיין צימער: „נאָך אַ קעסטל און מיר זענען גרייט"...

דער זעלבער האָט זיך און דעם צווייטן באַרויקט: „נאָר גאָרנישט, מיר וועלן פאָרן מאָרגן".

„מאָרגן, קאָן זיין, וועט דער וועג נישט זיין פריי... צו מיר האָט

נישט קיין טענות. איך האָב אייך, צוזאַמען מיט אַלעמען, געוועקט", האָט נאָכאַמאָל איבערגעחזרט דער שאָפער זיינע פריערדיקע רייד און איז אַוועק.

„אַ געשעפט האָסטו. ס׳לוינט זיך נישט, גלויב מיר, צו דענער־ווירן. ס׳איז נאָך נישט ווי דער שאָפער זאָגט", האָט דער צווייטער גע־טרייסט דעם מיטן כאָרכלענדיקן שטימעלע, ווען ער האָט געפרעגט

„בעניעק, ווייסט נישט, וויפל שטייט היינט דער א"י־פונט?".

דער געפרעגטער האָט מיטן הייזעריקן קולעכל אָנגעהויבן זיין חבר, מומחהדיק, אינפאָרמירן וועגן גאַנצן וואַליוטע־קורס אין א"י, נאָך צוקאָמענטירנדיק וויפל רווח ס׳וועט זיי אויסמאַכן, לויט די געצאָלטע פרייזן, דער איינגעקויפטער אייזן־באַגאַזש אין זייערע קאַסטנס. נאָך די אַלע בערזע און סחורה־פרייזן־אינפאָרמאַציעס, האָט ער אַ פרעג געטון:

„איין זאַך, זעסטו, ווייס איך נישט. איז טאַקע אמת, אַז אין ארץ ישראל זענען פאַראַן ווייניק פרויען?"

„אין דעם, בעניעק, האָב איך נישט קיין אַנונג. דו האָסט יעצט חתונה געהאַט מיט אַ יונג ווייבל, דאַרפסטו עס וויסן. מיך אינטערע־סירט דאָס נישט. מיין אַלטע וועט קיינער נישט אויפכאַפּן. יאָ, בעניעק, ווו איז טאַקע דיין פּאַלאַ?"

„זעסט נישט? דאָרט שטייט זי דאָך!", האָט בעניעק זיך דער־כאָרכלט מיט זיין שטימעלע, אָנווייזנדיק אויף אַ הויכער, יונגער פרוי. וועלכע איז געשטאַנען נעבן די אויטאָ־לעמפּ און זיך אַמוזירט מיט אַ יונגענמאַן.

„פּאַלאַ!", האָט דער עטוואָס שוין גרוילעכער בעניעק אויסגע־רופן: „קום שוין אַהער! האָסט שוין גענוג געמאָטלט! קום שוין!".

„איין מינוט. לאָז מיך אַ רגע צו רו. וואָס איז? איך טאָר שוין אפשר נישט רעדן מיט קיין מענטש אויכעט?" האָט זי זיך אַביסל געבייזערט.

דער מאָדנער געשפּרעך פון דעם עלטערן מאַן מיט דער יונגער, שיינער פרוי, וועלכע האָט זיך אַמוזירט מיטן יונגענמאַן, האָט געוועקט מיין נייגעריקייט. „גאָט פּאַרט אויבן און חוזקט, וואָס עס טוט זיך אונטן", האָב איך, קוקנדיק אויף איר גרויען מאַן, זיך דערמאָנט אַ ווערטל, וואָס

מיין שכן זאָגט תמיד, נאָכן אַריינכאַפּן אַ פּאַרציע זידל־ווערטער פון זיין „קלוג״ ווייבל.

אין דער לאָמפּן־באַלויכטנקייט, וואָס דער זיך בלויענדיקער טאָג, האָט פאַמעלעך פאַרבלאָסט, האָט דאָס פּאָרל באמת שיין אויסגעזען. דער יונגערמאַן, אַ הויך־וווקסיקער מיט אַ רויטלעך פּנים איז געשטאַנען צווישן צוויי קליינע טשעמאָדאַנטשיקלעך. לאַכנדיק האַרציק האָט ער מיט רעספּעקט און פאַרערונג צו איר געקוקט מיט זיינע ברייט צעעפנטע געדיכט־באַברעמטע אויגן. אויך זי האָט מיט דיסקרעט ווייבלעכער קאָקעטישקייט אַרויפגעקוקט צו איר פאַרערער און גאַנץ געלאָסן, מיט אַ דין קולעכל צו אים גערעדט.

„יאָ ס׳איז אמת. אַלע שרייבן פון ארץ, אַז דאָרט איז די נאַטור וווּנדערלעך שיין.״

„וואָס פרעגן זי״, האָט ער באַשטעטיקט, „מיין ברודער שרייבט אויך אַז אין ווערטער איז אוממעגלעך אויסצודריקן די שיינקייט פון ישראל. זי וויסן? דער עיקר לויבט ער די יוגנט. אַזעלכעס שרייבט ער האָט ער נאָך נישט געזען. אַזויפיל לעבן וויפל זיי האָבן! אפילו די אַלטע לייט ווערן באַאיינפלוסט פון דער יוגנטס טעמפּעראַמענט און פילן זיך ווי יונגע. די אַלטע, שרייבט ער מיר אויך, דערקענט מען בלויז אין די גרויע האָר. אַזוי אין לעבן זענען אַלע דאָרט יונג. אַ לאַנגער פרילינג פילט זיך דאָרט ביי אַלעמען, שרייבט מיר מיין ברודער״.

„אפשר וועט שוין זיין גענוג? גייסט אַהער?״, האָבן אין דער פאַרטאָגיקער גרויקייט אָפּגעקלונגען איר מאַנס בייז קול. די פרוי האָט איר מאַן באַרויקט מיט האַנט־צייכנס, צוזאָגנדיק: „באַלד באַלד״.

דער יונגערמאַן, האָט זיך אָפּגעזעגנט מיט דער פרוי, גענומען זיינע קליינע טשעמאָדאַנטשיקלעך און איז אַריין אין אויטאָבוס. ער האָט אַראָפּגערוקט אַ שויבן פענצטער, פונוואַנען ער האָט אַרויסגעקוקט צו דער פרוי, מיט וועלכער אים איז שווער געווען זיך צו שיידן.

„וואָס איז אייגנטלעך געשען, איר פאָרט נישט איצט?״, האָט ער איר געפרעגט.

„איר זעט דאָך״, האָט זי אָנגעוויזן אויף די קאָסטנס, „מיר האָבן

געפּאַקט אַ גאַנצע נאַכט און זיך שפּעט אויסגעפּאָרעט. נישט געווען מער קיין אָרט פאַר אונדז. אייך איז גוט. איר האָט וויניק באַגאַזש. פאַר אַזעלכע איז שטענדיק פאַראַן פּלאַץ".

„זיכער. וואָס דאַרף איך שלעפּן אייזן", האָט ער געחוזקט, „אָט אָ דאָס", האָט ער אָנגעוויזן אויף זיינע פעסטע הענט, „שרייבט מיר מיין ברודער איז דאָרט וויכטיק. מער גאָר נישט. כ'בין אַ מויערער, כ'וועל אַרבעטן, וועל איך קומען צו אַלעמען".

„איר זייט ביים ריכטיקן שכל" האָט זי אים געענפערט די לעצטע ווערטער. —

„להתראות". פּאַכנדיקע הענט האָבן זיך אָנגעהויבן דערווייטערן. דער אָפּפאָרנדיקער אויטאָ איז שנעל פאַרשוווּנדן.

„וואָס זאָגסטו איצט, חכם איינער? דו האָסט זיך לאַנג געפּאָרעט און פאַרשפּעטיקט. וואָס וועט איצט זיין?", האָב איך, הינטער זיך געהערט טענהן די יונגע פרוי צו איר אַלטן מאַן.

דער צעבלויטער טאָג איז שוין כמעט פאַרטיק געווען מיט זיין אַרבעט: די גאַנצע נאַכט־טונקלקייט פאַרווישט. —

און דערווידער האָט מיר אויסגעזען די גאַנצע איבערגעבליבנקייט די קאַזאַרמע־הייזער, מיט זייערע ליכטלאָזע, בלאַסע אויגן־פענצטער: דאָס שטיקל אויסגעטרעטענע, צעלעכערט־אַספאַלטירטע לאַגער ערד, די פאַר־טריקנטע, בלעטערלאָזע קאַשטן־ביימער, די איבערגעבליבענע ד. פּ. יידן און אַלץ, צוזאַמען מיט מיר, האָבן אין דער טאָגיקער צעהעלטקייט, אויס־געזען טונקל, זייער טונקל.

פונק - קאסערנע

פונק קאַסערנע

אין עק־שטאָט פון דער בייערישער רעזידענץ־מינכן, אַזש נאָכן דייטשישן „פרידהויף", האָט זיך געפונען די פונק־קאַסערנע, דער לעצטער לאַבאָראַטאָריום־עטאַפּ, ווו שוין אַ סך מאָל אויסגעפּרוווטע, פאַרוואָגלטע נשמות, זענען געוואָרן נאָכאַמאָל גאַנץ גענוי דורכקאָנטראָלירט מיט פּאָליטישע מיקראָסקאָפּן און די נאָר „ריינע" פון זיי — אַממיינסטנס קריסטלעך געזאָנענע — זענען ענדלעך אָפּטראַנספּאָרטירט געוואָרן אין די ענגליש־רעדנדיקע „גן־עדנס".

דאָרט איז אויך געווען דער אינטערנאַציאָנאַלער וואָקזאַל פון דער אַמעריקאַנער זאָנע, פון וואַנען אַ טייל „פאַרשלעפּטע", וועמענס הערצער האָבן געציטערט פאַרן גרינעם טיש פון זייערע „אויטשיזנעס" און אויך פאַקטיש היימלאָזע זענען אָפּגעפאָרן אין פאַרשידענע לענדער.

ווי אויף יעדן וואָקזאַל איז אויך דאָ די צאָל אומגעדולדיק וואַרטנדיקע רעפּאַטריאַנטן נישט געווען סטאַביל. זייער צאָל האָט זיך כסדר געביטן לויט די קאַלטע און וואַרעמע טעמפּעראַטור, וואָס איז געפאַלן און זיך געהויבן אויפן פּאָליטישן באַראָמעטער אין די אויסלענדישע קאַבינעטן: אַמאָל יאָ אַריינצולאָזן די „אויסגעוואָרצלטע" פערזאָנען אין די קאַזאַרמעס, אָפּצוואַרטן אויף ווייטערדיקע באַפעלן, און אַמאָל נישט.

די צאָל עמיגראַנטן אין די פאַרשידנלענדערדיקע בלאָקן — יעדעס הויז איז געווען באַשטימט פאַר אַן אַנדער לאַנד — האָט זיך געביטן, לויט דער אַקטיוויקייט פון דער אַזוי גרויסער אַגיטאַטאָרן־אַרמיי אין די ד. פּ.־לאַגערן. טייל פּאָליטישע מיסיאָנערן האָבן איבערצייגט זייערע „גאַספּאַדעס" און „פּאַנעס", אַז מ׳טאָר נאָך נישט אַהיים פאָרן, ווייל די פּאָליטישע לאַגע איז נאָך נישט אויסקריסטאַליזירט, דער וועלט־שלום הענגט נאָך

אויף אַ האָר; דער הונגער איז דאָרט זייער גרויס און די באַפעלקערונג ווערט שטאַרק אונטערדריקט פון די נייע הערשער. אַנדערע ווידער האָבן אויפגעקלערט, אַז אַלץ וואָס מען שרייבט און מ׳רעדט איז ליגנט. „ביי אונדז איז נאָך קיינמאָל נישט געווען אַזוי גוט און פריי ווי היינט — ס׳איז „אַטשען כאַראַשאָ״ ווערנדיק באַאיינפלוסט פון די אַלערליי אַגיטאַ־טאָרן איז אַ טייל, וואָס האָט נישט מורא געהאַט, געגאַנגען אין די היי־מאַטס־באַראַקן, מיטן ציל אָפּצופאָרן אַ היים. דער גרעסטער טייל אָבער אויסגעוואָרצלטע סלאַוון, איז אַוועק אין די מעבר־לימיקע באַראַקן, בכדי אַוועקצופאָרן אין די נייע פאַר זיי אומבאַקאַנטע לענדער, ווי זיי האָבן געוואָלט אויסוואַרטן אויף אַנדערע צייטן, ווען אויך זיי וועלן קענען פאָרן אין זייערע באַפרייטע לענדער.

אין דעם טאָג ווען איך בין געווען, האָט דער אַלגעמיינער ציפער פון די רעפלעקטאַנטן געוויזן: 3328.

די אַ צאָל איז געווען פונאַנדערגעטיילט אויף פאַרשידענע קאַנדי־דאַטן: גאַנץ שנעל אָפּצופאָרן — 2692 און שוין לאַנג וואַרטנדיקע יידישע היימלאָזע, וואָס האָבן געוואָלט פאָרן אין פאַרשידענע לענדער צו זייערע משפחות — 636. אין דער צאָל פון די יידישע ד. פּ. איז נישט געקומען אין באַטראַכט די עולים, וואָס זענען אויך פון דעם לאַגער אָפּגעפאָרן קיין ארץ ישראל. זיי האָבן דאָ נישט לאַנג געוויילט, ווייל ווי נאָר זיי זענען אָנגעקומען אין דעם לאַגער האָט מען זיי באַלד אָפּטראַנספּאָרטירט, אַ דאַנק דער אינטענסיווער איניציאַטיוו פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און דער סוכנות.

צוליב דער קליינער צאָל (אין פאַרגלייך מיט די קריסטן) יידישע עמיגראַנטן, האָב איך שוין־לאַנג אַרומשפּאַצירט אין סקווערן, פּלעצער און קיינעם פון אחינו בני ישראל נישט געזען. די ערשטע יידן, האָב איך געטראָפן אין אַ גאָר פּינצטערער שטוב, וווּ עס איז געווען אַ סך טונקל הויטיקע שפּאַניאָלער. פון אַן אויבערשטע נאָרע איז אַרויסגעקראָכן אַ מיטליעריקע פרוי, וועלכע כ׳האָב באַלד דערקענט, אַז זי איז אַן אונדזע־ריקע. פון דער פרוי בין איך געוווּיער געוואָרן, אַז זי וויל פאָרן קיין

לאַנדאָז און איין גאָט ווייסט, ווען ס׳וועט איר אויסקומען אַוועקצופאָרן. אָבער „איך האָף״, האָט זי זיפצנדיק געענדיקט איר דערציילן. נאָכער האָב איך באַגעגנט אַן עלטערע פרוי, וואָס האָט שוין דאָרט געוואַרט חדשים, בכדי אָפּצופאָרן קיין בראַזיליע. די פרוי האָט צו מיר גערעדט גאָר האַרציק, ווי צו אַן אייגן קינד. זי האָט פאַר מיר אויסגעגאָסן איר גאַנץ האַרץ, דערציילט פון איר עלענדקייט. אויך זי האָט געוואָלט פאָרן צו איר ברודער קיין בראַזיליע און מ׳האָט איר, בשום אופן נישט דערלויבט. אויף מיין פראַגע, וואָס עס איז די סיבה פון איר זיצן דאָ אַזוי לאַנג, אפשר פעלן איר אויס די נויטיקע אויסוואַנדערונגס־פּאַפּירן? האָט זי מיר געענטפערט:

„כ׳האָב שוין אַזוי פיל פּאַפּירן, ווי יאָרן. אויסגעפרעגט האָבן זיי מיך שוין אַזויפיל מאָל, מער וויפל האָר כ׳האָב אויפן קאָפּ. עפּעס פרעגן זיי מיך אַזעלכע נאַרישע קשיות, אַז ס׳איז מיר פּשוט אַ חרפה איך צו דערציילן״.

„ווו זוכט מען ווידער אַ ייד?״, האָב איך זיך געפרעגט אַוועקגייענדיק פון דער פרוי און באַלד דערזען: נישט ווייט פון דעם באַראַק איז געשטאַנען, הינטער אַ פאַרוועלקטן בוים, אַן עלטערער ייד, וואָס האָט אַריינגעקוקט אין אַ שוין אָפּגעבליאַקעוועטן „פאָרווערטס״. שמועסנדיק מיט אים סך הכל אייניקע מינוט, האָט ער מיר דערציילט אַלץ, אַלץ וואָס ס׳האָט פּאַסירט מיט אים אין די מלחמה־יאָרן. כ׳האָב זיך דערוווּסט, אַז ער האָט געוווינט אין וואַרשע, געהאַנדלט מיט אויבסט, געהאַט אַ גרויסע משפּחה, געווען אין קאַצעט און גאָט צו דאַנק געבליבן לעבן מיט אונטערגעהאַקטע לונגען און אַ קראַנק האַרץ. איצט וויל ער פאָרן קיין אַמעריקע צו זיין ברודער, וואָס וועט אים מוזן אויסהאַלטן, ווייל ער איז נישט מער אַרבעטס־פעיק. גייענדיק מיט דעם ייד עטלעכע מעטער, זענען מיר צוגעקומען צו א גרופּע מענטשן, וואָס זענען געשטאַנען מיט זייערע געפּעק נעבן וואַרטנדיקע מאַשינען וואָס האָבן זיי געדאַרפט אַוועקפירן. נעבן דער גרופּע האָט אַן עלעגאַנט געקליידערטער יונגערמאַן געפּרוווט איבערצייגן אַן עלטערן פויער, אַז ס׳איז נאָך נישט די צייט צו פאָרן קיין פוילן ווייל דאָרט ווערן די מאַסן אונטערדריקט פון די רוסן.

„איך פאָר נישט צו קיין פּאָליטיק" האָט דאָס פּויערל געענטפערט, אין זיין דאָרפישן אַקצענט, „איך פאָר אַ היים".

„איר הערט ?", האָב איך באַמערקט מיין באַגלייטער „אוודאי", האָב איך באַקומען אַן ענטפער, „זיי האָבן דאָך ווו צו פאָרן. זיי האָבן אַ היים."

„ווייסט איר נאָך נישט אַז אויך מיר יידן האָבן אַ היים ?" און כמעט אַלע שארית הפליטה יידן פון די ד. פּ.־לאַגערן פאָרן קיין ישראל ?"

דער ייד האָט זיך פאַרענטפערט, אַז לעולם האַלט ער גאָר שטאַרק פון פּאַלעסטינע, שטענדיק געצאָלט קרן קימת, געשטימט פאַר די ציוניסטן און שטיצט אונטער די אידעע פון אויפבויען אַ היים פאַר יידן אין פּאַלעס־טינע. נאָר, צום באַדויערן, קען ער נישט אַהין פאָרן, צוליב זיינע קראַנקע לונגען און האַרץ. „איך האָב דאָך דאָרט נישט קיינעם" האָט ער באַטאָנט, אַליין קען איך נישט אַרבעטן און מוז דעריבער פאָרן צו מיין ברודער".

מיר האָבן זיך געזעגנט.

שוין וועלנדיק אַרויסגיין פון דעם טראַנזיט־לאַגער, האָב איך נאָך באַזוכט אייניקע יידישע משפחות וועלכע האָבן געוווינט גאַנץ באַזונ־דער און אפילו שוין איינגעאָרדנטע אין אַן עקסטרע צימערל. שמועסנדיק מיט זיי, האָב איך איינגעזען, אַז זייער פאַרצווייפלונג האָט איבערגעשטיגן אַלץ, וואָס איך האָב דאָרט געהערט און געזען. איינער פון זיי, אַן עלטע־רער ייד, האָט זיך פשוט צעוויינט: ער זיצט שוין דאָ זייער לאַנג און ווייסט גאָר נישט וואָס ווייטער צו טון. אַ צווייטער, יוסף פיקמאַן פון פינסק, האָט מיר דערציילט, אַז פערצן חדשים זענען שוין פאַרביי, זינט ער איז געקומען פון עסטרייך, צוזאַמען מיט אַ גרופּע מענטשן, מיטן ציל אָפּצופאָרן קיין בראַזיליע און כמעט אַלע זיצן נאָך דאָ. בלויז אייניקע זענען, אַ דאַנק דער איניציאַטיוו פון דזשאָינט, אָפּגעפאָרן קיין אַמעריקע און די איבעריקע וואַרטן נאָך אַלץ אויף זייער ריי.

„און ווי זעט אויס די עמיגראַציע־פראַגע פון די רעשט ד. פּיס וואָס קומען אַהער ?" האָב איך אים געפרעגט.

ער האָט זיך הילכיק צעלאַכט: „אַלע פאָרן פון דעם לאַגער גאָר שנעל אָפּ. אַלע אָבער אויסער יידן. פאַר זיי, די גוים, זענען אַלע לענ־דער אָפן. איין אַמעריקע איז זיך אויף אונדז מרחם און לאָזט אַריין אַ

נישטיקן פּראָצענט היימלאָזע יידן. די רעשט לענדער ווילן אונדז נישט אַריין לאָזן, ווייל מיר זענען יידן".

אַלע שטוב־איינוווינער האָבן די זעלבע טענות, די זעלבע רייד און דעם זעלבן פּאַרדרוס.

„גענוג" האָב איך צו זיך געזאָגט און בין אַרויס. צוקומענדיק צום לאַגער־טויער, האָב איך זיך עטוואָס פאַרהאַלטן ביים וואַך־בודקאַלע, אָפּצונעמען מיין ד. פּ. און פרעסע קאַרטען. דאָרט האָב איך נאָך געכאַפּט אַ לעצטן שמועס מיט אַן אַלט פּאָרל. געמיינט האָב איך אפשר וועלן די יידן מיר עפּעס פריילעכעס דערציילן. געהערט האָב איך אָבער דעם זעלבן פּזמון: זיי זיצן שוין עלף חדשים, האָבן שוין אַלץ פאַרקויפט פון זיך און קענען אַלץ נישט פאָרן קיין בראַזיליע צו זייערע קינדער.

„ווען מ'זעט" האָט זיך אָנגערופן די פרוי. „ווי די וואָס האָבן גע־פּייניקט, געמאָרדעט אונדזערע נאָענטסטע, האָבן אומעטום אַ רעכט צו פאָרן און פאָר אונדז, יידן, זענען אַלע טירן פאַרשלאָסן, ווערט דאָס האַרץ צעפּלאַצט. כ'בעט אייך", האָט זי זיך געווענדעט צו מיר, „וואָס וועט זיין דער סוף?".

„גאָרנישט", האָב איך געענפערט. בקרוב וועט איר פאָרן אַהין, וווּ אהין עס פאָרן אַלע יידן, ווי מ'וואַרט אויף אונדז — קיין ישראל".

„אַזוי מיין איך אויך", האָט זי געזאָגט צו איר מאַן.

א „לעבן" אויף רעדער

אַ לעבן אויף רעדער...

איך בין געפאָרן אין אַ „אירא" אויטאָבוס, פון איין לאַגער אין צווייטן.

דער רוישנדיקער, אַמעריקאַנער מאָטאָר, וואָס האָט געטריבן דעם דייטשישן אויטאָ, האָט פאַרטויבט מיינע געדאַנקען.

אין דעם נידעריקן, שמאָלן און קורצן מאַשין־חלל איז געווען אַנגע־פּאַקט מיט רייזנדע. די לופט איז געווען אַזוי געדיכט, אַז מ'האָט איר געקענט שניידן מיט מעסערס. אויך דער געטומל איז געווען נישט דער־טרעגלעך. צוליבן געדראַנג איז מיר אוממעגלעך געווען צו זען די פּני־מער פון די הויך־ריידנדיקע. דערפאַר האָב איך גוט געהערט זייערע קולות. אָפּגעריסענע שטיקלעך זאַצן, וואָס זענען דערגאַנגען צו מיינע אויערן, האָבן מיך אָריענטירט, אַז די טעמעס פון די שמועסנדיקע זענען: „מסחר", „פּאָליטיק" און דער עיקר וועגן רייזע־פּלענער אין פאַרשידענע לענדער. אַזוי ווי מיך האָבן ווייניק אינטערעסירט די אַ אַרט „פּראָבלעמען" האָט עס מיך געלאַנגווייליקט. כ'האָב אָנגעהויבן פּילן אַ מידקייט אין אַלע אברים. בכדי שנעלער צו פּטרן די אַזוי פאַר מיר אומאַנגענעמע רייזע־צייט, האָב איך געזוכט עפּעס אַן אָביעקט, וואָס זאָל מיך פאַראינטערעסירן.

און אַז מען זוכט געפינט מען.

דוקא הינטער זיך, האָב איך דערזען אַ ברייט־ביינערדיקן, פעסט־געבויטן פּראַנט. די קליידונג איז אים אויף איז געווען ניי, ציכטיק, לויט דער לעצטער לאַגער־מאָדע: אַ לאַנגע, ברייטע, שמאָל־קלאַפּיקע מאַרינאַרקע מיט אויסגעבעטע, רונדיק־אויפגעבלאָזענע ברוסטן־זעקעלעך און נייע, באָרדאָ שיך. זיין פּנים שוין פיל מיט פאַלדן, איז געווען גוט ראַזירט און זיינע געלע פּעדאַנטיש פאַרקעמטע האָר האָבן געגלאַנצט פון ברילאַנטין.

נעבן אים איז געזעסן זיין פּאַרטנערן — אויך אַן אויסגעפּוצטע, קאָסמע־טיש־באַשמירטע, נישט זייער קיין יונג דאַמעלע.

דאָס פּאָרל איז עוסק געווען אין צוויי זאַכן: געגעסן גאָר איילעוודיק און שנעל געגעסן גערעדט וועגן פּרייזן אויפן שוואַרצן מאַרק. אין עסן איז דער פּראַנט געווען אַקטיווער פון זיין וועג־באַגלייטערן. גאָר איילעוודיק האָט ער געביסן שטיקער פון גרויסע, רויטע, זאַפטיקע ווינטער־עפּל און נאָכ־געטרונקען פון אַ פלאַש עפּעס אַ רויטלעכע משקה. פון צייט צו צייט האָט ער זיך איבערגעווינקען מיט דעם ווייבל און אָפּגעשפּאָט פון די נעבן אים זיצנדיקע חסידישע שכנים. אויך צו מיר האָט ער אייניקע מאָל גוט־ברודעריש געווונקען, געגלאָצט מיט זיינע גרינע, ממזרישע אייגע־לעך. נאָכן ערשטן איבערייס האָט ער זיך גענומען צו „נאָכבייס": פון אַ גרין, רויט־באַבלימט טאָרבאַלע האָט ער מיט זיין רויט באַהאָרטער האַנט אַרויסגענומען וועלטשענע ניס, זיי שנעל געוואָרפן אין זיין ברייט צעעפנט מויל, און זיי מניה וביה צעקנאַקט. אויך זיין פּאַרטנערן איז נישט געבליבן אין עסן אונטערשטעליק. זי האָט אָבער נישט געגעסן אַזוי אַפּעטיטלעך. מיט אירע קינסטלעכע ציין, וואָס האָבן אַרויסגעשטאַרט פון די באַרויטלטע, דיקלעכע ליפּן, האָט זי אַלע ווילע אָפּגעביסן שטיק־לעך פון אַ פאַרשימלט „דזשאַינט"־טשעקאָלאַדע און אָפּגעענפערט דעם פּראַנט אויף אַלע זיינע חכמות.

„סאַלטשע" האָט ער זיך געוואַנדן צו איר, „ווייסט? סעוועק לאַ־טעק איז שוין די וואָך אָפּגעפאָרן".

„איז מיט וועמען וווינט איר היינט צוזאַמען אין דעם צימערל?" האָט זי געפרעגט נייגעריק.

„אַליין" האָט ער איר, ווי סודותדיק, אַריינגעשעפּטשעט אין אויער. „דער וווינונגס־אַמט האָט מיר, אין זעלבן טאָג, געטוישט דאָס צימער. כ'האָב איצט אַ מחיה. איינער אַליין. זי וועלן זען, סאַלטשע".

הערנדיק די נייעס, האָט זיך איר קאָפּ, אינסטינקטיוו, צוגעבויגן צו זיין ברוסט. זי איז אויך עטוואָס משנה צורה געוואָרן: אויף איר קליין פּנימל האָבן זיך די באַפאַרבטע בעקעלעך מאָדנע צעצויגן. די ליפּן — פאַרפרעסט און די אויגן עטוואָס פאַרזשמורעט. עס איז געווען

מערקבאַר אַז זי וויל נישט אַרויסווייזן אירע נייגעריקע פאַראינטערעס־סירטקייט און געפילן. נאָכער האָט זי אַביסל געעפנט די אויגן. געגעבן אים אַ צייכן, ער זאָל שווייגן. דערנענטערדיק איר מויל צו זיינע אויערן האָט זי אים עפּעס איינגערוימט.

„אַזוי פאַרשטיי איך...״ האָט ער אַ צופרידענער געענטפערט. נאָך אַ ווילע שווייגן האָט דער פראַנט ווידער געפרעגט:

„יוזשעק שרייבט עפּעס פון פאַריז?״

„אַ פראַגע צו ער שרייבט, כמעט יעדן טאָג״.

„וואָס שרייבט ער?״

„וואָס זאָל ער שרייבן? ער שרייבט, אַז פאַריז איז אַ גן־עדן אָבער נישט פאַר אונדז, יידן. אַלע פּליטים ווילן אַוועק. ער שרייבט אויך אַז ר׳אַרבעט, פאַרדינט נישט שלעכט, ער זאָגט מיר צו, ווי נאָר ער וועט קומען צו געלט, נעמט ער מיך אַריבער״.

„לייכט אָפּגערעדט ער נעמט מיך אַריבער״, האָט ער איראָ־ניזירט פון אירע רייד. „מיינס אַ פּשיאַטשעל איז אַוועקגעפאָרן קיין פאַריז אויף אַרבעט און שוין אַ יאָר ווי ער האַלט אין איין צוזאָגן זיין ווייבל, איר אַריבערצונעמען און גאָרנישט״.

„מילא״, האָט זי גלייכגילטיק אָפּגעענטפערט, „איר ווייסט דאָך, לעאָן, „וואשעווא בראטא״ (אייערע ברודער) נאָכן קאַצעט נעם איך זיך קנאַפּ איבער פון אַלעמען, נאָך דערצו פון אַ יאָלדישן שטיקל מאַן...״

...— „רשעים בחיים נקראים מתים״, האָב איך פּלוצים דער־הערט אַ כאָרכלענדיק קול הינטער מיינע פּלייצעס. אויסדרייענדיק זיך, האָב איך באַמערקט ווי מיינע חסידישע רייזע־שכנים, וועלכע איך האָב, צום באַדויערן, די גאַנצע צייט נישט באַמערקט, שמועסן, וועגן גאַנץ אַנדערע ענינים:

...— „אין דער אמתן בעריש״, האָב איך געהערט ווי אַ גרויז בערדיקער ייד, מיט אַ ספר אין דער האַנט, זאָגט צו אַ נעבן אים זיצנ־דיקן יינגערמאַנטשיקל, „ווער ס׳פילט נישט אויף דער וועלט קיין תענוג רוחני, ווייסט נישט פון עולם הזה, פאַרלירט נאָך, רחמנא ליצלן, עולם הבא. איר ווייסט בעריש? כ׳קען זיך גאָר נישט פאָרשטעלן וואָס אַ ווערט

ס׳וואָלט אַ שטייגער געהאַט ס׳גאַנצע ביסל לעבן דאָ, ווען מ׳קען נישט אָפּלערנען אַ שטיקל גמרא, מעין זיין אין אַ ספר, דאַוונען מיט מנין, אָפּהיטן כשרות. אַזוי איז טאַקע אַ מחיה. נתן״, האָט ער זיך געוואָנדן צו אַ גאָר יינג בחורל, וועלכער איז געזעסן פאַרקאָרטשעט, נעבן אַ שוואַרץ באַשייטלטער פרוי, „האָסט שוין געזען דאָס ספר? נאַדיר און זיי מעין אויפן אָנגעקנייטשטן זייטל. הינטן דאָרט אין פרק ל״ב. אַ טייערער מאמר״.

דאָס בחורל האָט גענומען דאָס ספר, עס צעעפנט און הידושדיק אַריינגעקוקט מיט זיינע פאַרחלומטע אויגן. נאָך איניקע רגעס, האָט ער פאַרמאַכט דאָס ספר, עס צוריק דערלאַנגט דעם ייד, צוזאָגנדיק:

„טאַטע, נאַדיר. האַלט. כ׳על שוין אַ דורכקוקן אין דערהיים. די חברה טומלען דאָ אַזוי, אַז ס׳איז פשוט אוממעגלעך תופס צו זיין איין וואָרט. מאַמע״, האָט ער געזאָגט צו דער פרוי מיטן שייטל, „ס׳טוט מיר אַזוי וויי דער קאָפּ, אַז כ׳קען נישט אויסהאַלטן״.

„אַ שיינע מעשה״, האָט די פרוי געענטפערט, „און וואָס וועט זיין נאָך דער חתונה? ר׳ בעריש״, האָט זי געזאָגט צו איר שכן, מיין חיים נתן קומט אַ מזל־טוב. היינט געשריבן תנאים״.

„מאַמע, הער אויף. ווייבער האָבן ליב צו רעדן. ס׳פרעגט דען דיך ווער?״ האָט דאָס בחורל זיך צעטענהט.

נאָך דעם דיאַלאָג, האָט זיך ר׳ בעריש געגעבן אַ שטעל אויף פון אָרט, צעשפּרייט די הענט און זינגענדיק, זיך צעשריגן:

„אַזוי! חיים נתן! קומט דאָך דיר דעם ריכטיקן מזל־טוב. וואָס האָט עץ ביז איצט געשוויגן? נו, גוט צו וויסן. ר׳ יאָסל, שבת, מיין איך, טרינקט מען משקה״.

די ווערטער זענען גוט געהערט געוואָרן פון אַלע דערנעבן־זיצנדיקע, וואָס האָבן שמייכלענדיק און וווּנדערדיק אָנגעקוקט דאָס נאָך קינדישע חתנדל, אויף וועמענס בלייכע בעקעלעך ס׳האָבן זיך לייכט געראָזט בושה־פלעקן. מיט בייזלעכע בליקן האָט ער אָנגעקוקט זיין מוטער, וועלכע האָט, קעגן זיין ווילן, אַלץ אויסגעפּלוידערט. פילנדיק זיך אַביסל שולדיק, האָט די מוטער זיך אָנגעהויבן פאַרענטפערן:

„אַ וואַזשנע בושה, זאָלסט אַזוי געזונט זיין. זאָלן זיך שעמען די די גרויסע צעלייגערס, וואָס קענען נישט קריגן קיין כלה, האָסט געהערט יאָסל", האָט זי זיך געוואָנדן צום מאַן, כ'בין אַזוי הונגעריק, אַז ס'האַרץ פאַלט מיר שיער נישט אַרויס".

„איי שטותים", האָט זיך אָנגערופן דער אַלטער און צוגעשמייכלט, „מ'וועט דאָס אויך איבערהאַלטן. כ'וואָלט אַליין אויך עפּעס טועם געווען. אָבער אין וועג מוז מען צולײַדן. ווי זאָגט איר בעריש? מ'האָט שוין ערגערס געהאַט און ס'איז ב"ה אַדורך".

„נאָך תנאים פאַרט איר אַ היים הונגעריקע?, האָט נייגעריק געפרעגט דער בעריש.

„מילא", האָט געענטפערט דער אַלטער מחותן, „וואָס זאָל מען טון? כ'פיר זעך, ווי מאַן פאָטער ע"ה: אין דעפרעמד נישט צי עסן. ווייסט, רחל", האָט ער זיך געווענדט צו זיין פרוי, „כ'על דיר דערציילן אַ סוד: כ'בין באַלד הונגעריק געווען אין דער היים, נאָכן אָנבייסן, נאָך פאַרן אַרויספאָרן. יאָ, יאָ, בעריש, מ'זאָל נישט זינדיקן מיט די רייד: אַ שקרדיקע וועלט היינט מיט פאַלשע מאַכלים. דו עסט אָפּ אַ מאָלצייט און פילסט נישט קיין שום זעטיקייט. אַמאָל, געדענק עך, ווען מ'האָט געפירט אין ד'היים אַן אייגן האָז (הויז) איז אין אַלעמען געווען שפע און ברכה. מ'האָט גאָרנישט אַזויפיל געגעסן און מ'איז געווען זאַט. היינט, מ'שטיינס געזאָגט, איז אין גאַנצן אַנדערש. עסט אַ סך און די תאווה לעשט זעך נישט. אַ שקרדיקע וועלט, בעריש, מיט פאַלשע מאַכלים. נאָר גאָר נישט. געלויבט זאָן ליבער נאָמען, מ'האַלט אַזוי ווייט. מיט השי"ת הילף וועלן מיר די לאַגערן אויך פּטור ווערן.

„כ'האָף", האָט זיך אָנגערופן די מחותנתטע, „אַז חיים נתנס חתונה וועט שוין זיין מיט מזל, ווען מ'עט שוין זיין אָף אַן אָרט, אין ארץ ישראל".

נאָך די לעצטע ווערטער זענען זיי אַטשוויגן געוואָרן. אויף מיר אָבער, האָט זייער שמועס געמאַכט אַן אָנגענעמען איינדרוק. פאַרשאַפט מיר לויטער נחת־רוח. מיין מוח האָט ר'געס גאַנץ אַנדערש געטראַכט. ווי נאָר אָבער איך האָב געפרווט מאַכן די ערשטע פּאָזיטיוו־לאָגישע אויספירן וועגן די באַגעגנטע חסידישע יידן, מיט וועלכע כ'האָב זיך געוואָלט נענ־

טער באַקענען, האָט זיך דער „אירא״־אויטאָבוס אַ שטאַרקן טרייסל געטון און מיך אָפּגעשליידערט פון זיי. אויף מיין פריערדיקן שטיי־פּלאַץ האָט די מאַשין־וואַקלניש אַריינגעוואָרפן אַנדערע פּאַסאַזשירן, וועלכע האָבן געשאַפן אַ מחוצה צווישן מיר און די חסידישע שכנים. עטלעכע מאָל האָב איך געפּרוווט זיך צוריק שטופּן אויף מיין פריערדיק אָרט, די ענג־שאַפט אָבער האָט מיר געשטערט, מיך איינגעקלעמט, נישט צו רירן זיך פון אָרט. פאַר מיר איז געבליבן שטיין, ווי איינגעפּרעסט, אַ דיקע פרוי, וואָס האָט מיט איר הויכקייט, דיקקייט און ברייטקייט מיך פאַרשטעלט פאַר אַלעמען און נישט געלאָזט באַוועגן אויף איין שריט פאָרוועטס.

נאָך אַ פּאָר מינוט שטיין אַזוי איינגעפּרעסט, איז הינטער מיר געוואָרן עטוואָס לויזער. כ׳האָב זיך אויסגעדרייט און בין, ליידער, ווידער געבליבן שטיין, פּנים אל פּנים, מיט דעם אויבן באַשריבענעם פּאָרל.

„בערנאַרד״, האָב איך ווידער געהערט רעדן דעם פּראַנט לעאָן: „וואָס זאָגסטו נישט צו דעם חתנדל? זיכער אַלט אַ זעכצענער״.

„לאָך נישט אַזוי לעאָן״, האָט אָפּגעענטפערט אַ פאַרפּוצט פּאַצעטל, צו וועמען לעאָן האָט זיך געוואָנדן, „וואָס טוסטו דאָס אויף מיט דיין אַרומ־פאָרן אין אַלע דיינע געשעפטן? דרייסט מיט דער וועלט און לאָמיר זען זאָלס עפּעס פאַר זיך פאַרהאַנדלען אַ שטיקל מיידל, זאָל שוין זיין אַ ווייבל, אַבי אַן עק זאָל עס נעמען״.

דער לעאָן האָט צו זיין באַקאַנטן שנעל אַ ווינק געגעבן, אַז ער זאָל אויפהערן רעדן, אָנווייזנדיק מיט די אויגן אויף זיין פּאַרטנערן, וועלכע האָט געדרימלט אויף זיינע אָרעמס.

„באַדיר אַ צווייער פאַרן גאַנצן לעבן״ האָט לעאָן אָנגעהויבן עפּעס רעדן אָבער זיין זאַץ, דער גאַנצער געטומל און אַלע געשפּרעכן זענען, פּלוצים איבערגעריסן געוואָרן, צוזאַמען מיטן רוישנדן מאָטאָר, וואָס האָט אָפּגעשטעלט דעם גאַלאָפּ. — דער אויטאָבוס איז געבליבן שטיין אין אַ קליין בייעריש שטעטל.

נישט קענענדיק מער איבערטראָגן די אומאַנגענעמע, הייסע און געדיכטע לופט אין דעם ענגן לאַגער־אויטאָ, בין איך אַרויס פון דער מאַשין, זיך געלאָזט גיין צום באַן־הויף.

אַרויסגייענדיק האָב איך אין זיך איינגעאָטעמט די פרישע לופט, וואָס איז געווען דורכגעזאַפּט מיטן דופט פון סאָסנעס.

קנאַהדיק האָב איך געקוקט אויף דער נאַטור־פּראַכט, וואָס רינגלט אַרום דאָס שטעטל. אָבסערווירנדיק די פיין געבויטע הייזלעך, וואָס שטייען אין פרוכט־גערטנער; די געמיטלעכע געמיינדע דייטשן — וועלכע חקרע־נען זיך נישט וועגן לעבן, נאָר לעבן ממש — מיט זייערע גראַציעז־שפּאַ־צירנדיקע, זאָרגלאָזע פרויען און פריידיק־לוסטיקע קינדער — האָט דאָס אַלעס ביי מיר אַרויסגערופן געמישטע געפילן פון צער און לוסט. —

כ׳האָב באַשלאָסן: מער נישט צוריק אַריין גיין אין „אירא״־אויטאָ־בוס, נאָר פאָרזעצן מיין רייזע מיטן צוג, בכדי אויך אַביסל געניסן פון ריינער לופט און רויקייט.

נישט קענענדיק דעם וועג צו דער באַן, האָב איך, גאָר העפלעך, אָפּגעשטעלט אַ דייטש, אים געפרעגט ווו צו גיין. ער האָט מיך גראַדע רויק אויסגעהערט. באַמערקט האָב איך אָבער, אַז זיין פּנים פאַרציט זיך עפּעס אַזוי מאָדנע, בייז און ערנסט. אָנגעקוקט האָט ער מיך קאָנטראָלירנ־דיק מיט שאַרף־שפּיזנדיקע אויגן און דאָך מיר דערקלערט, אַז דער וועג איז אַ קורצער. כ׳זאָל אַריינגיין אין וועלדל „גראַדע אויס״, זיך פאַרדרייען אויף רעכטס, נאָכער אויף לינקס און ווידער אויף רעכטס... ווען דער דייטש איז פון מיר אַוועק, בין איך געבליבן אַליין שטיין און גאָרנישט פאַרשטאַנען די אָנווייזונגען פון גיין אויף רעכטס, לינקס און ווידער אויף רעכטס...

דערווייל האָבן פאַר מיר דורכשפּאַצירט דייטשישע משפּחות: גרייז־גרויע זקנטעס, אַלטע מענער, מיטל־יעריקע און ייִנגע פּאָרלעך מיט זייערע קינדער. קינדער אָן אַ צאָל און פאַרשידניעריקע — אַלע לוסטיקע, פריי־לעכע און מונטערע.

„אַלע פאָלקס־שיכטן לעבן ביי זיי״, האָב איך, קנאַהדיק, געטראַכט. מיין געמיט האָט זיך אויפסניי פאַרהילט אין שוואַרצע, אבלדיקע יזכור־געדאַנקען וועגן מיין פאַראַשטער משפּחה. —

„ווו הויבט מען דאָס אָן צו גיין? אויף רעכטס, לינקס, און ווידער

אויף רעכטס״, האָט זיך געפּלאָנטערט אין מיין קאָפּ. כ׳האָב נישט געוווסט וואָס צו טון.

כ׳האָב זיך אַרומגעקוקט, געזוכט עפּעס אַ מענטש, בכדי צו פרעגן דעם וועג און דערשטוינענד געזען: נישט ווייט פון מיר איז געשטאַנען דער זעלבער דייטש, וואָס האָט מיר אָנגעוויזן ווו צו גיין. אָנקוקנדיק אים האָט מיך אַרומגענומען אַ שרעק: זיין פּנים האָט אויסגעדריקט רציחה, איז געווען פלאַמיק, צכעסט. זיינע הענט האָט ער געהאַלטן אַראָפּגעלאָזט אָבער געביילט אין פויסטן. מיר האָט זיך געדוכט, אַז ער וואַרט כ׳זאָל אַריינגיין אין וואַלד, דאַן וועט ער מיך כאַפּן און מאָרדן. איך האָב אָנגעהויבן ציטערן. געזוכט אַ וועג צו אַנטלויפן.

„זאָגט נאָר, מ׳גייט שוין פאָרן״, האָב איך, פּלוצים געהערט מיך רופן פון איינעם, וואָס איז ספּעציעל אויסגעשטיגן פון „אירא״־אויטאָבוס און מיך געגאַנגען רופן.

אַ רגע האָב איך זיך פאַרטראַכט און דאַן באַשלאָסן:

נישט לאָזן זיך, צוליב קורץ־דויערנדיקע באַקוועמלעכקייטן, אויף געפערלעכע וועגן, וואָס זענען פיל מיט די מערדער פון מיינע נאָענטע און אַ דריטל פון מיין פאָלק און וואָס וואַרטן נאָך אויף מיין יינג לעבן אומצוברענגען, נאָר צוריק אַריינגיין אין דעם „אירא״־אויטאָבוס און ווייטער מיטפאָרן מיט מיינע יידישע ד.פּ.־ברידער ביז אונדזער ענד־רייזע...

סיגנאלן

סיגנאַלן...

אויסערלעך האָבן אַלע יידישע ד. פּ.־לאַגערן אין דייטשלאַנד געהאַט איין אויסזען. פּאַקטיש אָבער האָט זיך יעדער קעמפּ אונטערשידן פון אַנדערן מיט זיין ספּעציפישער אייגנאַרטיקייט, וואָס האָט זיך, אין אַ גאַר קורצער צייט, אויסגעשטאַלטיקט, צוליב דעם פאַרשידענעם מענטשן־מאַטעריאַל, וואָס האָט זיך, ווי ספּעציעל צוזאַמענגעקליבן אין יעדן לאַגער באַזונדער — „מצא מין את מינו״.

אויך דער ד. פּ.־לאַגער: „סעדאַן־קאַסערנע״, האָט זיך אינגאַנצן אונטערשידן פון די אַנדערע פינף יידישע ד. פּ.־לאַגערן אין אולם. — דאָרט איז געווען דער יידישער „האַנדלס־צענטער״ פון די דזשאָינט־ראַציעס און געשענקטע קליידער.

ווען איך האָב געהאַט פרייע צייט, פלעג איך ליב האָבן אַרויסקוקן פון מיין פענצטערל. געזען האָב איך פאַרשידענע בילדלעך און געהערט די מיר אַזוי געליבטע יידישע שפּראַך, אָבער צום באַדויערן מיט נייע, פאַר מיר פרעמדע ווערטער און אינהאַלטן.

——— צילל־שפּאַצירנדיקע ד. פּ.־יידן, וואָס האָבן מיט אַ קורצער צייט צוריק אַראָפּגעוואָרפן פון זייערע צעפּייניקטע און קוים לעבעדיקע גופים די שאַנדפולע קאַצעט־בגדים, האָבן זיך, איבערגעטון אין ברוין־לעדערנע, גלאַנציקע כאַלאַטן. אַ טייל פון זיי זענען געווען אַנגעטון אין העלע, ביז די קניען לאַנגע מאַרינאַרקעס מיט הויכע אַקסלען, אָנגעפּילט מיט וואַטע־קישעלעך, וואָס האָבן עטוואָס פאַרהעכערט און פאַרברייטערט זייער שמאָל־קייט און קליינוווקסיקייט. כמעט אַלע מענער האָבן געטראָגן עפּעס אַזעלכע מאָדנע גאַליפע־הויזן מיט שאַרף אויסגענייטע שפּיצן און שוואַרץ־גלאַנציקע, הויך־סקריפּענדיקע אָפיצירסקי שטיוועלעך. זיי פלעגן זיך תמיד

דרייען אין די דייטשישע גאַסן, אויסגעקוקט מיט גיריקע אויגן (אין וועלכע עס איז נאָך נישט געווען אויסגעלאָשן דער טויט־פּחד פאַר די דייטשישע מערדער) דורכגייענדיקע דייטשישע סוחרים און קונים, וועלכע זאָלן זיי ברענגען לייכטע פאַרדינסטלעך.

מ׳האָט אויך געזען:

ס׳האָבן אַרומשפּאַצירט אויסגעפּוצטע מיידלעך און ווייבלעך, וואָס זענען אין לאַגער געווען גוט באַקאַנט. בעת זיי זענען אָנגעקומען אין לאַגער האָבן די אָ פּרויען אויסגעזען ווי אָפּגעלעבטע זקנות. מיט דער צייט האָבן זיי פאַרווישט פון זיך די קאַצעט־סמנים: איבערגעפאַרבט די פאַר דער צייט גרוי־געוואָרענע האָר. אַביסל אויסגעגלעט מיט קאָסמעטיק די צעקאַרבטע פנימער און פאַרשטעלט די קאַצעט־נומערן אויף זייערע הענט מיט גאָלדענע בראַנזאָלעטן, געקויפטע פאַר נישט אויפגעגעסענע פּושקעס, אויסגעבעטלט ביים דזשאָינט. אויך די אָ ווייבלעך און מיידלעך האָבן זיך געדרייט אויף די גאַסן. געזוכט פאַרדינסטלעך ביי דייטשישע הערן, מיט וועמען זיי פלעגן פלירטעווען.

מ׳האָט אויך באַמערקט:

געוועזענע באַלעבאַטעמלעך, וואָס פלעגן, ביי יעדער געלעגנהייט באַרימעריש דערציילן פון זייערע פאַרמלחמהדיק גרויסע געשעפטן, אַר־בעטס־אונטערנעמונגען, וואָס פאַר אַ וויכטיקע ראָלן זיי האָבן געשפּילט אין דעם פאַרמלחמהדיקן יידיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן. די אָ אָפּגעקו־מענע גבירים און געוועזענע כלל־טוער זענען תמיד אַרומגעגאַנגען עובר־בטלדיק. שוין מידע פון אַריינטראַכטן אין דעם פאַר די לאַגער־יידן פאַר־נעפּלטן „לאָן״, האָבן זיי שוין מער גאָרנישט געקלערט. בלויז אין זינען געהאַט: „וואָס דאַרפסטו? וויפל און ווען גיט מען ווידער עפּעס אין דזשאָינט־מאַגאַזין״.

אַ מאָדנע זאַך: מענטשן פאַר וועמען קצבה נעמען איז געווען פאַררעכנט פאַר די נידעריקסטע און בושהדיקסטע זאַך, זענען, טאָג־איין טאָג־אויס, געשטאַנען אין די רייען. מיט שפּלדיקע, געבויגענע קעפּ, אויסגע־שטרעקטע הענט, און חניפהדיק געבעטן, מ׳זאָל זיי עפּעס וואָס שענקען פון די אין דער וועלט אויסגעשנאָרטע זאַכן. טייל פון זיי האָבן געבעטלט

וויינענדיק, אַנדערע האָבן געשריגן און געקלאַפּט אין קאָמיטעט־טיש: „באַנדיטן! רויבער! ווען איר ווילט, גיט איר!!".

און גאָר אָפּט האָב איך גערן געהאַט צו אָבסערווירן די בלייכינקע און אָרעם געקליידעטע קינדערלעך, וואָס פּלעגן תמיד זיך דראַפּן אויף דעם אייזערנעם פּאַרקן, וואָס האָט אָפּגעגרענעצט דעם לאַגער פון דער דייטשישער גאַס, אַרויסגעקוקט פון די קראַטן־לעכער אויף דער זוניק־באַ־לויכטענער גאַס. עס האָט אויסגעזען ווי דאָס קליינוואַרג מיט די אַרויסגע־שטעקטע קעפּלעך, בלייכע פּנימער און אַ סך מיט פּאַרוויינטע אייגעלעך וואָלט זיך ווען אַרויסרייסן פון דעם לאַגער און העט־ווייט אַנטלויפן, ווי געפאַנגענע פייגעלעך פון פאַרשלאָסענע שטייגן.

דאָס אַלץ האָט מען געזען בעתן אַראָפּקוקן אין לאַגער פון אַ צווייסטאָקיקער־הייך — פון אַ הויז וואָס איז געשטאַנען אויף אַ דייטשי־שער גאַס, נעבן יידישן ד.פּ.־לאַגער.

כ'האָב אפילו געווּסט, אַז די אַלע זיך אין די גאַסן אַרומ־דרייענדיקע, לייכטע פּאַרדינער און טומלענדיקע בעטלער, זענען דער־קלענסטער טייל פון דער לאַגער־באַפעלקערונג. די גרעסטע צאָל יידישע ד.־פּיס אין סעדאַן־קאַסערנע זענען געווען אַרבעטער, באַאַמטע, פּראָפע־סיאָנעלע אינטעליגענטן, וואָס האָבן געלעבט באַשיידן, שטיל און בצמ־צומדיק. אין דער פרייער צייט, נאָך דער אַרבעט, זענען זיי געזעסן אין זייערע שטובן און פאַרבראַכט מיט זייערע משפחות. קיינער האָט זיי נישט באַמערקט, דערפאַר אָבער זענען די עטלעכע צענדליק פילדערנ־דיקע געווען מער אָנזעעוודיק. איז מיר טאַקע איינמאָל געווען פיינלעך צו קוקן אויף די יום־טובדיק אויסגעפּוצטע בעטלער, וואָס זענען אַזוי שטאַרק געווען פאַרקאַכט אין זייערע מ'שטיינס געזאָגט „געשעפטן", אַז זיי האָבן אפילו נישט געהערט ווי די ראַדיאָ קאָמוניקאַטן האָבן סיגנאַ־ליזירט: „שטאַרקער אויפרייס אין ירושלים — צענדליקער טויטע און פאַרוווּנדערטע יידן" אָדער: „ענגלענדער פאַרהאַלטן אַ שיף מיט עולים, זיי פאַרשיקט אין אַ בייעם לאַגער", אָדער: „אַראַבישע אַריינדרינגלער זענען אַריבער די א"י־גרענעץ, זיי טעראָריזירן יידישע ישובים, רויבן און

מאָרדן" — „געכאַפּט דייטשן, וואָס פירן אָן מיט אַראַבישע באַנדעס", און ענלעכע „בשורות טובות".

די ראַדיאָ אַפּאַראַטן האָבן הויך געהילכט אָבער די גאַסן־הענדלער האָבן געשריגן נאָך העכער, פאַרטומלט אַלע אַלאַרמירנדיקע ידיעות.

זעענדיק און הערנדיק דאָס אַלץ, בין איך דאַמאָלס אַוועק פון דעם פענצטערל, אַרויס פון מיין שטיבל.

פאַרמאַכנדיק הינטער זיך די טיר פונעם טונקעלן צימערל, האָבן זיך מיינע בליקן געטונקלט פון דער ליכטיקייט, וואָס האָט זיך געגאָסן פון דעם מערב־פענצטער אין קאָרידאָר, דורך וועלכן כ'האָב געזען דייטשישע באַוווינטע גאַסן. — אַנטפּלעקט האָט זיך פאַר מיר אַ צווייטע וועלט, וואָס כ'האָב איר אַזויפיל מאָל געזען און דאָך האָט די אָ וועלט געהאַט פאַר מיר, נאָכן אָבסערווירן דאָס אָ יידישע לאַגער־לעבן, אַ גאַנץ אַנדערן אויסזען:

אַ בלויער הימל איז געהאָנגען איבער די שטאָט־הייזער מיט די זוניק־באַגאָלדיקטע פענצטער, וועלכע זענען געשטאַנען אַזוי שיין, גע־בויט אין גאָטישן סטיל, אויף בערגיקע און טאָליקע, ציכטיק־אַספאַלטירטע גאַסן. מ'האָט געזען לויפן רוישנדיקע מאַשינען, טראָליבוסן, טראַמייען, פונ־וואַנען ס'זענען אויסגעשטיגן רויקע פּאַסאַזשירן. יעדער פון זיי האָט געאיילט צו זייערע געשעפטן, אַמטן און אַרבעטס־פּלעצער. כאַפּנדיק אַ בליק אין אַ פענצטער פון אַ שכנותדיק הויז, האָב איך געהערט שפּילן סענטימענ־טאַלע מוזיק, באַגלייט פון אַ זינגענדיק יינג פּאָרל. כ'האָב גענומען מיין לאָרנעטקע און געזען:

אויף אַ שויס פון אַן אַמעריקאַנער סאָלדאַט איז געזעסן אַ בלאָנד, דייט־טשיש מיידל. לייכט־וויגנדיק איר שמאָל, האַלב־נאַקעט קערפּערל, האָט זי זיך געשפּילט מיט די זעלנערישע קנעפּ פון זיין מונדור. דער יינגער סאָל־דאַט האָט אויסגעזען ווי פאַרשיכורט פון פרייד. ער האָט זיך אַמוזירט מיט דער פריילין, תאווהדיק געגלעט איר ווייס דעקאָלטירטן האַלדז און זיך אויך געשפּילט מיט אַ זילבערן צלמל, וואָס איז געהאָנגען צווישן אירע גאַנץ נאַקעטע ברוסטן. אינמיטן דעם ליבע־שפּיל איז דאָס סאָלדאַטל גע־וואָרן גאָר צעפלאַמט. ער האָט זי ווילד געדריקט צו זיך, געגלעט איר

פנים, נאַקעטע פּלייצע, ברוסטן און געקושט אַלע אירע אברים. אין אַ שלעכטן דייטש האָט ער געזונגען עטלעכע ווערטער פון אַ דייטשישן קאַבאַרעט־שלאָגער: „בעלאַ מאַרי, פאַרבלייב מיט מיר"...

פּלוצים האָט דאָס כמעט נאַקעטע און צעשטרייטע מיידל אָוועק־געבויגן איר קעפּל פון דעם קאַוואַליר, אויפגעעפנט דעם ראַדיאָ, פון וואַנען מ'האָט געהערט:

„די דריי זאָנען־פאַראייניקונג פון דייטשלאַנד ווערט אַ פאַקט. דאָס וועט דערמעגלעכן די ווידעראויפלעבונג און ווידעראויפבויאונג פון דייטשלאַנדס צעשטערטערווירטשאַפט, סטאַביליזירן דעם עקאָנאָמישן מצב, ווידער ברענגען אין באַוועגונג אונדזערע פאַבריקס־רעדער און שטאַרקן די פריינטשאַפט פון דייטשישן פאָלק מיט די ענגלענדער און אַמעריקאַנער".

„בראַוואָ! בראַוואָ!" האָבןביידע — דער אַמעריקאַנער סאָלדאַט מיטן דייטשישן מיידל — געפּאַטשט, זיך געפרייט, נאָך פעסטער זיך אַרום־גענומען און זיך הייס צעקושט.

דאָס מיידל האָט מיך באַמערקט און גלייך פאַררוקט די פאָרהאַנ־גען און פון מיר חוזקדיק געלאַכט.

כ'האָב ווידער אַ בליק געכאַפּט אויף דער דייטשישער גאַס.

אויף אייזערנע רושטאָוואַניעס, אַרומגעשטעלט ביי האַלב־רואינירטע הייזער, זענען אויף עלעקטערישע דראָטן אַרויף און אַראָפּגעלאָפן טאַטש־קעס, פאַרלאָדענע מיט ציגל, זשוויר און אויסגעקנעטן קאַלך־טייג. די אַר־בעטער, וואָס זענען געשטאַנען אויף די רושטאָוואַניעס, האָבן אויסגעליי־דיקט דאָס בוי־מאַטעריאַל, עס דערלאַנגט זייערע מייסטערס. פון טייל שוין אויסרעמאָנטירטע, פריש־באַטינקטע בלאָקן זענען געוואָרן צענומען די רושטאָוואַניעס, וועלכע מ'האָט אויפסניי אַרומגעשטעלט ביי אַנדערע האַלב חרובע הייזער.

די אַרבעט איז געגאַנגען מיט דער געניסטער פלאַנמעסיקייט און דייטשישער פּינקטלעכקייט. געקוקט האָב איך אויף דעם אַלעם מיט קנאה. אינדעם האָט מען דערהערט אַ לאַנג־אויסציענדיק געפייפעריי — פאַבריקס־סיגנאַלן האָבן דערמאָנט די אַרבעטנדיקע אַ היים צו גיין און גערופן,

גלייכצייטיק, אַנדערע אַרבעטער צו קומען אין דער פאַבריק, וויסנדיק, אַז די פאַבריק, וואָס געפינט זיך בשכנות דעם לאַגער איז שוין זינט סוף מלחמה געשלאָסן, האָב איך זיך געוווּנדערט אויף די סיגנאַלן. טראָץ דעם, וואָס איך האָב אַזוי נאָענט געוווינט פון דער פאַבריק, האָב איך נאָך נישט געהאַט באַמערקט, אַז די פאַבריק זאָל שוין אַרבעטן. דעריבער ביז איך גאָר געוואָרן דערשטוינט, זעענדיק, אַז פון די רויט־ציגלדיקע הויכע קוימענס וויקלען זיך אַרויס גאַנצע קנוילן רויך. צוליב דער גאָר נאָענטקייט פון דער פאַבריק, האָב איך מיט מיין לאָרנעטקעלע געזען אַ טייל אַרבעטן אינעווייניק: די באַוועגנדע זעגן, מאָל־מאַשינען האָבן צעקרישלט די צוגעפירטע אייזנברוך: שטיקלעך פון צעשמעטערטע טאַנקן, פון חורבות אַרויסגעשלעפּט, צעקוועטשטע קינדער־וועגעלעך, לאָקאָמאָטיוו־טיילן, שטיקער באַלקאָנען, צעבראָכענע האַרמאַטן־לופעס, ספּרונזשונעס פון מאַטראַצן. די כסדר זיך באַוועגנדע זעגן, ריזן־וואַלצן, האָבן דאָס שמעלץ צעפּיצלט, צעמאָלן. אַלץ צוזאַמען. נאָכער איז דאָס אָפּגעטראַנספּאָרטירט געוואָרן צום אויפשמעלצן אויפסניי — פריש „פּרעס"־מאַטעריאַל פאַרן אייביק לעבעדיקן, גיגאַנטיש־שטאַרקן און שטענדיק הונגעריקן טייוול־גאָט, וואָס האַלט אין איין פּלאַנירן נייע פאַרניכטונגען פאַרן שאַפנדיקן און שלום־גאַרנדיקן מענטש. מ'האָט דאָרט נישט גערוט קיין איין רגע. אַלץ האָט זיך באַוועגט רויק, פּלאַנמעסיק, מיט דייטשישער פּעדאַנטישער פּינקטלעכקייט.

אָוועקבייגנדיק מיינע בליקן פון דער שמעלץ־פאַבריק, האָב איך אויפסניי געהערט געלעכטער פונעם אָפענעם,אָבער שוין מיט אַ שיינעם ראָלעט, פאַרהאָנגענעם פענצטער, ווו אַמאָר טוט זיך ס'זייניקע. — דער ראַדיאָ־הילכער האָט ווידער איבערגעגעבן:

„רוסלאַנד געשלאָסן אַ מיליטער־פּאַקט מיט פינלאַנד, וועגן קעגנזייטיקער הילף אין פאַל פון אַן אַגרעסיע מצד דייטשלאַנד".

און מ'האָט אויך געהערט פון אַ ראַדיאָ אַפּאַראַט אין ד. פּ. לאַגער ווו דער לאָנדענער יאַנעק וואָרנט אויף פּויליש: „די לאַגע אין פּאַלעסטינע איז געפערלעך" —

זעענדיק און הערנדיק דאָס אַלץ דורכן ליכטיקן מערב פענצטער

פון מיין קאָרידאָר, בין איך פון דאָרט אַ טרויערדיקער אויך שנעל אַוועק. כ׳בין צוריק אין מיין טונקעלן לאַגער צימערל, אויפסנײַ אַרויסגעקוקט דורכן מזרח פענצטער און געזען די זעלבע לאַגער־בילדלעך ווי פריער. כ׳האָב אָבער אויך דאָ נישט געקענט רויק איינשטיין.

* * *

נישט קענענדיק אַרויסקוקן דורך ביידע, מזרח און מערב־פענצ־טער, האָב איך זיך הין און צוריק געדרייט, ווי צווישן צוויי וועלטן: חלום און וואָר. צו מיינע אויערן זענען אָבער כסדר דערגאַנגען דער גערויש פון די פּאָר צענטליק האַנדלדיקע און בעטלדיקע לאַגער־יידן; דאָס געוויין און געשריי פון די קליינע קינדערלעך, וואָס האָבן זיך גע־שפּילט אויפן לאַגער פּאַרקן און אַזוי בענקנדיק אַרויסגעקוקט אויף דער פריילעכער גאַס און דער אַלאַרם־רוף פון די קעמפנדיקע א״י־יידן. דאָס אַלץ איז אָבער אָפּטמאָל געוואָרן פאַרטומלט דורכן געלעכטער פונעם אַמעריי־קאַניש־דייטשישן פאַרליבטן פּאָרל, פונעם געפּילדער אויף די דייטשישע גאַסן און געבראַזגעריי אין דער ניי־געעפנטער מעטאַל־שמעלץ־פאַבריק. אַמ־מערסטנס האָט מיך געשראָקן דער אין מיין האַלדז שטיקנדיקער רויך פון די אויפסניי אויפגעלעבטער דייטשישער פאַבריק. די קנוילן רויך, וואָס ס׳האָבן אַרויסגעזעצט פון די הויכע רויט־ציגלדיקע קוימענס, האָבן פאַרחושכט די באמת שיינע מערב־פּאַנאָראַמע, פאַרוואָלקנט דעם אַזוי שיי־נעם בלויען הימל און אויך מיין געמיט. פאַרטראַכטנדיק זיך אַ ווײַלע האָט מיין לייב געגרוילט, דערמאָנענדיק זיך די אַזוי גוט באַקאַנטע מלחמה־סיגנאַלן פון דעם יאָר 1939: טשעכאָסלאָוואַקיע, איטאַליע, פינלאַנד און די ווערטער פון דעם פּוילישן ראַדיאָ: „די לאַגע איז ערנסט און קען ווערן געפערלעך״.

און דערמאָנט האָב איך זיך די בלוטיקע מלחמה־בילדער, דעם טראַגישן אומקום פון מיינע נאָענטע און אַ דריטל פון מיין יידיש פאָלק. אין יענע מינוטן האָב איך געהאַט אין זינען:

ווען כ׳וואָלט פאַרמאָגט אַ היפּנאָטישן כוח, געוווסט דעם סוד פון

אויפוועקן מענטשן פון הינערפלעט, וואָלט איך אַראָפּ אין לאַגער. צו די ייִדישע ד.־פּיס און זיי וואָרנדיק סיגנאַליזירט:

ברידער ייִדן, די מלחמה־סכנה קאָן ווידער ווערן גרויס! לאָמיר באַצייטנס אַנטלויפן! מיט אַלע וועגן און מיטלען וואָס שנעלער אַוועקפאָרן פון דעם דייטשישן טמא־לאַנד, וואָס איז אינגאַנצן באַפלעקט מיט ייִדיש בלוט!

דער אימפרעסאריא
מיט זיינע „רעצענזיעס"

דער אימפּרעסאַריאָ מיט זײַנע „רעצענזיעס"

צעסאָפּעט, ווי אַ לאָקאָמאָטיוו, רויט אָנגעבלאָזן ווי אַן אינדיק, פאַרשוויצט, ווי גלייך פון באָד אַרויס, איז איינער צו מיר גאַנץ פרי אַריין אין שטוב, נישט אָנקלאַפּנדיק אפילו אין דער טיר. זיין אויסזען און מאָדנע אויפפירונג האָט ביי מיר אַרויסגערופן דערשטוינונג. דער אָ מאַן האָט זיין אַביסל צעריסענעם טשעמאָדאַן אַוועקגעשליידערט אויף מיין בעט און מיט זיין אויסגעשטרעקטער, האַריקער, גראָב־פליישיקער דלאָניע מיין האַנט אַזאַ פעסטן דרוק געגעבן, אַז עס האָט מיך אַזש פאַרקלעמט ביים האַרצן און אייניקע רגעס פאַרפעלט אָטעם. נאָך דעם דאָזיקן „שלום־עליכם" האָבן מיינע שמאָלע, ביינערדיקע פינגער באַקומען פאַרשידענע קאָלירן. איך האָב אים געפרעגט, וואָס עס איז זיין פאַרלאַנג.

„כ'בין אימפּרעסאַריאָ, אַדמיניסטראַטאָר, שוישפּילער פון דער באַוווסטער טעאַטער־טרופּע „קליין קונסט טעאַטער", איך הייס... קענט איר מיך נישט?" האָט ער אין איין אָטעם מיך געפרעגט און צוגעגעבן: „יאָ כ'האָב פאַרגעסן אייך צו זאָגן, אַז איך בין אויך דער קינסטלערישער לייטער פון דער טרופּע, און שפּיל דאָרט אַלע הויפּט ראָלן, וואָסזשע, האָט איר טאָקע פון מיר גאָר נישט געהערט? אָבער, ס'מאַכט נישט אויס, וועלן מיר איצט זיין באַקאַנט".

מיין פרוי, אָנקוקנדיק דעם פאַרשוויצטן און רויטן מאַן, האָט אים דערלאַנגט אַ שטול און געבעטן זיצן. ער האָט זיך פאַר איר סצעניש פאַרנייגט, זיך שפּילעריש לייכט צעשמייכלט און „אַרטיסטיש"־העפלעך געדאַנקט: „זעער גערן, מאַדאַם, אָבער וויסן זי, קינסטלער האָבן קיינמאָל נישט קיין צייט. מ'רופט זיי: „אומרויִקע גייסטער". איך מוז גלייך אַוועק לויפן. ס'איז דאָ אַרבעט איבערן קאָפּ. מ'דאַרף זיך באַרעכענען

מיט די קולטור־לייטער פון די לאַגערן: „הינדנבורג", „בעלקע־קאַסער־נע" און „היידנהיים". נאָך הײנט מוז איך צוגרייטן די פּרעמיערע פון אַ גאַנץ נײַ שטיק אין דעם לאַגער „לודנדאָרף קאַסערנע", אויך צופֿאָרן קיין לייפּהיים שליסן אַן אָפּמאַך וועגן אַ פֿאָרשטעלונג. און איך מוז נאָך הײנט מאַכן אַ פּראָבע מיט מײַן אַנסאַמבל, טאַקע דאָס נײַע שטיק, וואָס כ'האָב עס אַליין פֿאַרפֿאַסט מיט לידער און טענץ און הײנט שפּילט מען די פּרעמיערע. איך האָף, אַז מיט דעם טעאַטער־שטיק נעם איך אײַן גאַנץ דײַטשלאַנד און לײג אַוועק אויף דער לאַפּאַטקע אַלע טעאַטער־טרופּן. יאָ, ליבע פֿרוי, אַ שווער שטיקל ברויט אָבער אַ זיכערס.

„מיט וואָס קען איך אײַך דינען?", האָב איך אים געפֿרעגט.

„וואָס איז מיט אײַך? האָט איר טאַקע פֿון מיר גאָר נישט געהערט? לייענט איר נישט די יידישע פּרעסע? כ'האָב דאָך אין אַלע צײַטונגען רעצענזיעס!"

„וואָס הייסט איך לייען נישט?" האָב איך אים אָפּגעענטפֿערט, נאָך יעדן שבת דרײַ איך זיך עטלעכע טעג אַרום מיט קאָפּ־ווייטיק, נישט פֿאַר אײַך געדאַכט. איך בין פּשוט צעטומלט נאָכן אַדורכלייענען אַלע יידישע צײַטונגען וואָס דערשיינען אין דער אַמעריקאַנער זאָנע, אַן ערך 40."

„טאָ פֿאַרוואָס קענט איר מיך נישט און ווייסט גאָר נישט ווער איך בין?"

איך האָב אים געוואָלט עפּעס ענטפֿערן. ער האָט מיך אָבער נישט געלאָזט קומען צום וואָרט. געבנדיק שנעל אַ שיט אויס פֿון זײַן טשעמאָדאַן היפּנס צײַטונגען, האָט ער זיי פֿלינק צעשפּרייט פֿאַר מײַנע אויגן און בייזלעך געפֿרעגט: „דאָס האָט איר געלייענט? און די רעצענזיע איז אײַך גאָר נישט באַקאַנט? און די?..."

אָנקוקנדיק די „רעצענזיעס", האָב איך זיך אײַנגעהאַלטן נישט אויסצופּלאַצן אין אַ הילכיק געלעכטער. אין די געוויזענע צײַטונגען האָב איך געלייענט פֿאַרשידענע אַנאָנסן: „דעם און דעם קומט פֿאַר אַ טעאַטער־פֿאָרשטעלונג פֿון דער טרופּע... מיט דער באַטייליקונג פֿון די אַרטיסטן..." און א. וו.

אין אַלע צײַטונגען איז דער אַנאָנס געווען געדרוקט אין כמעט

דער זעלבער גרייס און אויך דער זעלבער טעקסט. נאָכן ווייזן מיר די אָ „רעצענזיעס", האָט ער צעוויקלט אַ פּרעכטיק־געדרוקטן פּלאַקאַט פון דער „קינסטלערישער טרופּע" אויף וועלכן עס איז געווען אויסגערעכנט אַלע מעלות טובות פון אַלע אַרטיסטישע „קרעפטן" און דער עיקר פון דעם „קינסטלערישן לייטער" און הויפּט־שפּילער מ—ן — טאַקע דער, וואָס איז פאַר מיר געשטאַנען. אין דער מיט אַפּיש איז געווען אָפּגעדרוקט אַ פּאָטאָ־בילד פון אַ טאַנצנדיקע נקבה מיט אַן אַרויסגעשליידערט פיסל פון אַן אויפגעהויבן און אין די זייטן צעפלויגן קלאָשן־קליידל. די פאַרגעשטעלטע „וועלט־באַרימטע טענצערין", אויפן אַפּיש, האָט מיט אַ פאַרמאַכט אייגל ווינקנדיק אַראָפּגעקוקט פון דעם בילד צו ציען די אויפמערקזאַמקייט פון די גאַסן־דורכגייער, וואָס האָבן מן הסתם באַוווּנדערט אירע האַלב אַנט־בלויזטן קערפּער. אויך, מיך, שוין אַ מענטש אין די יאָרן, האָט דער יצר הרע אַ קיצל געגעבן, זעענדיק איר שיין פּנימל, פיין אָנדולירט קעפּל האָר (שפּיציק אַרויף לויט דער דעמאָלסטיקער לעצטער מאָדע אין דייטשלאַנד) און איר טיף דעקאָלטירט קליידל, וואָס איז געווען אויף איר ביוסט אַזוי ענג צעצויגן, אַז מ'האָט אַזש אַרויסגעזען די ברוסט־וואָרצלען. מילא, מ'איז דאָך נאָר אַ בשר ודם.

„מיט וואָס קען איך אייך דינען?", האָב איך אים צום צווייטן מאָל געפרעגט.

„איך בין געקומען צו אייך, איר זאָלט מיך עפּעס אַריינשרייבן אין וועלכן עס איז בלאַט. וועגן פּרייז וועל איך זיך מיט אייך נישט דינגען. מיר וועלן אַדורכקומען. ווי איר קוקט מיך אָן, בין איך נישט פון די, וואָס פייפן אָן. אַ וואָרט איז ביי מיר אַ וואָרט. איך בין אַ וואַרשעווער יינגל פון ניזקע גאַס. אדרבא, כ'צאָל ערלעך, נאָר איך פאַרלאַנג סחורה. עטלעכע שרייבערלעך האָבן מיך אפילו אָנגעפּרייערט, ממש אָפּערירט. איר מיינט אַז אין די פּיצעלעך „רעצענזיעס" בין איך שולדיק? איך האָב ערלעך באַצאָלט. ס'קאָסט מיך שווער געלט — ממון מיט דמים. זיי האָבן מיך אָנגעפּרייערט, נאָר איך שוויג, כ'וועל זיי נאָך אַמאָל פּאַקן. נו, אַ קיצור, איך וויל איר זאָלט מיר מאַכן אַ לייטיש שטיקל אַרבעט און טאַקע עס אָפּדרוקן אין די מינכנער בלעטער, וואָס ווערן אַ סך פאַרקויפט. די „רע־

צעניזיעס" אין די פּראָווינצער בלעטער איז אַרויסגעוואָרפן געלט. קיינער לייענט זיי נישט, איך מוז מיך מיט די בלעטער אַרומשלעפּן און יעדן קולטור לייטער ווייזן זיי און מאַנכע פאַלן אפילו פאַרליינען. ווען איר וועט מיר אָבער אָפּדרוקן אַ לייטיש רעצענזיאַלע אין אַ מינכנער בלאַט, וועל איך האָבן דערפאָלג. ווי נאָר כ'וועל פאָר וועמען אַרויסזאָגן מיין נאָמען, וועט יענער שוין מיך קענען. איר ווייסט דאָך, אַז אין דער בראַנזשע איז דער עיקר צו זיין באַקאַנט און ווערן פון וועמען געלויבט.

„איך וואָלט איך גערן געהאָלפן, אָנשרייבן אַ „לייטיש שטיקל אַרבעט" ווי איר ווילט. אָבער צום גרויסן באַדויערן, קען איך נישט אַקעגן קומען אייער ווונטש, ווייל כ'האָב נאָך קיינמאָל נישט געשריבן קיין רעצענזיעס און דאָס איז דער בעסטער סימן, אַז מיר איז פרעמד דער אָ זשאַנער שרייבן. איך ווייס אפילו נישט, אין דער אמתן, ווי אַזוי דעם ערשטן זאַץ אָנצושרייבן.

„וואָס הייסט איר ווייסט נישט? אָפּחוזקן פון אַלע יידישע אַרטיסטן אין דייטשלאַנד קענט איר און שרייבן אַ שטיקל גוטע רעצענזיע פון עכטע אַרטיסטן קענט איר נישט?"

איך האָב אים אויפגעקלערט, אַז חוזקן איז לייכטער ווי לויבן... שרייבן אַן עכטע טעאַטער־רעצענזיע דאַרף מען האָבן אָפענע אויערן צו הערן טענער, זיין אַ מבין אויף באַוועגונגען, דערזען בילדער, האָבן שטודירט די טעאַטער־תורה און בכלל — האָבן די פעיקייט אָנצושרייבן אַ רעצענזיע.

הערנדיק מיין „דרשה", ווי ער האָט זי אָנגערופן, איז ער אַרויס מיט לשון:

„וואָס האַקט איר אַ טשייניק מיט אַזויפיל פרעמדע ווערטער. איר רעדט דאָך עפּעס ווי אַ גרינער און נישט ווי איינער פון דער בראַנזשע. אַנטשולדיקט מיר, חבר לעבן, אויב איר זענט אַ פאַכמאַן, זאָלט איר נישט זיין קיין יאָלד. שרייבט און פאַרדינט געלט, וואָרים פון די רעדאַקטאָרן וועט איר קיין ברויט נישט עסן. איך קען זיי גוט, די אַ חברה־לייט. זיי הייסן דעם עולם שרייבן און דערפון שאַרן זיי געלד. ווילט איר האָבן פּרנסה פון שרייבעריי, טאָ חברט איך ליבערשט מיט אונדז. שרייבט נאָ־

איינמאָל אָן אַ לייטיש שטיקל און איר וועט זען, וויפל אַמאַטאָרן ס׳וועלן צו אייך קומען. אירט מיר דאַנקן ס׳גאַנצע לעבן. איך זאָג אייך צו, מ׳עט צו אייך גיין ווי נאָך מצה־וואַסער, איר מוזט אָבער דעם רעדאַקטאָר אויך עפּעס געבן אָפּצולעקן... אַנישט וועט ער אייך דרוקן אַ פייג. איר ווייסט דאָך ווי מ׳זאָגט: „לעבן און לאָזן לעבן". שאַפט אייך עפּעס אַ רעדאַקטאָרל אַ „נאַש־בראַט" און סעט גיין אַ געשעפט."

„וויפל וועט איר דאָס צאָלן?" האָב איך אים נייגעריק געפרעגט.

„כ׳האָב שוין איינמאָל געזאָגט: לויטן שטיקל אַרבעט, דאָס הייסט, אויך לויט דער גרויס און אויך ווי עס וועט זיין געדרוקט. אויב אין אַ מינכענער בלאַט, וועט איר באַקומען פינף מאָל אַזויפיל. דער עיקר איז, אַז מיין נאָמען דאַרף דערמאָנט ווערן אַ סך מאָל.

ער האָט נאָך געוואָלט עפּעס רעדן אָבער איבערייסנדיק דעם זאַץ, האָט ער אַרויסגענומען צווייהונדערט באַנקנאָטן נייע דייטשישע מאַרקן און זיי אַוועקגעלייגט אויף מיין שרייב־טיש. מיין פרוי, וואָס זעט זייער זעלטן עפּעס אַ מטבע פון מיין שרייבערייַ, איז געוואָרן אַביסל איבערראַשט און איז שוין גרייט געווען דאָס געלט צוצונעמען, איך אָבער, האָב אים דאָס געלט צוריקגעגעבן און פאַרזיכערט, אַז כ׳וועל זיך באַמיען אין אָוונט צו באַזוכן זיין פאָרשטעלונג און באַלד נאָכן קאָנצערט, וועל איך פּרווון אָנצושרייבן אַ רעצענזיע. איך האָב דעם גאַסט גע׳הייסן איבערלאָזן זיין אַדרעס און נאָכן אָפּדרוקן, וועלן מיר זיך זען. איך האָב אים אויך געבעטן, אַז ביז איך וועל אים נישט איינלאַדן צו זיך, זאָל ער מיך נישט באַזוכן, ווייל איך בין זעלטן אין שטוב און נאָר צופעליק האָט ער מיך היינט געטראָפן אין דער היים...

הערנדיק מיינע ווערטער, האָט ער זיך אַזוי הילכיק צעלאַכט, אַז ער האָט מיך מיט זיין מויל אינגאַנצן באַשפּריצט „פון דעם קאָרן וועט שוין קיין ברויט נישט זיין", האָט ער אויסגעשריגן „אַ יאָלד בלייבט אַ יאָלד. וואָס פאַראַ קאָנצערט. וואָס דאַרפט איר זען ווי די כהנים דיכענען? וועלכער רעצענזענט איז דאָס שוין ביי מיר געווען אויף אַ קאָנצערט?! איך גיב אים אַ פּראָגראַם, דערצייל אים די מעשה מיט אַ מתנת־יד און ער דאַרף שוין וויסן דעם רעשט"...

זעענדיק, אַז איך וועל פון דעם נפש נישט קענען אַזוי גיך פּטור ווערן, האָב איך ביי אים גענומען אַ פּראָגראַם און צוגעזאָגט אים צו דערפילן זיין פאַרלאַנג. אַ צופרידענער און דאָך מיט אַ ביסל חשד, האָט ער זיך מיט אונדז געזעגנט און מיך צום סוף געבעטן: געדענקט, חבר שרייבער, מיין נאָמען מוז זיין דערמאָנט אַ סך מאָל און דער עיקר: פאַר אַ רעצענזיע אין די מינכנער בלעטער צאָל איך אַ געהויבענעם פּרייז. אויב כ׳וועל זיין צופרידן, וועל איך אייך שיקן אַ סך קליענטן״.

אַ דאַנק זיין ליבן נאָמען איז ער אַרויס פון מיין שטוב.

ווער דער אדם איז געווען, קען איך, פאַרשטענדלעך, נישט פּורש בשמו זיין, ווייל איך וויל נישט געהערן צו די „המבייש את פני״... נאָר טאָמער וועט דער אָ קליענט מיך אַמאָל פּאַקן און מיר מאַכן „שוואַרץ שבת״, פאַר נישט האַלטן דעמאָלט קיין וואָרט און נאָך דערצו פאַרן באַשרייבן די גאַנצע מעשה, וועט איר אייך שוין במילא דערוויסן זיין נאָמען.

לייפהיים

לייפּהיים

אַ טויער. ביים אַריינגאַנג אַ שילדל מיט אַן אויפשריפט: „ד. פּ.־קעמפּ” און אַ נומער. אין וואַך־הייזל איז געזעסן אַ יידישער אונראַ־פּאָליציסט און געדרימלט. אין הויף אייניקע נידעריקע, לאַנגע, טונקל־געטונקטע קאַזאַרמעס מיט אַלטע צעבראָכענע לאַמטערנס ביי די אַריינגענג. צווישן די הייזער זענען נאָך פאַרבליבן סמנים פון אַמאָליק געפּלעגטע גערטנער: פאַרטריקנט גראָז און פאַרדאַרטע פּרוכטן־ביימלעך.

— דאָס אַלץ איז געווען ביי מיין אָנקום איבערגעדעקט מיט אַ גרוי, פאַרוואָלקנטן הימל...

עס האָבן דאָרט געלעבט קרוב דריי טויזנט יידן, וואָס זענען אָפּגעראַטעוועט געוואָרן פון די דייטשישע מערדער און אומגעדולדיק, אויפסניי אָפּגעוואַרט אַ נס: וואָס שנעלער צו פאַרלאָזן דאָס דייטשישע לאַנד.

דעם לאַגער האָבן יידן גערופן: „לייפּהיים”.

עטלעכע קילאָמעטער פון דעם אָ לאַגער איז פאַראַן אַ צווייט לייפּהיים: אַ ציכטיק דייטש שטעטעלע מיט שמאָלע, בערגיק און טאָליקע גאַסן און געסלעך, באַוווינטע מיט דייטשישע משפּחות, אַלט־איינגעזעסענע און פון דער צווייטער וועלט־מלחמה נישט קיין געמינערטע. אָבער דאָס האָט די לייפּהיימער לאַגער־יידן ווייניק וואָס אינטערעסירט. אַז יידן האָבן גערעדט פון לייפּהיים, האָט מען נישט געמיינט דאָס דייטשישע שטעטל, נאָר דעם לאַגער.

אַריינקומענדיק אין דעם לאַגער, האָב איך באַלד באַגעגנט אַ סך גרופּעס טומלענדיקע יידן: קליין און גרויס, אַלט און יינג, פון ביידע געשלעכטער. מ׳האָט זיך געהיצט, געפּילדערט: „היתכן? צו צערייבן מיט איין מאָל אַזויפיל שאָקאָלאַד, ניספּוטער, קאַווע, סיגאַרעטן און

נאָך דאָרט זאַכן!" פון צווישן די טומלער האָט זיך דערהערט ווי אַן עלטערע פרוי געוואָלדעוועט: „מיינע פעטערס און מומעס אַרבעטן, נעבעך, אַזוי שווער אין אַמעריקע און מיר גיבן זיי גאָרנישט!" די געשרייען האָבן זיך פּלוצים אַביסל איינגעשטילט. דער צעהיצטער עולם האָט אָנגעהויבן צולויפן צו דעם מודעה־ברעטל אויף וועלכן אַ יינגערמאַנטשיק האָט אויפגעקלעפּט אַ באַקאַנטמאַכונג: „היינט פיר אַ זייגער קומט פאָר אַ גרויסע פאָלקס־פאַרזאַמלונג מיטן אָנטייל פון דעם לאַגער־קאָמיטעט, פּאָליציי־פאַרשטייער, דעלעגאַטן פון אַלע פּאַרטייען". האָבן זיך נייגעריקע גע־שטופּט, געוואָלט כאַפּן עפּעס אַ וואָרט, אַן אָנדייטונג וועגן דער גנבה אין לאַגער־מאַגאַזין. בשעתן לייענען האָבן זיך אויגן צאָרנדיק צעגלאָנצט, פּנימער האָבן געפלאַמט פון כעס.

„גיי אַוועק, ווי לאַנג איז דער שיעור? האָסט דאָך שוין אָפּגע־לייענט!" האָט זיך איינער צעשריגן און אַוועקגעשטופּט אַן אַנדערן, „כ'על זיי וויזן, די ראַבושניקעס! היינט איז געקומען זייער סוף", האָט זיך געהיצט דער אָפּגעשטופּטער, וואָס האָט זיך אָבער שנעל אָפּגעקילט, איבערלייענענדיק אַ צווייטע מעלדונג אויף אַ קאַזאַרמע־מויער, אַז היינט 7.30 אָוונט וועט אין „בית־עם" פאָרקומען אַ פידל־קאָנצערט פון דער באַוווסטער און טאַלאַנטפולער ווירטואָזין: יהודית ניימאַן־אורבאַך, אַבסאָל־ווענטין פון וואַרשעווער קאָנסערוואַטאָריום."

* * *

דער זאַל איז פאַרפולט מיט די לאַגער־איינוווינער. עס קומט פאָר די פאַרזאַמלונג. די רעדנער איז אוממעגלעך צו הערן. מ'שרייט, מ'לאַרעמט: „דעמיסיאָנירט! וואַרפט אַרויס די גנבים! נידער! מיר ווילן פאָרן אין צענטראַל־קאָמיטעט!" צעיאַכמערטע יידן רייסן זיך צום פּרעזידיום־טיש, ווילן זיך שלאָגן, זיך „מוסר־נפש" זיין פאַר דער גערעכטיקייט. אין זאַל שאַפן זיך צדדים, איינער וויל דעם צווייטן „איבערצייגן". מ'זידלט זיך. מ'שלאָגט זיך — ס'איז ליהודים!

* * *

אין אָוונט אויפֿן קאָנצערט־זאַל.

מ׳האָט זײ דערקענט אַלעמען: די זעלבע שלעגער, װילדע יונגען װאָס האָבן מיט שעהן פֿריער אַזױ געטומלט װעגן דער צוגעגנבעטער קאַװע מיט די סיגאַרעטן, זיצן איצט אויף זײערע ערטער שטילע, רויִקע. דער „בית־עם“־זאַל איז געפּאַקט פֿון עק ביז עק. פֿון דער פּריש־געמאַכטער בינע פֿאַרקלינגען קריסטאַל־ריינע, האַרציקע מעלאָדיעס. אָט האָט זיך דאָס סמיטשעקל געגעבן אַ צעלויף איבערן ברוינעם פֿידעלע און אַ לעבעדיק ארץ ישראל לידל פֿון ע. ברוין, האָט צעװיגט דעם פֿאַרדאַגהטן עולם. נאָכער הערן זיך װײטער אַזעלכע לאַנגע, װײנענדיקע כל־נדרי־מאָטיװן, װאָס צעברעכן די שוין אַזױ אויך צעבראָכענע געמיטער.

שװײגנדיק (װער װײנעדיק און װער זיפּצנדיק) האָבן די לאַגער־ יידן, דאָס ערשטע מאָל נאָך זײער באַפֿרײאונג, אויסגעהערט דעם פֿידל־ קאָנצערט. געהערט יעדע מעלאָדיע. יאָ פֿאַרשטאַנען, נישט פֿאַרשטאַנען, מ׳האָט געהערט. געהערשט האָט אין זאַל אַ הײליקע שטילקײט. די טענער פֿון דעם פֿידעלע האָבן, װײזט אויס, באַפֿרײט די יידן פֿון זײערע דאגות, אַרויסגענומען זײ פֿון דעם לאַגער־לעבן און מיט זײ אַװעקגעשװעבט אין אַ שענערער װעלט, װי מ׳האָט אין לאַגער געשטרעבט אַהינצוקומען.

כל נדרי אין לאגער־שול

כל-נדרי אין אַ לאַגער-שול

ערב יום כפור פאַרנאַכט.

פון קליינע, בערזענטענע מיליטער־צעלטן, וואָס האָבן פונדערווייטנס אויסגעזען ווי קברים־בערגלעך, זענען אַרויסגעקראָכן, ווי פון אונטער דער ערד, מענער־און פרויען־געשטאַלטן. מיט הכנעהדיק־געבויגענע קעפּ און שווערע, פאַרצערטע הערצער זענען זיי געגאַנגען צו דער כל נדרי־תפילה אין דער לאַגער־שול. —

סך־הכל עטלעכע טעג פאַרן יום הקדוש זענען די ד. פּ.־יידן אָנגעקומען אין דעם טראַנזיט־לאַגער. זייער ערשטע זאָרג איז געווען: „ווו וועט מען דאַווענען?”.

מ׳האָט געקלערט, געזוכט און ענדלעך געפונען אַ נידעריק באַראַקל, וואָס איז געשטאַנען ליידיק. נישט געווען אָבער קיין דערלויבעניש. האָט מען זיך באַמיט, אינטערווענירט, „איינגעלייגט וועלטן”, ביז די אָרטיקע אונראַ־לייטונג האָט באַוויליקט איבערצוגעבן די יידן דאָס נידעריק געמויערטע הייזעלע, וואָס איז אין דעם געוועזענעם דייטשישן מיליטער־לאַגער, געווען אַ פערד־שטאַל. נישט האָבנדיק קיין ברירה, האָבן די יידן געכאַפּט די „מציאה”, דאָס אומריינע באַראַקל און עס גאָר שנעל פאַרוואַנדלט אין אַ בית התפילה. מ׳האָט טעג און נעכט געמוזט שווער האָרעווען: גערייניקט פון מיסטן, פאַרווייסט די באַשמוצטע ווענט, אין די דיקע בעטאָן־מויערן אויסגעהאַקט פענצטער־לעכער, וווּ מ׳האָט אַריינגעפּאַסט פאַרגלאָזטע האָלץ־רעמלעך און אַריינגעצויגן עלעקטעריש ליכט. פון אַ געוועזענער עס־עס־קאַסערנע, וואָס האָט זיך געפונען בשכנות און איז געווען אַ אונראַ־לאַגער פאַר אוקראַינישע ד. פּ., האָט מען געבראַכט אַ שענקל, אָוועקגעשטעלט אויף דעם מזרח־ווענטל פאַר אַן אָרון־קודש. אין אָט

אַ דעם שענקל, ווו די דייטשישע מערדער האָבן געהאַלטן מן הסתם זייערע מכשירים, מיט וועלכע זיי האָבן געפּייניקט, געמאָרדעט אומשולדי־קע מענטשן, זענען אַריינגעשטעלט געוואָרן צוויי ספרי־תורות. דאָס ארון קודש איז פאַרהאָנגען געוואָרן מיט אַ בלאַנק־ווייס פּרוכתל, אויסגענייט מיט גאָלד־קאָלירטע פעדים, פונוואַנען ס'האָבן אַרויסגעגלאַנצט די לוחות מיטן „לא תרצח" און צוויי לייבן, וואָס האָבן, ווי חוזקדיק, אַרויסגע־שטעקט דער וועלט צוויי להכעיס־צונגען...

נעבן ארון־קודש איז געשטאַנען אַ קליינטשיק עמודל, איבער וועלכן ס'איז געוואָרן אויסגעכתיבהט, מיט רויטער פאַרב, גאָטס נאָמען: „י ה ו ה" און איבער דעם שם המפורש זיבן גאָר גרויסע, טרערן־פאַרמיקע ציפערן: 6.000.000 — די צאָל פון דעם דריטל יידיש פאָלק, וואָס די דייטשן האָבן פאַרטיליקט.

* * *

דאָס שולעכל איז איבערפולט מיט מתפללים: אין איין העלפט די מענער און אין דער צווייטער העלפט, אָפּגעטיילט מיט אַ בערעזענטן ווענטל, די ווייבער. די בעטנדיקע עדה, געבויגן איבער „דזשאָינט"־מחזו־רים, קלאַפּט זיך אַלע מאָל אין די הערצער אַזויפיל „על חטאס", בעט ביים אלוה־סליחות פאַרגעבונג פאַר די „זינד" וואָס אַלע פעלקער פון דער וועלט טוען, האָבן באַגאַנגען קעגן געשענדעטן יידישן פאָלק.

דער עלסטער פון דער תפילהדיקער עדה איז דער שליח־ציבור. דער אַ גרייז־גרויער זקן, וואָס האָט אין די מלחמה־יאָרן אַדורכגעמאַכט דעם היטלער־גיהנום, שטייט פאַרן עמוד, אויף וועלכן עס ברענען גרויסע יאָר־צייט־ליכט וואָס באַלויכטן גאָטס נאָמען מיט די ציפערן 6000.000, וויינענדיק, זיפצנדיק בעט ער דעם אל רחום וחנון, ער זאָל מוחל זיין די „זינד" פון דעם אייביק געפּייניקטן פאָלק ישראל און אויך זיינע אייגענע „זינד":

„ונסלח לכל עדת בני ישראל —
סלח נא לעון העם הזה
וסלחת לעוני, כי רב הוא."

מ'האָט אָפּגעדאַווענט.

מיט האָפענונג אין די הערצער, אַז דער סלהדיקער מלך הכבוד, דער הימלישער פאָטער, האָט אלעמען מוחל געווען די חטאים און וועט מן הסתם פאַרשרייבן אַ גוט־יאָר, איז דעם עולם געוואָרן עטוואָס לייכטער אויף די הערצער. אַלע האָבן זיך מונטער און לעבעדיק צעזונגען דעם לעצטן „ויתגדל" און זיך אומגעקערט צוריק אין זייערע לאַגער־צעלטן.

בשעת די פּלטים זענען אַרויסגעגאַנגען פון דער שול, האָט דאָס ליכט פון די עלעקטרישע לעמפּ און פון די נאָך צאַנקנדיקע יזכור־ליכט־לעך עטוואָס באַלויכטן זייערע מענטשלעכע געשטאַלטן. — ס'האָט נאָך איין ייד דערזען דעם צוויטן. אַז מ'האָט זיך אָבער דערווייטערט פון דעם בית־התפילה־ליכטיקייט און אַריינגעגאַנגען אין דער אָונטיקער חשכות וואָס האָט פאַרהילט דעם ד. פּ.־לאַגער, האָט שוין קיינער מער נישט געזען דעם אַנדערן.

מיטגייענדיק מיט מיינע לאַגער־יידן אין דער פינצטערקייט, האָב איך אַזוי געטראַכט:

„געהיימנישפול, ווונדערלעך ביסטו, טראַגיש יידיש פאָלק און גאָר שווער איז דיך משיג צו זיין, דו אומבאַגרייפלעכער גאָט, וואָס מיינע אָבות האָבן וואַנדערנדיק אין דער מדבר אויסגעטרוימט".

הארבסט אין סעדאָן
להתראות
פרייוויליקע

א

האַרבסט אין סעדאַן

(רעפלעקסן פון אַ יידישן ד. פּ.)

די ברייט צעצווייגטע, האַלב געל און האַלב גרין באַבלעטערטע ביימער, האָבן פאַרשטעלט די גרויע, ברייטע מויערן פון דער סעדאַן־קאַ־סערנע. איבער דעם פּירקאַנטיקן, קאַסטן־פאָרמיקן הויף האָט געהאָנגען אַ גרויער הימל. אין אַלע הויף־זייטן זענען געשטאַנען פאַרדאגהטע יידן, וואָס האָבן גערעדט וועגן עמיגראַציע־מעגלעכקייטן אין מעבר לימיקע לענדער.

אין מיטן הויף האָבן שול־קינדער געטאַנצט און מונטער געזונגען. פון אַ אָפן פענצטער האָט מען געהערט אַ פרויען־קול זינגען אַ לאַגער־לידל:

„כ׳קען אַ לאַנד
פון זון און ברויט
אַ פאָלק אין שאַנד
קעמפט מיט נויט.
וואַקס שוין שנעלער, מיין קליינער
ס׳וואַרט אַ האַמער און אַ באַגנעט
באַפרייען קאָן נישט קיינער
נאָר דער חלוץ און עליה־בית"

קיינער האָט אָבער נישט אויסגעהערט דאָס „לידל". נישט די עמי־גראַציע־קאַנדידאַטן און אויך נישט די פּאַפּיראָסן־הענדלער, וואָס האָבן גאָר געטענהט, אַז אין ווינטער וועט זיין קאַלט צו האַנדלען אין דרויסן.

דאָס שטיקל הימל האָט זיך פאַרוואָלקנט. ס׳האָט אָנגעהויבן בלאָזן.

אַ קאַלטער ווינט איז אַריינגעדרונגען דורך די געלעכערטע פענצטער אין די קאַזאַרמע־שטובן, ווו עס זענען געלעגן וויינענדיקע קינדער. פון דעם זעלבן פענצטער האָט מען געהערט די פרוי זינגען דאָס לאַגער־„לידל״:

„—ווײַן נישט מײַן קינד
אַ שאָד אַ טרער
גורל איז נישט זינד
צו זײַן אַ ייד איז שווער״

אַזוי האָט געזונגען אַ מאַמע, געבויגן איבער איר קינד, וואָס זי האָט געוואָלט וואַרעמען מיט איר קערפּער און איינשלעפערן. דאָס קליינטשיקע נפשל מיט די צוויי שוואַרצע, גלאַנציקע אייגעלעך, האָט געקוקט אויף דער מוטער, ווי פאַרחידושט, פאַרוואָס זי פאַרשטייט נישט, אַז די הענטלעך זענען רויט פון קעלט און קאָן נישט איינשלאָפן צוליבן הונגער.

אין דרויסן האָט אָנגעהויבן רעגענען. אין שטוב איז געוואָרן נאָך קעלטער.

———האָט זיך צעוויינט די מאַמע, געוויינט האָט דאָס קינד און געוויינט האָבן די פון רעגן־באַנעצטע ווענט צוזאַמען מיטן ווינט.

ב

פון צווישן די באַוואַלדעטע מזרח־בערג איז דער פאַרנעפּלטער פרימאָרגן אָנגעקומען אַ פאַרשפּעטיקטער. די שמאָלע אולמער געסלעך מיט די האַלב־חורבע הייזער זענען געוואָרן איינגעהילט מיט אַ גרויען, פייכטן נעפּל און אין דער גאַס האָט אַ נישט פאַרלאָשענער לאָמפּ באַלויכטן מיט אַ מאַט־ברוינלעך ליכט אַ שטיקל פאַרנעפּלטן חלל.

די אייביק־געמיטלעכע און לאַנגזאַמע דייטשן האָבן ווי פאַרשפּעטיקטע, געאײַלט איבער די גאַסן צו זייערע אַרבעטן.

די יידישע איינוווינער פון דער סטדאַן־„שטראַססע״ זענען נאָך געשלאָפן.

חיים יצחק, דער לאַגער־פירער, איז דער ערשטער געלאָפן אַרויס פון זיין שטוב. אויף דער שוועל פון הויז איז ער געבליבן שטיין. ער האָט דעם שווערן קערפּער צעצויגן, סתם אַזוי אַריינגעגענעצט אין דער פאַר־נעפּלקייט און אַריינגעקוקט אין לאַגער אַריין.

אַ בייסיק־נאַסער ווינט האָט פון דעם מודעה־ברעטל אַראָפּגעריסן די וואַל־פּלאַקאַטן, וועלכע האָבן נישט לאַנג צוגעזאָגט אַ סך גוטס די אַלע, וואָס וועלן ווידער אויסוויילן די לאַגער־באַלעבאַטים. די פּלאַקאַטן האָבן דעם עולם קודם פאַרנאַרט און נאָכער זענען זיי געלעגן אין דער בלאָטע, געוואָרן צעטרעטן פון די אַנטוישטע וויילער.

* * *

אין לאַגער־הויף.

אַ בלייך, שלאַנקע יינגע פרוי מיט צעשויבערטע, בלאָנדע האָר, אָנגעטון אין אַן אַלט צעריסן זומער־מאַנטל, האָט געאיילט פון דער קיך־דער־קיך. זי האָט געטראָגן אַביסל קאַווע און אַ קליינטשיק גלעזערן סלאָיקל און אַ ווייס שטיקל ברויט. — דאָס איז געווען אַ פּאָרציע פרישטיק פאַר איר קינד.

בעת זי איז אַריינגעקומען אין איר שטוב, האָט זי געמורמלט:

„אַ ביטערע קעלט אין שטוב. ס'גייט אַ ווינטער אויף מיין קאָפּ און מיט אַ פּיצל שוועלבל. האָלץ גיבן זיי ווייניק — צוואַנציק קילאָ אויף אַ גאַנצע וואָך". דאָס קליינטשיקע, צאַפּלדיקע נפשל האָט זיך געריסן מיט די רויטע הענטלעך צו דער אַריינקומענדיקער מוטער, וואָס האָט געברענגט דאָס עסן.

די פרוי האָט אָנגעהויבן זידלען דעם מאַן:

„אפשר וועסטו זיך אַ ריר טאָן פון אָרט, ברענגען פון ערגעץ אַ ביסל האָלץ?"

און דער קאַלטער ווינט האָט זיך דערוויל אַריינגעריסן דורך דער צעלעכטער טיר און פענצטער אין דער גרויער שטוב.

ג

להתראות

נאָך עטלעכע קאַלטע טעג אין וועלכע ס'האָבן ווינטן געשטורעמט, אַוועקגעבלאָזן דאָס לעצט ביסל האַרבס־וואַרעמקייט און מיט נאָסן שניי געיאָגט די מענטשן פון די גאַסן, איז דער דינסטיקדיקער פרימאָרגן געווען אַ פּראַסטיקער און אַ זוניקער. דער הימל איז געווען בלוי, וואָלקנלאָז און צוגעזאָגט אַן אָנגענעמען טאָג. די שמאָלע געסלעך האָבן עפּעס אויסגעזען ברייטער און לענגער — די שטאָט האָט זיך ווי צעעפנט.

אין דער העלקייט האָבן מאָדנע אויסגעזען די אַלטע, בלעטערלאָזע ביימער מיט די צעקרימטע צווייגן. וויניק־איבערגעבליבענע, טונקל־געלע, פאַרוועלקטע בלעטער, וואָס צו להכעיס אַלע ווינטן, זענען פאַרבליבן אויף די שפּיצן פון די קאַשטן־ביימער, האָבן מאָדנע אויסגעזען אין דער פּראָסטי־קער, זונקער לויטערקייט. עטלעכע יונגע בעריאָזקעלעך, וואָס די צעשטראַלטע זון, האָט דורך די ווייסע קאָרע־קליידלעך צעוואַרעמט די זאַפטן אין זייערע „קערפּערס", זענען געשטאַנען גלייך, באַוועגלאָז.

אויפן לאַגער־הויף איז אַ יינג פּאָרל געזעסן אויף דער באַנק און צווישן זיך שטיל געשעפּטשעט. דער בחור, אַ לאַגער־שרייבער, האָט פון אַ מאַנוסקריפּט אַרויסגעלייענט:

ס'האָבן פון ערד
וואָרצלען געהערט:
אַוועק וועט שטורעם און ווינטער
קיין שום זאַך גייט נישט אונטער
אָנגעהויבן דעם וואַנדער־וועג
האָבן שוין נייע פרילינגס־טעג.

נעבן דעם פּאָרל האָבן זיך אָנגעהויבן זאַמלען יינגע בחורים מיט מיידלעך. אַלע האָבן געטראָגן קליינע פּעקלעך מיט עסן און קליידונג —

געווען זענען דאָס ייִנגע חלוצים, וואָס האָבן זיך דאָרט געזאַמלט און אָפּגע־וואָרט די מאַשין, וואָס דאַרף זיי אַרויספירן פון דעם לאַגער.

אַנקוקנדיק זיי איז שווער געווען צו וויסן וואָס די ייִנגע מענטשן טראַכטן. — אַלע האָט דעמאָלט פאַראייניקט איין אידעע: צו דערגרייכן די ארץ ישראל־ברעגעס.

איינע, אַ גאָר פריילעכע, האָט באַמערקט: „אויף פאַרשידענע נעמען האָט מען אונדז שוין גערופן: „בעזשעניעץ" „פּאָלסקי־גראַזשדאַנין", „ספּע־פּערעשילעניעץ", „קאַצעטלער", „ד. פּי." איין נאָמען באַקומען מיר נאָך: „מעפּילים" און פאַרטיק. נאָכער וועט מען אונדז צוריק רופן ביי די ריכטיקע נעמען, גלייך ווי אַלע מענטשן, וואָס לעבן אין זייער היים, אין זייער לאַנד".

נעבן דער גרופּע האָט זיך געדרייט דער פּאַטער פון דעם מיידל. דאָס איז געווען אַן עלטערער ייִד מיט אַ קורץ, פּירקאַנטיק גרוי בערדל. מיט קיינעם האָט ער נישט איינגעטענהט. פלוצים האָט ער זיך אָנגעשטעלט, געהויבן צום הימל זיינע באַטרערטע אויגן און זיך פאַרקוקט. מיט די בלאַ־סע, צעקנייטשטע ליפּן האָט ער תפילהדיק געמורמלט:

„אָן אַ מכשול, טאַטע אין הימל, זאָלן די קינדער שוין אַמאָל אַהין דערפאָרן."

ס'האָבן זיך אַרום דער אָפּפאָרנדיקער יוגנט פאַרזאַמלט הונדער־טער לאַגער־ייִדן, וואָס האָבן אויף די חלוצים געקוקט מיט פרייד און צוגלייך מיט קנאה.

רעשיק זענען מאַשינען שנעל אַריינגעפאָרן אין דעם לאַגער. די פריילעכע חברה איז, אָן רעש, אָן געטומל, שנעל און סדרדיק איינגעשטיגן.

אַ פייף. אַ ציטער.

די לאַגער־טויערן האָבן זיך צעעפנט און ווייסע טיכלעך האָבן זיך פון דער אָפּפאָרנדיקער מאַשין צעפאָכעט אין דער זוניקער לופט. —

„להתראות! ל ה ת ר א ו ת!"

אַ ווינט האָט פייפנדק אַ בלאָז געטון.

די חלוצים זענען אָפּגעפאָרן.

פרומע ייִדן האָבן געזאָגט: „דאָס פייפן איז פון די נשמות פון

די צים טויט פאַרפייניקטע קדושים, וועלכע האָבן אַרומגעשוועבט אין די קאַסערנע־מויערן און זענען נאָכגעפלויגן זייערע קינדער־יתומים, זיי באַגלייט דעם לעצטן וואַנדער־וועג.

אַזוי האָבן, באמת, געמיינט די פרומע.

ד

פרייוויליקע

שטוטגאַרט.

קיין שום אייגנאַרטיקס האָט מען אין דער גרויסער, רעשיקער ווירטנבערגער רעזידענץ נישט באַמערקט. ווי אין אַלע דייטשישע שטעט זענען דאָ אויך, כמעט אויף אַלע גאַסן און סקווערן, געשטאַנען חרובע הייזער, צוזאַמענגעמישט מיט צעבראָכענע, רויטע דאַכוועקעס און פונדאַמענט־ציגל.

פון אַ טייל חורבות האָבן זיך, ספּעציעל, אַרויסגעמערקט צעבראָכענע, צעלעכערטע קוימענס, רעשטלעך פון דייטשלאַנדס שווערער אינדוסטריע און אַמוניציע־פאַבריקן, וואָס האָבן צוגעגרייט די מפּלה פון דעם „הערן־פאָלק" און טויט פאַר מיליאָנען מענטשלעכע לעבנס.

אין די שטאָט־גאַסן האָט מען אויך באַמערקט די זעלבע דייטשן זוי אומעטום. געגאַנגען זענען זיי שטיל, געמיטלעך, מיט געהויבענע קעפּ, געקוקט „גראַדע אויס". כמעט אַלע, די פיין־אויסגעפּוצטע דאַמען און די עלעגאַנטע הערן, האָבן מיט זייער ספּעציפיש געגנגל אויסגעזען ווי עלעקטרישע גולמס.

גאַנץ אַנדערש האָט אויסגעזען די ריינסבורגער שטראָסע — דער ייִדישער תחום המושב אין שטוטגאַרט. גרופּקעלעך ייִדן האָבן לעבעדיק פּאָליטיקירט, דיסקוטירט וועגן די אַקטועלסטע וועלט־פּראָבלעמען. אַממערסטנס איז דעבאַטירט געוואָרן וועגן דער פּראָקלאַמירונג פון דער ייִדישער מדינה, דער בלוטיקער אָנפאַל פון די אַראַבישע אַריינדרינגלער און וועגן

דער אָפּפרעווילקייט פון די לאַגער־יידן, וואָס שטראָמען מאַסנווייז, אין די גיוס־אָפּטיילונגען, בכדי עולה צו זיין קיין ישראל, זיך אָנשליסן אין די הגנה־רייען, זיי מיטהעלפן פאַרטיידיקן די ניי־געגרינדעטע מדינה.

באַמערקנדיק די־אָ דיסקוטאַנטן און שמועסער, די אַזוי תמיד צו אַלץ און אַלעמען פּאַסיווע, גלייכגילטיקע און אַזוי אָפּטמאַל ציניש לאַגער־מענטשן — איז געווען אַ וווּנדער ווי אַזוי מענטשן ענדערן זיך שנעל. זינט עס האָבן זיך אָנגעהויבן די גרויסע, היסטאָרישע געשעענישן, נאָכן פּראָקלאַמירן מדינת ישראל, איז די־אָ ד.פּ.־יידן נישט געווען צו דערקענען. די נעכטיקע „פאַרברענטע סוחרים", „גאָלד־שאַרערס", האָבן פאַרגעסן אין גאָלד־„גאָט". זייער גאַנץ וועזן איז געווען דורכגעדרונגען מיט די גורלדיקע געשעענישן אויף די ישראלדיקע שלאַכט־פעלדער, ווו דאָס יידישע פאָלק האָט אַ צווייט מאָל — נאָכן בלוטיקן געטאָ־אויפשטאַנד — העראָיש געקעמפט מיט גוט־אויסגעשולטע אַראַבישע אַרמייען.

צווישן די גרופּקעלעך שמועסער האָבן זיך אויך געפונען פרייוויליקע, וואָס זענען שוין באַשטימט געוואָרן עולה צו זיין. שטוינענדיק איז געווען אָנצוקוקן די־אָ פריילעכע, מונטערע, יידישע סאָלדאַטן.

איינער פון זיי, דווקא אַן עלטערער ייד (ווי ער האָט דערציילט פון יאָר 1897) האָט דערציילט, אַז דער אָרטיקער וועד הגיוס האָט אים, צוליב זיין הויכן עלטער, דיסקוואַליפיצירט און אַדאַנק דעם, וואָס אים איז געלונגען אַרויסצונעמען אַ צווייטן פּאַס, האָט מען אים דאַן דערליידיקט אַלע פאָרמאַליטעטן און „אַדאַנק דעם השם יתברכס הילף" וועט ער אינקורצן עולה זיין.

אויך האָט דער אַלטער דערציילט, אַז אין אולמער וועד העליה איז געקומען זיין שכנס זעכצניאָריק ייִנגל, גרשון מינץ, פון דער סעדאַן־קאַסערנע און געבעטן, מ'זאָל אים פאַרשרייבן. „איך בעט אייך", האָט ער אַנטשלאָסן צוגעגעבן, „מיין ענין צו דערלעדיקן שנעל".

אַ מיטגליד פון אָרטיקן וועד הגיוס האָט דעם בחור אויפגעקלערט, אַז ער האָט נישט קיין רעכט.

דאָס בחורל האָט זיך צעשריגן:

„כ'בין געזונט, האָב גענוג כוח צו קעמפן און וויל פאָרן. כ'ווייס,

מיינע עלטערן האָבן אייך אָפּגערעדט מיך נישט צו לאָזן פאָרן. אָבער איך ווייס שוין וואָס צו טאָן מיט מיין פּאַס. זאָגט מיין מוטער, אַז זי וועט מוזן מסכים זיין. איך וויל און וועל פאָרן!״.

„דער פאַקט״, האָט דער ייד ממשיך געווען זיין דערציילן, „האָט מיך פשוט נישט געלאָזט רוען. דאָס האָט מיך פאַרפאָלגט טעג און נעכט. דער פעסטער באַשלוס פון דעם קינד, די זיכערקייט פון זיינע ווערטער, זיין אַנטשלאָסנקייט, דער דעצידירטער אויסדרוק אויף זיין באַחנט פנים וועל איך תמיד געדענקען.

נאָך זיין אַוועקגיין, האָב איך חרטה געהאַט, פאַרוואָס איך האָב אים נישט פאַרהאַלטן בכדי מיט אים עפּעס צו שמועסן. איך האָב אים געזוכט אייניקע טעג.

אין אַ געוויסן פרימאָרגן, האָב איך אים געטראָפן, צווישן אַ גרופּע עולים־גיוסניקעס, פאַר זיין אַוועקפאָרן.

„דו האָסט, זע איך, אויסגעפירט״, האָב איך צו אים געזאָגט.

„געוויס״, האָט ער שטאָלץ געענטפערט. „ווער עס וויל, דער פירט אויס. איך האָב געוואָלט פאָרן און אָט זעט איר, כ׳פאָר״.

וועגן דעם בחור האָב איך אַ סך טעג געטראַכט. ער איז געווען פאַר מיר אומפאַרשטענדלעך די אָפּפערוויליקייט פון דעם בחור און נאָך אַזעלכע צענדליקער טויזנטער, וואָס זענען עולה געווען, בכדי אָנטיילצונעמען אין די פאַרטיידיקונגס־קאַמפן. זענען גרייט על קידוש השם והעם מקריב צו זיין זייער יונג, נאָר וואָס אָפּגעראַטעוועט לעבן.

זיינע ווערטער: „ווער עס וויל פירט אויס״, זיין מוטיקער טאַט, האָט מיך איבערצייגט, אַז יידן האָבן אָנגעהויבן ווילן אַן אייגענע מדינה און וועלן זי פאַקטיש האָבן.

„און אויך איך האָב זיך פרייוויליק צוגעשטעלט אין אַ גיוס־אָפּטיילונג, ווו מ׳האָט מיר געמאַכט שוועריקייטן צוליב מיין עלטער און דאָך, זעט איר, פאָר איך, אם ירצה השם, אויך קיין ישראל מיטהעלפן אויסקעמפן אונדזער היים״.

ווידערגעבורט

ווידערגעבורט

אַ היימלאָזער ד. פּ.־ייד האָט מיר דערציילט:

אַ גאַר אומרויִקע, שרעקלעכע נאַכט האָבן מיר איבערגעלעבט אין לאַגער. פון אָוונט ביז פאַרטאָג האָבן ווינטן, ווי בייזע רוחות, געשטורעמט. נישט מעגלעך געווען „צו כאַפּן אַ דזשים". פאַרטאָג האָט זיך דער הוראַגאַן עטוואָס געשטילט. מיר זענען קוים אַנטשלאָפן געוואָרן.

צוליב דער שטורעמדיקער נאַכט, וואָס האָט אַלעמען אַזוי דערשראָקן, נישט געלאָזט רוען, זענען כמעט אַלע לאַגער־מענטשן אויפצומאַרגנס געשלאָפן ביזן גרויסן טאָג, וואָס איז אויך געווען אַ וואָלקנדיקער, טונקעלער און זיך קנאַפּ אונטערשיידט פון נאַכט.

אויפן לאַגער־הויף איז געווען שטיל ווי אויף אַ בית־עלמין. מ׳האָט נישט געזען קיין איין מענטש. פון צייט צו צייט האָט מען עפּעס יאָ דערהערט פעסט־גייענדיקע טריט פון טייל דורכגייענדיקע דייטשן און ס׳איז ווידער געוואָרן שטיל.

ווער ווייסט ווי לאַנג, מיר לאַגער־יידן, וואָלטן נאָך געשלאָפן אין די קאַסערנע־באַראַקן, ווען עס וועקן אונדז נישט אויף פעסט־מאַרשירנדיקע טריט און הויך קלינגענדיקע ווערטער:

אחת, שתים, שלוש, ארבע.

אחת. אחת. חת. חת. חת. חת

די טריט פעסט! די קערפּערס גלייך!

גלייך! די בליקן פאָרוועדטס!"

מיט אָט די ווערטער האָט געקאָמאַנדעוועט אַ גאָר יינג בחורל. צום טאַקט פון פעסטן גאַנג און ווערטער־געקלאַנג, האָבן ריטמיש אויסגעקלאַפּט טריט פון עטלעכע הונדערט יונגעלייט. —

דאָס האָט מאַרשירט, דורכן קאַזאַרמע־הייפל, די אין לאַגער נאָר וואָס געגרינדעטע, חלוצישע בריגאַדע, וואָס האָט געמאַכט, הינטער דער שטאָט מיליטערישע איבונגען און זיך געגרייט עולה צו זיין קיין ישראל. פון זייערע אַקסלען האָבן אַרויסגעשטאַרט, צווישן די שטאָלץ־דערהויבענע קעפּ, הילצערנע ביקסלעך. דער מדריך מיט דער בריגאַדע האָבן געזונגען:

„זאָג נישט קיינמאָל, אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג,
כאָטש הימלען בלייענע פאַרשטעלן בלויע טעג...
קומען וועט נאָך אונדזער אויסגעבענקטע שעה
ס'וועט אַ פּויק טון אונדזער טראָט — מיר זענען דאָ!"

זייערע טריט האָבן טאַקע, אין דעם פינצטערן פרימאָרגן, אויף דעם לאַגער־הויף אַ פעסטן פּויק געטון: די פאַרשלאָפענע ד. פּ.־ייִדן האָבן זיך אויפגעוועקט. אין די קאַזאַרמעס האָבן זיך געעפנט פענצטער פון וועלכע די היימלאָזע האָבן פאַרגאַפטע אַרויסגעקוקט, טייל, דער־זעענדיק, אויפן לאַגער־זייגער, די שוין שפּעטע שעה, האָבן מיט שמייכלע־דיקע אויגן און הענט־צייכנס געדאַנקט די צוקונפטיקע ייִדישע זעלנער, וועלכע האָבן זיי אויפגעוועקט. געווען זענען אויך אַזעלכע, וואָס האָבן בייז געוואָרטשעט, פאַרוואָס די טומלענדיקע ציוניסטן האָבן זיי געשטערט דעם זיסן שלאָף. די מאַרשירנדיקע בריגאַדע האָט אָבער קיינעם פון די פענצטער און זייטן־קוקערס נישט באַמערקט. געהאָרכזאַם האָבן די חלו־צים מאַרשירט לויט די אָנווייזונגען פון זייער מדריך, וואָס האָט זיי אַרויסגעפירט פונעם אייזערנעם לאַגער־טויער. זינגענדיק זענען זיי צו־געגאַנגען צו דעם סאָסנע־וועלדל, אַנטקעגן דעם לאַגער.

דער מדריך האָט באַפוילן: „עמוד!"

די מאַרשירנדיקע פיס האָבן זיך צוזאַמענגעקלאַפּט: שיך צו שיך. וואַרטנדיק האָבן אַלע געקוקט אויפן בריגאַדיר, זייענדיק גרייט אויסצו־פירן זיין באַפעל. דאָס מדריך־בחורל האָט זיך אַרומגעדרייט, געקאָנטראָ־לירט די דיסציפּלינירטקייט פון זיין בריגאַדע. זיין רויטלעך פּנים האָט אויסגעדריקט צופרידנקייט. מיט צונויפגעפּרעסטע ליפּן האָט ער נחת־דיק געקוקט אויף דער בריגאַדע, ווי אַ מייסטער אויף זיין אויסגעפּאַרטיקט, געלונגען ווערק. נאָך איניקע שווייגנדיקע מינוטן האָט ער באַפוילן: „פּויזע!"

די שורות חלוצים זענען אַריין אין וואַלד, זיך צעטיילט אין צוויי מחנות.

איינער נאָענט צום צווייטן האָבן זיי זיך צעזעצט אויף פריש־אָפּ־געשיילטע, שוין עטוואָס פאַרטריקנטע סאָסנע־קלעצער און פיענקעס. אַ ווײַלע זענען זיי געזעסן שווייגנדיק.

„חברה!" האָט אויסגערופן אַ יונגער חלוץ, „וואָס זיצט איר עפּעס אַזוי שטיל? רעדט עפּעס, אָדער לאָמיר אָנהייבן זינגען. גענוג געטרויערט, לאָמיר פריילעך זיין".

אַ צווייטער האָט אים אָפּגעענטפערט:

„אין די מלחמה־יאָרן פלעגן די רוסן זאָגן: און אויף אונדזער ערד וועט זיין יום טוב." מיר דאַרפן, וואָס שנעלער, פאָרן אין לאַנד, עט העלפן אויסקעמפן. ווען ארץ וועט זיין אונדזער, וועלן מיר זיך פרייען".

אַ דריטער האָט געזאָגט:

„ארץ ישראל מוז זיין אונדזערס. חברה וואָס זאָגט איר צו די ארץ ישראל־יאַטן. זיי זענען חברהלייט! אוי גיבן זיי די אַראַבער גאַז, אַז ס'גייט אַזש אַ פאַרע".

„יאָ יאָ", האָט זיך אָנגערופן אַ באַפּאַהטער יונגערמאַן, „זיי גיבן גאַז, איר זעט?" האָט ער מיטן פינגער אָנגעוויזן אויפן הימל, „ווייל השם יתברך וויל אַזוי. מיטן שכל איז עס נישט משיג צו זיין, סיידן ס'איז עקבתא דמשיחא. האָרכטס אויס: השם יתברך קען אונדז אויך געבן ס'לאַנד אָן קאַמף. אָבער אין ספרים ווערט געברענגט אַז פאַר דער גאולה, וועט מען דאַרפן קעמפן, ווי אַמאָל מיטן כנען־פאָלק."

„צום אָנגריף!" האָט פלוצים אויסגערופן דער בריגאַדיר.

איילנדיק האָבן זיך אַלע אויפגעשטעלט. זייערע פנימער זענען געוואָרן אַזוי ערנסט, ווי פאַר אַ ריכטיקן אָנגריף. שנעל האָט יעדער גענומען זיין „ביקסל", לאָפּאַטקע און, אומר ועושה, זיך געשטעלט אין דער ריי, אָפּוואַרטנדיק אויף ווייטערדיקע באַפעלן.

„קעמפּט רויק", האָט דער בריגאַדיר אָנגעהויבן זיין לעקציע, דער עיקר איז צו זיין קאַלטבלוטיק. חברים געדענקט, שטענדיק מוז אַ סאָל־דאַט מיט זיך האָבן די לאָפּאַטקע. אַן איר האָט די ביקס אַ קנאַפּן ווערט.

פאַרשטאנען? איצט חברה, עטוואָס טיפער אין וועלדל. נאָכן ערשטן באַפעל, צעלייגט זיך אויף דער ערד, אָפּגערוקט איינער פון דעם צווייטן און געהאַרכזאַם טוטס דאָס, וואָס מיר האָבן זיך אויסגעלערנט נעכטן. עטלעכע הונדערט מעטער פון אונדז ליגט דער „שונא". מיר מוזן אים גאָר שנעל, בליצאַרטיק באַזיגן.

די חברה איז זיך שנעל צעלאָפן.

„פאַלן" האָט אויסגעשריגן דער בריגאַדיר.

אויף פייכטער ערד האָבן זיך אַלע אויסגעצויגן, איילע אויסגעגראָבן גריבלעך, ווי זיי האָבן באַהאַלטן די קעפּ הינטער די ערד־בערגלעך.

„פייער!" האָט באַפוילן דער בריגאַדיר פון אַן אָבסערוויר־בוים. ס'האָט זיך באַלד דערהערט אַ מיידל־שטים: „צום אָנגריף! צום אַטאַק!" דעם בריגאַדירס שטימע האָט ווידער געהילכט: „דער שונא האָט פאַרלוסטן". ס'האָבן זיך געהערט נאָך אַלאַרמירנדיקע קולות פון בריגאַדירן, וועלכע האָבן „געקעמפט" מיט זייערע בריגאַדעס, מיט די „אָנגרייפער".

„צום אָנגריף!" האָט צום צווייטן מאָל געדונערט אַ באַפעל.

די „קעמפער" זענען אַרויסגעלאָפן פון וועלדל און באַגעגנדיק גרופן פון דעם „שונאס" אַרמיי, וואָס זענען אַרויסגעלאָפן פון אַנדערע וואַלד־פונקטן. עס האָט זיך פאַנאַנדערגעפלאַקערט אַ „בלוטיקע שלאַכט". די לופט איז פאַרהילכט געוואָרן מיט אויסגעשרייען: „פייער! פייער!" ס'האָט זך אַנטוויקלט אַ שווערער „קאַמף". נאָך אַ שטאַרקן קעגן־אָנגריף האָט דער „שונא" זיך צוריקגעצויגן און איבערגעלאָזט אויפן פעלד אַ סך „טויטע". „פאַרשטאַרקן דעם אָנגריף!" האָט געשריגן איין בריגאַדיר פון די וואַלד־טרופּעס. „פייער! פייער!" האָט געהילכט אַ צווייטער. אַ דריטער האָט באַפוילן: „האַרמאַטן־פייער מינאָמיאָטלער, פאַרדרייפאַכיקט אייער אַרבעט! טויט דעם שונא!".

די יידישע בריגאַדע האָט נאָכגעיאָגט די אַנטלאָפענע „אַראַבער". ווייט, ווייט איז דער שונא אַנטלאָפן, די יידן האָבן זיי אָבער נאָכגעיאָגט, צעקלאַפּט די קעמפנדיקע רעשטלעך און גענומען אַ סך געפאַנגענע.

נאָך די איבונגען זענען זיך אין וואַלד צוזאַמענגעקומען אַלע ברי־גאַדעס, וועלכע האָבן זיך געדריקט די הענט.

דער עולם חלוצים האָט זיך אויפסניי צעזעצט. ווישנדיק דעם שווייס פון די צעיאַכמערטע פנימער, האָט איינער דעם צווייטן דערציילט זיינע „סוקצעסן" ביים „קאַמף".

נאָך אַ קורצער פויזע האָבן די בריגאַדירן באַפוילן: „אויפשטיין!".

„אין דער ריי" האָט באַפוילן דער הויפט מדריך, וואָס האָט אַלעמען דאָ אַהערגעפירט. נאָך אַ קורצן אַפּעל, האָט ער מיט דער חלוצים־בריגאַדע צוריקמאַרשירט אין דעם ד. פּ.־לאַגער.

* * *

מיטאָג־צייט.

אויפן טומלענדיקן לאַגער־באַזאַר האָט זיך פלוצים דערהערט אַ הילכיק געזאַנג:

„מיר וועלן זיך נישט לאָזן שעכטן מער..."

דאָס געזאַנג, באַגלייט מיט ריטמישע מאַרש־טריט, האָט זיך דער־נענטערט, געוואָרן שטאַרקער, פאַרמאַכט די מיילער פון דעם טומלענדיקן הייפל הענדלער, וועלכע האָבן פאַר די לאַגער־יידן אָנגעבאָטן זייערע „מציאות". —

די בריגאַדע האָט אַריינמאַרשירט אין לאַגער־הויף.

„אחת, שתים, שלוש, ארבע.

אחת, אחת, תתת..."

זאָל לעבן די הגנה!

„זאָל לעבן די יידישע מדינה", האָט אויסגעשריגן איינער פון די מאַרשירנדיקע. „זאָל לעבן" — רופן האָבן אָפּגעהילכט פון צעעפנטע פענצטער. ס'האָבן אויך מיטגעשריגן די תמיד אויפן לאַגער־הייפל אַרומ־שפּאַצירנדיקע ליידיק־גייער און באַזאַר־קרעמער.

„זאָל לעבן אַ יידישע אַרמיי!" האָט אַן עלטערע פרוי אַרויסגעשריגן פון אַ פענצטער און פון אַלע לאגער זייטן האָבן אָנאויפהער געהילכט קו־לות: „זאָל לעבן! זאָל לעבן! זאָל לעבן!!!".

די זינגענדיקע חלוצים, וואָס האָבן דורכמאַרשירט דעם לאַגער, האָבן אָפּגעדאַנקט די באַגריסנדיקע יידן. „זאָל לעבן!" האָבן אַלע היימלאָזע לאַגער־איינוווינער זיך צעשריגן און געפּאַטשט מיט די הענט.

אַלע וואָס האָבן זיך דעמאָלט געפינען אין דעם ד. פּ.־לאַגער זענען געווען גאָר באַגייסטערט. אפילו די תמיד גלייכגילטיקע קרעמער, האָבן אויך מיטגעשריגן „זאָל לעבן", אינסטינקטיוו אָנגעהויבן התלהבותדיק פּאַטשן מיט די הענט, פון וועלכע עס זענען אַרויסגעפאַלן די אַמעריקאַנישע מציאות־אַרטיקלען, וואָס זענען דורך דעם באַגייסטערטן עולם צעטרעטן געוואָרן אויפן שמוציק־פאַרבלאָטיקטן אַספאַלט.

אַזוי האָט מיר אַמאָל, אין לאַגער דערציילט אַ ד. פּ.־ייד, ווען כ'האָב אים אַ יום־עצמאות־פרימאָרגן באַגעגנט אין תל־אביב, בעת אַ מיליטער־פּאַראַד פון אונדזער צ. ה. ל.

„איר געדענקט וואָס איך האָב אייך דערציילט אין לאַגער „סעדאַן" וועגן די יינגע חלוצים, וואָס האָבן זיך געלערנט ווערן יידישע סאָלדאַטן?". האָט ער פריידיק מיך דערמאָנט. „יאָ, יאָ, מר ישראל, עס איז דאָרט אין דעם דייטשישן טמא־לאַנד געווען גאָר טרויעריק. וויטיקלעך איז געווען צוצוקוקן ווי די מערדער פון אונדזער פאָלק לעבן אַזוי שנעל אויף, באַנייען זייער מלוכהש און ווירטשאַפטלעך לעבן. מיר האָבן דאַן געקוקט מיט צער און ווייטיק. אָבער געלויבט איז דער שומר ישראל, אַז מיר האָבן דאָס דערלעבט צו זען אין אונדזער אייגענעם לאַנד. מיט השם יתברכס הילף וועלן מיר נאָך דערלעבן אַ סך נחת פון אונדזער מדינהלע. —

„הזורעים בדמעה ברנה יקצורו —
עם ישראל חי וקים".

אינהאַלט:

	זייט
היימקערער	7
א. פרימאָרגן אויפן דאַנאַו ב. פרימאָרגן אין ד.פ.־לאַגער	57
דאָס לעצטע רינגל	71
אין אַ פינצטערן װאַגאָן	83
זי האָט נישט געקאָנט אויסקלייבן	91
דאַנאַו־באַסטיאָן	99
דאָס „שטעטעלע" במדבר	115
בליידאָרן־קאַסערנע	107
זיי האָבן פּערשפּעקטיקט	125
פונק־קאַסערנע	133
אַ לעבן אויף רעדער	141
ציגנאַלן	151
דער אימפּרעסאַריאָ מיט זיינע „רעצענזיעס"	161
לייפהיים	169
כל נדרי אין לאַגער־שול	175
האַרבסט אין סעדאַן	181
להתראות	186
פרייוויליקע	188
װידערגעבורט	191